STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13593

# LODZSHER ALMANAKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# לאָדזשער
# אַלמאַנאַך

יובילײ - בוך

לאָדזשער בר. 324 א.ר.

ISBN:0-657-13593-3 6410

Digitized by the Internet Archive
in 2012

http://archive.org/details/nybc213593

# לאָדזשער אלמאנאך

•

ארויסגעגעבן לכבוד דעם 25-
יאריקן יובילײ פון לאדזשער
ברענטש 324 ארבעטער רינג
1909—1934 ניו-יארק

•



PUBLISHED BY

Lodzer Branch 324 Workmen's Circle

809 Westchester Ave.

Bronx, N. Y.

234 ORIOM PRESS, Inc. 42 W. 18th ST. N. Y.

פאר דער דאזיקער צייכנונג דריקן מיר אויס אונזער דאנק דעם לאדזשער קינסטלער ארטור שיק.

די צייכנונג איז א טייל פון א ציקל בילדער אונטער דעם נאמען דער קאלישער „סטאטוט" און שטעלט מיט זיך פאר א באריקאדן קאמף אין רעוואלוציע יאר 1905. דאס דאזיקע בילד טראגט אויף דעם אריגינאל די פאלגנדע ווידמונג: „לאדזש, מיין געבורטס־שטאט, דאס דאזיקע אנדענקונג פון מיין קינדהייט. א רירנד בילד פון דעם הערואישן קאמף געגן דעם אונטערדריקער 1905".

# פאָרוואָרט

ווען אונזער ברענטש האָט באהאנדלט די פראגע אויף וואָס פאר אן אופן צו פאראייביקן די יובילײ ראטע פון א 25 יאָריקער עקזיסטענץ פון לאָדזשער ברענטש 324 ארבעטער רינג, איז באשלאָסן געוואָרן ארויסצוגעבן א זאמל־בוך וואס זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם פאראנט־וואָרטלאָבן נאמען „לאָדזשער אלמאנאך”.

עס מוז אבער געזאָגט ווערן, אז ניט אלע מיטגלידער זייַנען איינגעגאנגען אויף אזא מין בוך. אייניקע האָבן געוואָלט א געוויינלאָבן „סאָוועניר בוך” אין וועלכן עס זאָלן זיין די אומ־פארמיידלאָבע בילדער און דער באנאלער „פיבליסיטי שטאף”. די מערהייט האָט אבער באַ־שלאָסן ארויסצוגעבן א בוך מיט היסטאָרישע אָפּהאנדלונגען פון דער אידישער ארבעטער באַ־וועגונג און אנהויבנדיק פון דער געשיכטע פון אידן אין לאָדזש בכלל און פארענדיקנדיק מיט דער אלגעמיינער און אידישער ארבעטער באוועגונג בפרט.

חוץ דעם האָט די רעדאקציע געשטרעבט צו קריגן מאטעריאל וועגן דער טעטיקייט פון די לאָדזשער סאָציאליסטישע ארבעטער אין די פאראייניקטע שטאטן.

מיר האָבן געהאט גרויסע שוועריקייטן. די רעדאקציע וואָס איז באשטאנען פון גאָלדזי שיבקע, לאזאר בעקער און דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, האָט זיך געמיט צו באקומען דעם סאמע אויטענטישן מאטעריאל וועגן דער לאָדזשער ארבעטער באוועגונג, אויף וויפיל דאס האָט זיך איינגעגעבן זאל אורטיילן דער לעזער.

לאָדזש פארנעמט א חשובן פלאץ אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראטור און קונסט. מיר האָבן געהאלטן דעריבער פאר וויכטיק צו געבן א קליינע אנטאלאָגיע פון לאָדזשער פאעטן און אויך אייניקע ארטיקלען אין וועלכע דער לעזער וועט געפינען אינטערעסאנטע ידיעות וועגן דעם ישיבות צווישן דעם אידישן פראָלעטאריאט אין לאָדזש און דער ליטעראטור.

מיט'ן דאָזיקן בוך האָבן מיר ניט בדעה אויסצושעפּן די טעמע לאָדזש. מיר זיינען אבער זיכער, אז אונזער בוך געהערט ניט צו דעם מין צופעליקע סאָוועניר אויסגאבן מיט וועלכע עס גרעסן צום באדייערן ארויס די ברענטשעס פון ארבעטער רינג און ענלאבע ארגאניזאציעס.

צום סוף ווילן מיר באדאנקען די אלע וואָס האָבן אונז געהאָלפן אין צוזאמענשטעלן אונזער אלמאנאך און גאנץ באזונדערס מיין פריינט דר. יעקב שאצקי, וועלכער האָט מיט זיינע עצות פיל געהאָלפן אז דאס בוך זאל האָבן דעם פנים וואָס עס האָט.

דאס בוך ווערט איבערגעגעבן די מיטגלידער פון אונזער ברענטש אלס א מתנה צום 25־יאָריקן יובילײ מיט דער האָפנונג אז די מיטגלידער אונזערע וועלן געפינען אין די פארשידענע ארטיקלען און זכרונות די גאָלדענע פעדים וואָס פארבינדן זיי מיט זייער היימשטאָט לאָדזש.

פאר דער רעדאקציע קאָלעגיע

גוסטאוו אייזנער,

פארזיצער

# אינהאַלט:


פארווארט ..... 3

בן־עליעזר — ווי אזוי אונזער ברענטש איז געגרינדעט געווארן ..... 5

יעקב קראקאו — צוויי שפאלטונגען ..... 8

בצלאל שטערן — אונזער ברענטש קומט ווידער צום לעבן ..... 12

לאזער בעקער — אין איצטיקן מאמענט ..... 14

גאלדע שיבקא — די ארבעטער פרוי און דער ארבעטער רינג ..... 17

ה. מ. פודלאווסקי — פארוואס איך בין א מיטגליד פון ארבעטער רינג ..... 19

א. אלפערן — ווער זיינען געווען די ערשטע לאדזשער אידן ? ..... 20

דר. פיליפ פרידמאן — צו דער געשיכטע פון אידן אין לאדזש ..... 21

א. אלפערן — די ערשטע אידישע שניידער אין לאדזש און זייער סאציאלער קאמף ..... 25

ע. איינענקעל — דער ערשטער בונט פון די לאדזשער ארבעטער ..... 28

דר. יעקב שאצקי — צו דער געשיכטע פון דעם אידישן שול וועזן אין לאדזש ..... 30

גוסטאוו אזייבער — דער לאדזשער „ראבונעק” פון 1892 ..... 33

אן אלטער באקאנטער — דער אנהויב פון דער אידישער ארבעטער באוועגונג אין לאדזש ..... 42

משה קארמאן — ווינטער אין א דארפישן הייזל (ליד) ..... 46

ב. מיכאלעוויטש — די לאדזשער אידישע ארבעטער באוועגונג (מעמוארן) ..... 47

די ערשטע געהיימע דרוקעריי ..... 50

סובער אבראמאוויטש — זכרונות ..... 51

ס. שעלי — דער „פראנואל” אין וואלד ..... 56

ש. פעפער — א מאי דעמאנסטראציע אין לאדזש אין 1903 ..... 58

א. טשעמערינסקי — לאדזש אין יאר 1905 ..... 59

י. מ. פאזנאנסקי — „תמות נפשי עם פלשתים” (אן עפיזאד פון לאדזשער „מאניעזש”) ..... 62

גוסטאוו אייזנער — בראנזלאגיע פון רעוואלוציאנערן קאמף אין לאדזש פון די יארן 1905-6 ..... 64

דוד דובינסקי — מיין פראלעטארישער דעביוט אין לאדזש (זכרונות) ..... 75

אריה — ב. בוראכאוו אין לאדזש ..... 77

בעני טראי — זכרונות פון דער אידישער פראקציע פ. פ. ס. ..... 79

מאיר לאקס — שיינע רייזל די גייטארקע (זכרונות) ..... 81

ת. א. מאביאש — צווישן ארבעטער־ציוניסטן אין לאדזש ..... 82

אדוואקאט פיאטר קאן — די קריגס געריכטן אין לאדזש אין די יארן 1907-1909 ..... 87

מאיר ווארשאווסקי — זכרונות פון טורמע לעבן ..... 89

י. מ. פליאט — די אידישע ארבעטער אין לאדזש בעת דער דייטשער אקופאציע ..... 93

פראפ. ה. גליצנשטיין — פרישמאן און הירשענבערג ..... 97

י. ל. פרץ וועגן א לאדזשער גביר'ס לויה ..... 100

ג. א. — אונזערע קלאסיקער אויף א באזוך אין לאדזש ..... 101

דר. צבי כהן — צו דער געשיכטע פון דער אידישער פרעסע אין לאדזש (ערינערונגען) ..... 106

ת. ראדאשיצקי — לאדזש מיט אירע דיכטער און שריפטשטעלער ..... 108

א. גלאניץ־ילעיעלעס — מיינע צוויי מאל לאדזש ..... 111

אברהם רייזען — שלום אש'ס א יובילייאום געפייערט אין לאדזש ..... 114

מ. תמין — גרים מיין טאכטער אין אמעריקע ..... 117

שלום אש — לאדזש (פון דעם בוך „ווארשע”) ..... 119

אנטאלאגיע פון לאדזשער דיכטער ..... 124

דאקומענטן פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג ..... 129

באגריסונגען ..... 139

# אונזערע פינף און צוואַנציק יאָר

בן־אליעזר

## ווי אַזוי אונזער ברענטש איז געגרינדעט געוואָרן

כדי צו זיין אומשטאנד איבערצוגעבן די געשיכטע פון אינזער ברענטש, האָבן מיר זיך געדאַרפט ווענדן צו אייניקע פון די טוער, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין דער גרינדונג פון ברענטש. די אָפיציעלע דאָקומענטן פאר דעם גאנצן פעריאָד איז אוממעגלאך צו קריגן; זיי זיינען פארלאָרן געוואָרן אין דער צייט פון די שפּאלטונגען, וועלכע אונזער ברענטש האָט דורכגעמאכט. אין דעם איבערבליק וועלן מיר זיך ניט אָפּשטעלן אויף דעטאַלן. אויך איז שווער צו קריגן די פּינקטלאכע דאַטעס. ס'איז זייער שווער צו געדיינקען פּינקטלאך דעם טאָג אין א משך פון 25 יאָר. דעריבער וועלן מיר איבערגעבן די וויכטיקסטע עטאַפּן און מאָמענטן אין דער גרינדונג און טעטיקייט פון אונזער ברענטש ביז צו דער ערשטער שפּאלטונג.

נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905, האָט זיך די רעאַקציע אין רוסלאנד (איינגעשלאָסן פּוילן) מוראדיק פארשטארקט. דער זייער קורצער פּעריאָד פון ניקאָלאַיס „קאָנסטיטוציע" איז אריבער און עס האָבן זיך אנגעהויבן פארפאָלגונגען אלע, וועלכע זיינען פארדעכטיקט געוואָרן אין אומלאָיאַליטעט צו דער „קרוין".

די פּאָליצייאישע פארפאָלגונגען האָבן געצוואונגען פיל רעוואָלוציאָנערן צו פארלאָזן זייערע היימען און זיך באזעצן דאָרט, וואו די האַנט פון דער רוסישער אָכראַנע האָט זיי ניט געקענט גרייכן. אין יענע יאָרן איז אמעריקע רעקלאַמירט געוואָרן אלס א לאַנד פון פּאָליטישער פרייהייט און אויך אלס א לאַנד, וואו מ'קען מאכן א „שיין לעבן". דאָס האָט געדינט אלס א צוציאונגס־קראַפט. א מאַסע אימיגראַנטן האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך אמעריקע. לאָדזש האָט בייגעשטייערט איר חלק. צווישן די ניי־אָנגעקומענע זיינען געווען א סך רעוואָלוציאָנערן, צווישן די לעצטע א מאַיאָריטעט בונדיסטן.

אין יאָר 1906 האָט א גרופּע אַקטיווע בונדיסטן זיך אָרגאַניזירט אין לאָדזשער בונדישן אונטערשטיצונג פאראיין. די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו שאַפן מיטלען פאַר'ן פּוילישן בונד.

דער לאָדזשער אונטערשטיצונגס פאראיין האָט עקזיסטירט א קורצע צייט. אין 1907 האָט אין די פאראייניקטע שטאַטן אויסגעבראָכן דער קריזיס. מיליאָנען זיינען ארויסגעוואָרפן געוואָרן אין גאַס. א גרויסע צאָל פון די מיטגלידער פון לאָדזשער בונדישן אונטערשטיצונגס פאראיין האָבן פארלאָרן זייער באשעפטיקונג. און זיינען געצוואונגען צו פארלאָזן ניו יאָרק און גייען נאָך ארבעט. די עקאָנאָמישע לאַגע אין אמעריקע האָט זיך געהאַלטן אין איין פארערגערן. עס איז געוואָרן כמעט אוממעגלאך צו שאַפן מאַטעריעלע מיטלען. אזוי ארום, אונטערן דרוק פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס איז זיך דער לאָדזשער בונדישער אונטערשטיצונגס פאראיין צופאַלן.

פון די מיטגלידער פון לאָדזשער בונדישן אונטערשטיצונג פאראיין איז פארבליבן א גרופע פון 5 מענטשן, וועלכע האָבן זיך געהאלטן צוזאמען. האָט די גרופע באַשלאָסן ניט אויפצוגעבן די אַרבעט פון שטיצן דעם „בונד“. אבער צוריק ברענגען צום לעבן דעם לאָדזשער אונטער־שטיצונג פאראיין איז געווען אוממעגלאך. די גרופע האָט געפילט, אז מען דארף באַשאַפן אזא ארגאניזאציע, וועלכע זאָל זיך פארנעמען מיט זאמלען שטיצע פאר'ן „בונד“ און אין דער זעל־בער צייט כדי צוזוציען מיטגלידער, זאָל די אָרגאַניזאַציע אויך זיין א געגנזייטיקע הילפס־ארגאַניזאציע. איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן א לאָדזשער בראַנטש פון ארבעטער רינג.

צו יענער צייט האָט שוין אין ניו יאָרק עקזיסטירט א לאָדזשער בראַנטש—בראַנטש 38. די גרופע פון 5 האָט זיך ניט געוואָלט אָנשליסן אין יענעם בראַנטש, ווייל דער עלעמענט דאָרטן איז געווען א געמישטער. און זיי האָבן געוואָלט האָבן א לאָדזשער ב ו נ ד י ש ן בראַנטש. לויט'ן געזעץ פון ארבעטער רינג האָט מען געדאַרפט האָבן 25 מיטגלידער כדי צו קריגן א טשאַרטער פאר א בראַנטש. אויב אין שטאָט איז שוין געווען איין בראַנטש מיט'ן זעלבן נאָמען. דאָס איז געווען א שטערונג. האָט די גרופע אנגעהויבן ארבעטן צוזאמענצוברענגען 25 לאָדזשער בונדיסטן. די ארבעט איז געווען א שווערע. נאָך א סך אנשטרענגונגען איז אין מיט'ן פון 1908 געלונגען צוזאמענצוקלייבן 18 מענטשן. אָבער דאָ איז ארויפגעשוואומען א נייע פּראָבלעם: כדי אריינצוטרעטן אין ארבעטער רינג, האָט יעדער מיטגליד געדאַרפט איינצאָלן 2.50 דאָלאר צום אָרדן און 50 סענט צום דאָקטאר. צוזאמען 3 דאָלאר. אזוי ווי דער גרעס־טער טייל פון די 18 זיינען געווען קבצנים, האָט מען ניט געקענט זאמלען צווישן זיי די נויטיקע סומע געלט. די קאַסע האָט פארמאָגט אינגאנצן 30 דאָלאָר.

איז מען געפאלן אויף א פּלאַן: אראנזשירן אן אונטערנעמונג און די איינקונפט זאָל גיין פאר איינצאָלן איינטריט־געלט פאר די מיטגלידער. מען האָט געדונגען דעם בעטהאַוווען האָל און מ'האָט אנגעהויבן איבּעטיק ארבעטן פאר דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג, וועלכע איז פארגעקומען ווינטער 1908.

די אונטערנעמונג איז געווען א גרויסער מאָראַלישער דערפאָלג. עס איז געקומען א גדויי־סער עולם און ס'האָט זיך געדוכט, אז די גרינדונג פון בראַנטש איז שוין געזיכערט. דער טשאַר־טער איז שוין געווען כמעט ווי אין קעשענע. אז מ'האָט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל האָט זיך אבער אַרויסגעוויזן, אז דער דערפאָלג איז געווען ב ל ו י ז א מאָראַלישער. פינאַנציעל איז די אונטערנעמונג געווען א דורכפאַל. מען האָט דערלייגט דעם גאנצן פארמעגן — 30 דאָלאר. דאָס האָט שלעכט געווירקט אויף די מיטגלידער און פון 18 איז ווידער געבליבן פינף.

די 5 האָבן זיך ווידער פארוואנדלט אין א איניציאַטיוו־גרופּע און אנגעהויבן ארבעטן צו קריגן די נויטיקע 25 מענטשן, כדי צו קענען קריגן א טשאַרטער פאר א בראַנטש. אין אנהויב יאָר 1909 איז געלונגען צוזאמענצוברענגען 15 מיטגלידער. פון די 15 האָבן בלויז 10 גע־קענט באַצאָלן זייער איינטריט־געלט. פריינט ב. איז ראָן פלוצלונג רייך געוואָרן — ער האָט געקראָגן ארבעט — האָט ער אויסגעלייגט דאָס געלט פאר די איבעריקע פינף. מורא האָבנדיק, אז אויב זיי וועלן גלייך ניט קריגן א טשאַרטער וועלן זיך די מיטגלידער ווידער צוקריכן, האָט מען געשיקט א קאָמיטע צום נאַציאָנאַלן אָפיס צו פאָדערן א טשאַרטער פאר א בראַנטש פון א ה. דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט געראָטן צו רופן א מיטינג אויף וועלכן עס וועט זיין אנוועזנד איר פארטרעטער. אזא מיטינג איז גערופן געוואָרן און דער פארטרעטער האָט צוגעזאָגט צו רעקאָמענדירן צום נאַציאָנאַלן אָפיס ארויסצוגעבן א טשאַרטער.

דעם 12טן מאַי 1909 איז אָפיציעל אינסטאַלירט געוואָרן אלס דער לאָדזשער בונדישער בראַנטש 324 אַרבעטער רינג.

ביי דעם ערשטן מיטינג איז באַשלאָסן געוואָרן, אז יעדער מיטגליד זאָל צאָלן 15 סענט א קוואַרטל פאר'ן „בונד“ און 20% פון אלע אונטערנעמונגען זאָל גיין פאר'ן זעלבן צוועק.

אין ניו יאָרק האָט דאַן עקזיסטירט א לאָדזשער רעוואָלוציאָנערער אונטערשטיצונגס פאַר־איין. האָט דער פאַראיין פארגעשלאָגן זיך אנצושליסן אין בראַנטש 324, אויב דער בראַנטש וועט צושטימען, אז א טייל פון די געלטער וואָס וועלן געשאַפן ווערן פאר'ן „בונד“ זאָל גיין פאַר אנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. דער בראַנטש האָט נאָכגעגעבן דער פאָרלאַנג.

דער בראַנטש האָט אָנגעהויבן וואַקסן און אַנטוויקלען אַ טעטיקייט. אָבער לאַנג האָט עס אַזוי ניט געדויערט. אין יאָר 1910 האָבן די מיטגלידער, וועלכע זיינען געקומען פון רעוואָלוציאָנערן אונטערשטיצונגס פאַראיין דורכגעפירט אַ פאָרשלאַג, אַז די צאָלונג פאַר׳ן „בונד“ זאָל אַרונטערגענומען ווערן. צוליב דעם באַשלוס האָבן אַ טייל מיטגלידער פאַרלאָזן דעם בראַנטש און אַנדערע זיינען געוואָרן פאַסיוו.

שפּעטער זיינען די מיטגלידער ווידער אַקטיוו געוואָרן און דער בראַנטש האָט אָנגעהויבן וואַקסן. דער בראַנטש האָט דערגרייכט אין די שפּעטערע יאָרן אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום פינף הונדערט.

די מלחמה־יאָרן האָבן שאַרף צוטיילט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף צוויי לאַגערן: איין טייל פון די סאָציאַליסטן האָט גע׳טענה׳ט, אַז ס׳איז דער חוב פון די אַרבעטער צו פאַרטיידיקן זייער „פאַטערלאַנד“ און צו באַזיגן דעם שונא; דער אַנדער טייל האָט גערופן דעם אַרבעטער־קלאַס צו באַזיגן זיין אייגענע בורזשואַזיע און מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה.

דער קאַמף איבער דער פראַגע איז געווען שאַרפער אין אייראָפּאַ איידער אין די פאַראייניגטע שטאַטן, ווייל די פאַראייניגטע שטאַטן זיינען אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה ערשט אין 1918 און ביז יענער צייט האָט זיך די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געהאַלטן ביי דער סעינט־לואיסער רעזאָלוציע געגן מלחמה, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער סאָציאַליסטישער קאַנווענשאַן אין סעינט לואיס אין יאָר 1917.

דעריבער איז די פראַגע ניט געווען אַזוי שאַרף אויסגעשטעלט אין אַמעריקע ווי אין אייראָפּע. אויך אין בראַנטש האָט די פראַגע דאַן ניט אַרויסגערופן אַ סך דיסקוסיעס.

ווען אַמעריקע איז אין יאָר 1918 אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה, האָבן זיך אין די סאָציאַליסטישע רייען באַוויזן פּאַטריאָטן, פאַרטיידיקער פון „פאַטערלאַנד“. אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע פירער ווי ס פּ א ר ג א, האָבן גערופן די אַרבעטער מקריב זיין זייערע לעבנס פאַר די קאַפּיטאַליסטישע אינוועסטמענטס און דער „דעמאָקראַטיע“.

די רוסישע רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1917 האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די פראַגע. דער רעוואָלוציאָנערער פליגל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט מיט פרייד אויפגענומען די נייעס וועגן דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. די רעפאָרמיסטן זיינען אַרויסגעטראָטן געגן דער עטאַבלירונג פון דער סאָוועטן־רעגירונג, און פאַר דער שטעלונג פון די רוסישע מענשעוויקעס, אַז אין „רוסלאַנד“ איז ניט רייף פאַר אַ רעוואָלוציע, אַז אַ בורזשואַזע רעפּובליק איז די אידעאַלסטע זאַך.

די פראַגע: פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אָדער פאַר בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וואָס אין דער איצטיקער סטאַדיע פון אימפּעריאַליזם, מיינט עס בורזשואַזע דיקטאַטור, האָט געפירט דערצו, אַז אין יאָר 1918 איז אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָרגאַניזירט געוואָרן דער לינקער פליגל, דער דאָזיקער פליגל איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין יאָר 1919, און אין דעם זעלבן יאָר האָבן די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געהאַלטן אַ צוזאַמענפאָר אין שיקאַגאָ און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן.

באַטש דער אַרבעטער רינג אַלס אַ גאַנצער איז אָפיציעל געווען אַן אינטער־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, און אַרבעטער פון אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען האָבן געמעגט באַלאַנגען צו אים, פונדעסטוועגן איז עס געווען אַן אָפענער סוד, אַז דער אַרבעטער רינג, — צוליב דעם וואָס די מערהייט מיטגלידער זיינען געווען סאָציאַליסטיש געשטימט — איז געווען געפירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט דעריבער געהאַט איר אָפּקלאַנג אין דעם אַרבעטער רינג. דאָס זעלבע האָט זיך געמערקט אויך אין בראַנטש 324.

סוף יאָר 1919 האָבן זיך אין אונזער בראַנטש קלאָר באַוויזן צוויי געגנזעצלאַכע פּאָליטישע אַנשויאונגען: די קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע. ביידע גרופּן האָבן געשטרעבט צו איבערגעווינען די מיטגלידערשאַפט אויף זייער זייט.

יעקב קראַקאָו

# צוויי שפּאַלטונגען

מיט דעם אויפקום פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אויך געקומען אַן ענדערונג אין דעם גערעכטיקייט־גאַנג פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג.

די לינק־געשטימטע אַרבעטער האָבן זיך גרופּירט אַרום דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איר פּרעסע; די אַנדערע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז דאָס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין אָרגאַניזירטע גרופּעס אין יעדן טייל פון דער אַרבעטער באַוועגונג.

ביז׳ן יאָר 1922 איז די צוטיילונג נאָך ניט געווען אַ שאַרפע. עס האָבן דאַן עקזיסטירט בלויז לינקע סענטימענטן, וועלכע האָבן נאָך ניט באַקומען קיין אָרגאַניזירטן אויסדרוק. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אין דער ערשטער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז די אידישע פעדעראַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אויסגעאיבט אַן איינפלוס אויף דער אידישער אַרבעטערשאַפט, פאַרבליבן במעט גאַנץ.

די צווייטע שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1921, האָט אין דער אידישער פעדעראַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָנגעמאַכט אַ חורבן. צווישן די אָפּגעשפּאַלטענע האָבן זיך געפונען אַנגעזעענע פירער פון אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי אויך פירנדיקע טוער אין אַרבעטער רינג. גלייך נאָך דער שפּאַלטונג, אין אָנהויב יאָר 1922 איז געגרינדעט געוואָרן די „פרייהייט“, וועלכע האָט געגעבן אויסדרוק צו דעם לינקן פליגל אין דער אַרבעטער באַוועגונג, איינגעשלאָסן דעם אַרבעטער רינג.

ביז דער טאָראָנטער קאָנווענשאָן, האָט דער אַרבעטער רינג אָפיציעל ניט גענומען קיין שטעלונג אין דער פראַגע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויף דער טאָראָנטער קאָנווענשאָן האָבן די רעכטע געזיגט. זיי האָבן אָנגענומען די מענשעוויסטישע שטעלונג בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די שטעלונג פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט פון אַרבעטער רינג האָט געהאָלפן די לינק־געשטימטע עלעמענטן צו שמידן זייערע רייען און אַנטוויקלען אַ קאַמף פאַר שטיצן די סאָוועטן־מאַכט, פאַר מיליטאַנטן קאַמף פון די אַרבעטער פאַר זייערע טאָג־טעגלאַכע נויטן, געגן קאָרופּציע און גענגסטעריזם אין דער אַרבעטער באַוועגונג. די אַלע קאַמפן האָבן באַלד געפונען זייער אָפּקלאַנג אין אַרבעטער רינג און אין אונזער ברענטש.

ביידע צדדים זיינען געווען אָרגאַניזירט. יעדער צד האָט געהאַט אַ „סטירינג קאָמיטע“ (פירנדיקע קאָמיטע), וועלכע האָט אויסגעאַרבעט די פּלענער ווי אַזוי בעסער צו פירן דעם קאַמף, ווי אַזוי צו באַזיגן דעם געגנער. יעדער צד האָט געזען קריגן וואָס מער נאָכפאָלגער און דורכדעם זיינען די מיטינגען פון ברענטש געווען אויסערגעוויינלאַך גוט באַזוכט.

דער ערשטער וויכטיקער קאַמף אין ברענטש איז פאָרגעקומען איבער דער פראַגע פון שטיצן דעם „רזשאַינט עקשאַן“ קאַמף אין דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, אין יאָר 1925. די לאָקאַלן 1 (קלאָוקמאַכערס), 9 (פינישערס) און 22 (דרעסמאַכער) האָבן דערוויילט לינקע אַדמיניסטראַציעס. דאָס איז געווען ערב דעם היסטאָרישן קלאָוקמאַכער סטרייק, בדי פּטור צו ווערן פון די לינקע „טראָבל־מאַכער“, וועלכע האָבן געדראָט איבערצונעמען די פירערשאַפט פון דער אינטערנעשאַנאַל, האָבן די רעכטע פירער (זיגמאַן און אַנדערע) אויסגעשלאָסן די לינקע פירערשאַפט פון די אויבנדערמאָנטע לאָקאַלן. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ שאַרפן קאַמף אין דער אינטערנעשאַנאַל. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון א. ר. האָט זיך גע־

שטעלט אויף דער זייט פון די רעכטע. די רעכטע אין אונזער ברענטש האבן געשטיצט די אויסשליסונג פון די פירער פון די רדיי לאקאלן אין רער אינטערנעשאנאל. די לינקע גרופע האט געשטיצט דעם קאמף פון דער מאיאריטעט מיטגלידער אין דער אינטערנעשאנאל, וועלכע האבן זיך אנטקעגנגעשטעלט די ביוראקראטישע מעטאדן און פישרות־מאכעריי פון די פירער פון דער אינטערנעשאנאל.

אין ארבעטער רינג זיינען פאראן א סך מיטגלידער פון די דרעס און קלאוק פאכן. האט דער קאמף אין דער אינטערנעשאנאל גלייך אפגעקלונגען אין ארבעטער רינג אין אלגעמיין און אויך אין אונזער ברענטש. דער קאמף האט פארשטארקט דעם לינקן פלינל אין אונזער ברענטש, און עס האט נאך בולט'ער געמאכט די צוטיילונג אין אונזער ברענטש.

די אונטן געגעבענע פאקטן זיינען א גוטע אילוסטראציע ווי אזוי יעדער צד האט רעאגירט אויף פאסירונגען.

אין זומער 1927 האט די „פרייהייט" ארראנזשירט א פיקניק און האט ארויסגעשיקט בילעטן צו אונזער בדענטש. אין דער עקזעקוטיווע האט א מיטגליד פון דער לינקער גרופע געמאכט א פארשלאג, אז דער ברענטש זאל נעמען בילעטן פאר 15 דאלאר. די רעכטע, וועלכע זיינען געווען אין א מאיאריטעט, האבן דעם פארשלאג דורכגעווארפן. האבן די לינקע מיטגלידער געבראכט א מינאריטעט־באריכט צום מיטגלידער מיטינג, און אזוי ווי די לינקע גרופע איז געווען בעסער פארטראטן ביי דעם מיטינג, איז דער מינאריטעט באריכט אנגענומען געווארן. די רעכטע האבן דאס ניט געקענט פארטראגן. אויב דער באשלוס זאל דורכגעפירט ווערן, וועט דאס מיינען, אז אונזער ברענטש שטיצט די לינקע באוועגונג. דאס טאר מען ניט דערלאזן. האט מען אנגעהויבן מאבילאזירן די כחות. צום צווייטן מיטינג זיינען די רעכטע געקומען פולשטענדיק ארגאניזירט, אויפגעפאדערט, אז די פראגע וועגן נעמען בילעטן פאר'ן „פרייהייט" פיקניק זאל ווידער אויפגענומען ווערן. זיי האבן גע'פועלט. די פראגע איז ווידער אויפגענומען געווארן. נאך א ביטערן קאמף האבן די רעכטע צוריקגעוויזן דעם באשלוס פון לעצטן מיטינג.

דא איז אינטערעסאנט צו זאגן א פאר ווערטער וועגן דער ראל פון די „צענטריסטן". אין אונזער ברענטש איז געווען א צאל מיטגלידער, וועלכע האבן נע'טענה'ט, אז זיי באלאנגען ניט צו קיין צד. ווען די פראגע וועגן „פרייהייט"־פיקניק איז אויפגעהויבן געווארן אין דער עקזעקוטיווע, האבן די צענטריסטן געטענה'ט, אז מען זאל צוריקציען דעם פארשלאג, ווייל דאס איז א „פארטייאישער" פארשלאג. ווען די לינקע האבן זיך אפגעזאגט צוריקצוציען דעם פארשלאג, האבן דאן די אומפארטייאישע „צענטריסטן" געשטימט מיט די רעכטע.

און אט איז א צווייטער פאל:

אין דעם זעלבן יאר 1927 איז אין די פאראייניקטע שטאטן געקומען א פארטרעטער פון בונד אין פוילן צו זאמלען געלט פאר דער בונדישער „פאלקסצייטונג". די רעכטע פירער פון ברענטש האבן איינגעלאדן דעם ראזיקן פארשטייער אין אונזער ברענטש. נאכדעם ווי דער בונדישער פארשטייער האט אפגערעדט, האט איינער פון די רעכטע געמאכט א פארשלאג, אז דער ברענטש זאל אסיגנירן 100 דאלאר. מען דארף האבן אין זינען, אז דער „בונד" האט שארף באקעמפט די לינקע באוועגונג אין פוילן און פארנומען א פיינטלאכע שטעלונג בנוגע דעם סאוועטן־פארבאנד. און דא האבן די „אומפארטייאישע" צענטריסטן דעמאנסטרירט ווי אומפארטייאיש זיי זיינען. ניט נאר האבן זיי געשטיצט דעם פארשלאג צו געבן 100 דאלאר פאר דער „פאלקסצייטונג", נאר זיי זיינען געווען די הויפט פארטיידיקער פון פארשלאג. זיי האבן נראד מאטיווירט זייער האנדלונג מיט דעם, אז דאס איז אין די אינטערעסן פון אומפארטייאישקייט. ביי דעם זעלבן מיטינג איז אויך באשלאסן געווארן, אז אזוי ווי דער ברענטש האט פון פריערדיגן א באשלוס, אז ער זאל ניט אויסגעבן מער ווי 4 דאלאר א מיטינג, זאל דער ברענטש אין פארלויף פון נעקסטן יאר ניט געבן קיין שטיצע צו קיין ארגאניזאציע. דאס איז הויפטזאכלאך געצילט געווארן געגן די לינקע.

די לינקע גרופע האט אומאויפהערלאך געארבעט אריבערצוגעווינען די מאיאריטעט מיטגלידער אויף איר זייט, און איז געווען דערפאלגרייך אין איר ארבעט. אין די וואלן פאר באאמטע פאר דעם טערמין 1928, האבן די לינקע דערוויילט די גאנצע ארמיניסטראציע פון

ברענטש. די רעכטע, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אייניקייט, האָבן ביי דער געלעגנהייט באוויזן ווי ערנסט זיי זיינען געווען אין דער פראגע. ווען זיי האָבן געהאט די מאַיאָריטעט אין ברענטש, האָבן זיי געפאָדערט, אז אלע מיטגלידער מוזן זיך אונטערוואַרפן די באשלוסן פון דער מאַיאָריטעט. אבער אזוי שנעל ווי זיי האָבן פארלאָרן דעם איינפלוס אויף די מיטגלידער, האָבן זיי אנגעהויבן פלאַנירן ווי אזוי צו צוברעכן דעם ברענטש. זיי האָבן אנגעהויבן א שטילע רעקרוטיר־קאמפּאַניע צווישן די ברענטש־מיטגלידער אויף דורכצופירן א שפּאַלטונג. אין אנהויב יאָר 1928 האָבן זיי זיך אפּגעשפּאָלטן — א קליין גרופּקעלע. די איבערוועגנדיקע מערהייט איז פארבליבן אין ברענטש.

נאכדעם ווי די רעכטע האָבן זיך אפּגעשפּאָלטן, זיינען די רייסערייען פארשוואונדן. דער ברענטש איז געווען פולקאָם אייניק און האָט זיך אקטיוו באטייליקט אין אלע ארויסטרעטונגען פון דער לינקער באוועגונג, און אויך געגעבן איר מאטעריעלע שטיצע. דער ברענטש האָט פּולסירט מיט לעבן. עס זיינען פארגעקומען לעקציעס, דיסקוסיעס א. ד. ג. עס איז פארשוואונדן די קאָזאַנשטשינע. די טעמפּעטער־פראגע איז ארונטערגענומען געוואָרן פון אויבן־אָן. קולטורעלע פראגן האָבן פארנומען איר אָרט. אויב די פריערדיקע מיטינגען זיינען געווען גוט באזוכט צוליב'ן קאמף פון גרופּן, זיינען איצט די מיטינגען געווען גוט באזוכט צוליב דעם וואָס די נייע פירערשאפט האָט אריינגעבראכט א פרישע אטמאָספערע, א לעבעדיקן צוגאַנג צו פראגן. מען האָט אויפגעקלערט די מיטגלידער, אז דער ארבעטער רינג איז ניט בלויז א קראנקן־קאַסע, נאָר א הילפס־ארגאניזאציע פאר'ן קאמף פון ארבעטער־קלאַס. מען האָט אויפגעקלערט די מיטגלידער, אז די פירערשאפט פון ארבעטער רינג האָט זיך פאקטיש אפּגעזאָגט פון די צילן, וועלכע דער א. ר. האָט זיך געשטעלט ווען ער איז געגרינדעט געוואָרן. דער יאָר 1928 קען פארעכנט ווערן פאר'ן לעבעדיקסטן אין פּרט פון טעטיקייט אין דער גאנצער געשיכטע פון אונזער ברענטש. דאָס איז געווען מעגלאך בלויז דערפאר, ווייל פון דעם מאָמענט ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז ארגאניזירט געוואָרן, האָבן אירע מיטגלידער טוער אין די יוניאָנס און אין ארבעטער רינג, קאָנסעקווענט דעמאָנסטרירט דורך ממשות'דיקע טאטן, אז זיי זיינען פאראינטערעסירט אין פאראייניקן די ארבעטער אויף א פּראָגראַם פון קאמף פאר זייערע אינטערעסן. אזוי איז עס געווען ביז אָן ערך אנפאנג פון יאָר 1929.

צום סוף יאָר 1928 האָט זיך שוין אנגעהויבן מערקן, אז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי הויבט אָן בייטן איר אָריענטאַציע. די ערשטע סימנים האָבן זיך באוויזן אין דער טרייד־יוניאָן באוועגונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך פארנומען אויפ'ן וועג צו בויען אייגענע רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס. די פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט ניט געלאָזט רוען דער געדאנק וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אזא שטאַרקן קאָנטראָל אין פילע יוניאָנס, האָבן זיי אויך באשלאָסן צו שאפן „אייגענע" יוניאָנס. נאָר אזוי ווי אריבערגעווינען די מיטגלידערשאפט פון די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס איז ניט קיין גרינגע זאך, עס מיינט טאָג־טעגלאכע אנגעשטרענגטע ארבעט, האָט מען דערפונדן א „גרינגערן" וועג: באשאפן „אייגענע" יוניאָנס. דער ערשטער שריט איז געמאכט געוואָרן אין די פּאַר, קלאָוק און דרעס פאַכן. די אויסשליסונג־פּאָליסיס פון די רעכטע פירער אין די יוניאָנס האָט ארויסגעהאָלפן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוועקלאָזן זיך אויפ'ן דואַל־יוניאָניסטישן, שפּאַלטערישן וועג. כל־זמן דער ערשטער שריט איז געמאכט געוואָרן אין שפּאַלטן ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָבן שוין מער אנטוויקלטע מיטגלידער אין אונזער ברענטש פארשטאַנען, אז ביי די יוניאָנס וועט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ניט אָפּשטעלן. אז די שפּאַלטונג וועט אריבערגעטראָגן ווערן אויך אין ארבעטער רינג. לאַנג האָבן מיר ניט געדאַרפט וואַרטן. אנפאנג יאָר 1929 האָט מען זיך שוין אויף א גאָר הויכן קול גע'סוד'עט וועגן דעם, אז מען דאַרף ארויסגיין פון „באָסישן" ארבעטער רינג און אריינטרעטן אין אינדעפּענדענט ארבעטער רינג, אין וועלכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געהאט א שטאַרקן איינפלוס. די שטעלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו ארבעטער אָרגאַניזאַציעס האָט ארויסגערופן אן אומצופרידנהייט צווישן א גרויסער צאָל מיטגלידער פון דער לינקער גרופּע אין אונזער ברענטש. עס האָבן זיך אנגעהויבן מיינונגס־פארשיידנהייטן.

אבער א געוויסע פאליסי פון א פאליטישער פארטיי ווערט ניט געבארן איבערנאכט. זי נייט דורך א פעריאד פון אנטוויקלונג און פארמירונג. אין 1929 האבן מיר באקומען שוין א פארענריקטע טעאריע פארוואס מען דארף שפאלטן דעם ארבעטער רינג. אבער סימפטאמען פון וועלן ראמינירן האבן זיך געמערקט שוין סוף יאר 1928.

איך וויל דא איבערגעבן וועגן א פאסירונג, וועלכע איז פארגעקומען אין יאר 1928. קיין אמעריקא איז געקומען א פארטרעטער פון דער פוילישער קאמוניסטישער פארטיי צו זאמלען געלט פאר די פאליטישע ארעסטירטע. האבן די פארטיי־חברים געהאט א מיטינג און באשלאסן צו געבן 100 דאלאר פאר דעם צוועק. מיט דעם באשלוס זיינען זיי געקומען צו דער לינקער גרופע, צו וועלכער זיי האבן באלאנגט, און געפאדערט, אז די לינקע גרופע זאל שטיצן זייער פארשלאג אויף דער פארזאמלונג. ארום דער פראגע האט זיך אנטוויקלט א הייסע דיסקוסיע. אייניקע מיטגלידער פון דער לינקער גרופע זיינען ארויסגעטראטן געגן דעם פארשלאג.

עס האט זיך דא געהאנדלט וועגן צוויי פראגן: ערשטנס, האבן אייניקע מיטגלידער פון דער גרופע זיך געפילט געטראפן דורך דער האנדלונג פון דער קאמוניסטישער פראקציע. (אלע פראגן, וועלכע האבן געדארפט אויפגענומען ווערן אין דער לינקער גרופע.) די פארטיי־חברים פלעגן ניט קומען מיט פארטיקע באשלוסן, כדי מעכאניש צו דאמינירן די ליגקע גרופע. דעם מאל איז מען יא געקומען מיט א פארטיקן באשלוס. די האנדלונג האט געמיינט, אז די פארטיי פארלאזט זיך שוין ניט מער אויף די לינק־געשטימטע ארבעטער, אז זיי ווילן איר נאכפאלגן אין אירע סעקטאנטישע פאליסיס, האט זי באשלאסן אנצואווענדן מעכאנישן קאנטראל. צווייטנס, האט די פאדערונג פון דער פראקציע געמיינט צו פארנוצן 100 דאלאר וועלכע זיינען געשאפן געווארן פאר די אידישע שולן אין פוילן. אזוי ווי די פארטיי־חברים זיינען געקומען ארגאניזירט צום מיטינג פון דער לינקער גרופע, האבן זיי מיט א מאיארטעט דורכגעפירט זייער פארשלאג. פון דאן אן פלעגן די פארטיי־חברים קומען צו יעדן מיטינג מיט פארטיקע באשלוסן. דאס האט ארויסגערופן א חשד ביי אייניקע ניט־פארטייאישע מיטגלידער פון דער לינקער גרופע.

אין 1929 האט די קאמוניסטישע פארטיי אנגענומען א באשלוס צו שפאלטן דעם ארבעטער רינג. די פארטיי־מיטגלידער האבן אנגעהויבן פירן א קאמפאניע צווישן די מיטגלידער פאר א שפאלטונג. איינמאל אין יאר 1929 זיינען די מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער פארטיי געקומען מיט א פארשלאג זיך אפצורייסן פון ארבעטער רינג. זיי האבן בלויז דורכגעפירט די אינסטרוקציעס פון זייער פארטיי. ניט אלע פארטיי חברים זיינען געווען איינשטימיג מיט דער פאליסי. אין יענער צייט זיינען פילע אנגעזעענע קאמוניסטן אויסגעשלאסן געווארן פון דער פארטיי, ווייל זיי זיינען ארויסגעטראטן געגן דער שפאלטערישער פאליטיק פון דער קאמוניסטישער פארטיי. אויב מען האט געוואלט פארבלייבן אין דער פארטיי האט מען געמוזט דורכפירן די אינסטרוקציעס. דורכצופירן די שפאלטונג אין אונזער בראנטש איז ניט געווען קיין שווערע זאך. די גאנצע אדמיניסטראציע פון בראנטש איז געווען א לינקע. דער בראנטש איז געווען לינק־געשטימט. די מיטגלידער פון בראנטש האבן ניט איינגעשטימט מיט די פאליסיס פון ארבעטער רינג, האבן די פארטיי מיטגלידער געוואלט אויסנוצן די סענטימענטן פאר א שפאלטונג.

אייניקע מיטגלידער פון דער לינקער גרופע האבן געפרואווט איבערצייגן, אז צו שפאלטן אן ארבעטער ארגאניזאציע איז א פארברעכן. מענטשן וועלכע נעמען זיך אונטער ארונטערצוואואפן די עקזיסטירנדיקע סיסטעם דארפן האבן גדולד. ניט אנטלויפן פון די מאסן און באשאפן אן אייגן קרעמל נאר גדולדיק ארבעטן אריבערצוגעווינען די מאסן פון די רעפארמיסטן. די ארגומענטן האבן ניט געהאלפן. מיט א מאיאריטעט איז באשלאסן געווארן אפצורייסן זיך פון ארבעטער רינג. אוועקגייענדיק האבן זיי פארנומען די ארכיוון און פארמעגן פון בראנטש. א באשלוס האבן זיי אנגענומען, אבער זיי האבן ניט געקענט צווינגען אלעמען אט דעם באשלוס דורכצופירן. א דאנק דער געזונטער שטעלונג פון עטלאכע מיטגלידער ביי יענעם מיטינג און דער מי פון די טוער פון בראנטש, קענען מיר היינט פייערן דעם 25 יאריקן יובליי פון פרוכטבארער טעטיקייט פון לאדזשער בראנטש 324 ארבעטער רינג.

בצלאל שטערן

# אונזער ברענטש קומט ווידער צום לעבן

קאבדעם ווי די לינקע האבן זיך אפגעשפאלטן פון אונזער ברענטש, איז דער ברענטש כמעט ווי פארניכטעט געווארן. ערב דער שפאלטונג האט דער ברענטש געהאט קרוב צו 400 מיטגלידער, און באטש אפגעריסן האבן זיך אינגאנצן ארום 80 מיטגלידער און די גרעסטע מערהייט האט זיי ניט נאכגעפאלגט, פונדעסטוועגן. צוליב דעם וואס די אפגעריסענע זיינען געווען אין דער אדמיניסטראציע, האט זיך נאך דער שפאלטונג געשאפן אזא לאגע, אז ס'איז ניט געווען ווער זאל רופן א מיטינג. צו יענער צייט איז אפילו שווער געווען פעסטצושטעלן ווי גדוים דער ריס איז געווען. די אפגעשפאלטענע אדמיניסטראציע האט פארנומען אלע ראקור־מענטן און אדרעסן.

דער נאציאנאלער אפיס האט גערופן א ספעציעלן מיטינג (אנהויב נאוועמבער 1929) דער צוועק פון דעם ראזיקן מיטינג איז געווען — צו רעגיסטרירן מיטגלידער פאר'ן ברענטש.

דער פארשטייער פון הויפט אפיס האט געעפנט דעם מיטינג. נאך איידער אימעצער האט געהאט א מעגלאכקייט עפעס צו זאגן, האט זיך שוין אנגעהויבן א טומל.

עס איז געקומען א קאמיטעט פון די „אפגעשפאלטענע" און האט גע'טענה'ט, אז זיי איינגנטלאך, רעפרעזענטירן דעם ברענטש און האבן געפאדערט דעם מיטינג לאקאל פאר זיך.

זיי האבן ניט געלאזט אז דער מיטינג זאל פארקומען. עס איז געווארן אזא מהומה, אז אלעמען איז קלאר געווארן, אז מען וועט ניט קענען אנגיין מיט'ן מיטינג. איז א קאמיטע פון ברענטש אוועק צום האל־איינגנטימער און אפגעמאכט מיט אים, אז דער מיטינג לאקאל בלייבט ביים ברענטש און אז קומענדיקע וואך וועט פארקומען א מיטינג פון ברענטש. אבער דאס אליין איז נאר ניט געווען גענוג. רופן א מיטינג איז איין זאך, און אים דורכפירן — איז שוין גאר אנ־אנדער זאך.

ביי דער געשאפענער לאגע האט מען ניט געוואוסט, ווער איז ווער? די אפגעשפאלטענע האבן באמבארדירט די מיטגלידער מיט בריוו, אז זיי זיינען דער ברענטש און גערופן די מיט־גלידער זיי נאכצופאלגן; פון דער אנדער זייט האבן מיר זיי גערופן צו א מיטינג און אפעלירט צו זיי, זיי זאלן שטיין מיט'ן ברענטש. עס האט געהערשט א צומישעניש. פילע האבן נאך ביי זיך ניט אפגעמאכט, וואס זיי נייען טאן?

אין אזא לאגע האט מען זיך ניט געקענט פארלאזן אויף נסים. מ'האט געדארפט אנהויבן זארגן, ווי אזוי צו באשיצן דעם קומענדיקן מיטינג. מ'האט ארגאניזירט א קאמיטעט, וועמעס אויפגאבע עס איז געווען צו זען, אז „פארדעכטיקע", דאס הייסט אזעלכע, וועלכע זיינען געקור־מען אפצוברעכן דעם מיטינג, זאלן ניט ארייגעלאזט ווערן. דער מיטל האט פארזיכערט דעם דערפאלג. דער מיטינג איז דורכגעגאנגען אן שום שטערונג. עס האבן זיך פאררעגיסטרירט 117 מיטגלידער.

אין אט דער שטימונג האט מען דערוויילט די באמטע. באגאטי איז דערוויילט געווארן אלס פערמאנענטער פארזיצער פון ברענטש. צום צווייטן מיטינג זיינען געקומען א גרויסע צאל מיטגלידער און מען ווארט. ס'איז שוין ניין אזייגער, האלב נאך ניין, אבער מען עפנט נאך אלץ ניט דעם מיטינג. „וואס?" „דער טשערמאן איז נאך ניטא". נאך א קורצער בעראטונג האט מען באשלאסן צו דערוויילן א צייטווייליקן טשערמאן.

די עקזעקוטיווע האט זיך א נעם געטאן צו דער ארבעט. מ'האט ארגאניזירט קאמיטעס אויף צו באזוכן מיטגלידער און זיי ארייגציען אין דער ארבעט. דער ברענטש האט אנגעהויבן סומען ארגאניזאציאנעל צו זיך. ניט מיט אמאל און ניט ווייער גרינג איז עס אנגעקומען. דער

ברענטש האט אנגעהויבן פונקציאנירן, אבער מיר האבן ניט געהאט קיין ביבער: מ׳האט ניט געוואוסט וועמען און וויפיל מיר זיינען שולדיק און וויפיל די מיטגלידער זיינען שולדיק צום ברענטש. און רא קומען מיטגלידער און פאדערן קראנקן בענעפיט. קיין געלט אין קאסע איז ניטא. אלץ ביז א סענט איז געווען פארנומען.

דער פינאנס־סעקרעטאר האט ביים ברענטש מיטינג, אין מערץ 1930 איבערגעבן. אז עס איז דערהאלטן געווארן א בריוו פון גענעראל אפיס, אין וועלכן מיר ווערן אויפגעפאדערט צו באצאלן 800 דאלאר, וואס דער ברענטש איז שולדיק צום אפיס. מיר זיינען געווען זיבער, אז די סומע, וואס איז אנגעוויזן אין בריוו איז א ריכטיקע. אבער וואו נעמט מען דאס געלט? ניט האבנדיק די אלטע ביבער, האבן מיר ניט געקענט איינמאנען די שולדן פון די מיטגלידער, און אויב מען קען ניט ניט איינמאנען, קען מען ניט באצאלן דעם חוב. איז באשלאסן געווארן צו שיקן א קאמיטעט צום גענעראל אפיס. וועלבער האט באדארפט דערקלערן, אז מיר קענען ניט באצאלן. דער קאמיטעט האט דערקלערט די לאגע צום גענעראל אפיס. דאס איז געווען אין אפריל און דער חוב איז שוין געשטיגן ביז 1,300 דאלאר. דער קאמיטעט האט דורכגעפירט זיין אויפגאבע מיט דערפאלג. דער גענעראל אפיס האט אפגעווייטט דעם חוב מיט׳ן באדינג, אז פון היינט אן און ווייטער וועט דער ברענטש זיין פינקטלאך מיט די צאלונגען.

באזיגנדיק די אויבנדערמאנטע שוועריקייטן, האבן מיר זיך אנגעשטויסן אויף נייע. אין די צוויי שפאלטונגען, וואס אונזער ברענטש האט דורכגעמאכט האבן מיר פארלארן א סך דער פארענע טוער. די מערהייט מיטגלידער זיינען פארבליבן אין ברענטש, אבער טוער האבן גע־פעלט. ס׳איז געשטאנען די פראבלעם פון ארויסרוקן טוער פון אונזערע אייגענע רייען, ארער אריינגעמען אין ברענטש פייאיקע מענטשן. אין ברענטש איז צו יענער צייט געווען 206 מיט־גלידער. אונזער רעפאדונג מיט אימפארטירן פירער איז געווען גאר ניט קיין גוטע. די אימ־פארטירטע „ארטיקלען” האבן אונז בלויז אנגעטאן צרות.

ס׳איז אנגעקומען דער קריזיס. די ארבעטסלאזיקייט איז געוואקסן. מיטגלידער האבן ניט געקענט נאכקומען די צאלונגען. מ׳האט זיך אנגעהויבן ווענדן נאך שטיצע. אין דער לאגע האט אונזער ברענטש געהאנדלט ווי אן אמתע ארבעטער ארגאניזאציע. מיר האבן אויסגעהאלטן די מיטגלידער אויף וויפיל עס איז נאר געווען מעגלאך. א סך אין דעם האט אונז געהאלפן דער נאציאנאלער אפיס דורך דעם 50 טויזנט דאלאדיקן פאנד צו העלפן די ארבעטסלאזע מיטגלי־דער. פונדעסטוועגן האט די עקאנאמישע לאגע אין לאנד זיך שטארק אפגערופן אויף דעם ברענטש. אפילו מיט דער שטיצע פון ברענטש האבן א סך מיטגלידער זיך דאך געמוזט לאזן שטרייכן.

אין פרט פון טוער האט זיך די לאגע עטוואס פארבעסערט. מיט עטלאכע יאר צוריק זיינען אין ברענטש אריין עטלאכע מיטגלידער, וועלכע האבן פיל ביינעשטייערט אין אויפלעבן דעם ברענטש און אריינציען און אנטוויקלען טוער פון אונזערע אייגענע רייען. מיר האבן דורכגע־פירט א רייע דיסקוסיעס איבער וויכטיקע פראגן, וואס רירן אן די אינטערעסן פונ׳ס ארבעטער־קלאס. די דיסקוסיעס זיינען ביי אונז געווארן א שטענדיקע אינסטיטוציע. כמעט ביי יעדן מיטינג ווערט אויפגענומען א פראגע. דער קולטור־קאמיטעט באזארגט, אז א מיטגליד פון ברענטש זאל איינלייטן און נאכדעם קומט באר א דיסקוסיע אין וועלבער די מיטגלידער באטיי־ליקן זיך. דאס האט זיך אויסגעוויזן פאר א דערפאלג און פארגרעסערט די באזוכערשאפט.

דער קריזיס האט זיך אויך געלאזט פילן אין אונזער קאסע. מיר האבן געמוזט אננעמען א באשלוס צו שליסן די קאסע, דאס מיינט, ניט אסיגנירן מער קיין געלט פאר שטיצן אנדערע ארגאניזאציעס. אבער מיר האבן קיינמאל ניט אנגעווענדט דעם באשלוס בנוגע סט־רייקס.

לאזער בעקער

# אין איצטיקן מאָמענט

א גרויסער יום־טוב איז היינט ביי אונז. מיר פייערן דעם 25־יאָריקן יובילײ פון אונזער ברענטש. ס'איז ניט גלאט אזוי זיך א צוזאמענקונפט פון לאָדזשער, ביי וועלכער מ'וועט בלויז גוט פארברענגען. ס'איז ניט בלויז א פייערונג פון 25 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון אונזער ברענטש. ס'איז מער. ס'איז א יום־טוב פון 25 יאָר טרייער דינסט די אינטערעסן פון דעם ארבעטער־קלאַס! ס'איז א יום־טוב פון 25 יאָר ארבעט פאר דער אָפּשאפונג פון דער קאפּיטאַליסטישער סיסטעם! ס'איז א יום־טוב פון 25 יאָר ארבעט פאר דער אידייע, וועלכע האָט באַקומען איר קאָנקרעטן אויסדרוק אין 1905 אויף די באריקאדן אויף די לאָדזשער גאסן!

בעת מיר פייערן אונזער יום־טוב, פילן מיר, אז די קרבנות וואָס די לאָדזשער ארבעטערשאפט האָט געבראכט אין קאמף קעגן דעם רוסישן אבסאָלוטיזם, פאר דער באפרייאונג פון דער ארבעטערשאפט, פאר א נייער, סאָציאַליסטישער געזעלשאפט, זיינען ניט געווען קיין אומזיסטע.

די רוסישע אימפּעריע מיט אירע אונטערדריקונגען און פארפאָלגונגען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, מיט די פּאָגראָמען אויף אידן און אנדערע נאַציעס, „טשערטא אָסעדלאָסטי" און אנדערע פארמען פון נאַציאָנאַלער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אונטערדריקונג — איז אָפּגעווישט פון'ס פּנים פון דער ערד.

אויף דער טעריטאָריע פון דער אמאָליקער רוסישער אימפּעריע הערשט היינט דער ארבעטער־קלאַס! די לאָדזשער ארבעטערשאפט האָט איר חלק ביינעטראָגן אין אונטערגראָבן דעם רוסישן צאַריזם. די ארבעט און די טראַדיציעס פון דעם באפרייאונגס־קאמף דארפן פארטגעזעצט ווערן אויף דעם אמעריקאַנעם קאָנטינענט.

אונזער פייערונג קומט פאָר אין א צייט, ווען די כחות פון דער רעאקציע טריאומפירן. אין אזעלכע לענדער ווי דייטשלאַנד און עסטרייך, וועלכע האָבן פארמאָגט די שטאַרקסטע ארבעטער־באוועגונג אין דער וועלט, פראַווען די פאשיסטישע הענקער זייער נצחון. די ארבעטער־באוועגונג אין די דערמאָנטע לענדער איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. פרייע פרעסע, רעכט צו ארגאַניזירן זיך, פרייע טריבונע — זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. א סיסטעם פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן באַנדיטיזם איז איינגעפירט געוואָרן. די מענטשהייט ווערט צוריקגעשלעפט צום מיטלאַלטער. פּאָגראָמען אויף אידן, פּאָגראָמען אויף ארבעטער, מערדערייען, לאַנג־יאָריקע טורמעס און קאַטאָרגע — דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער פאשיסטישער הערשאפט.

די גאַנצע קאפּיטאַליסטישע סיסטעם געפינט זיך אין א צושטאַנד פון צופאַלונג. די לעצטע פינף יאָר פון קריזיס האָבן אומגעהויער פאָראָרעמט די ארבעטער מאַסן. די קאפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז שוין מער ניט בכח צו גאַראַנטירן אירע שקלאַפן די מיטלען צום לעבן. צענדליקער מיליאָנען איבער דער וועלט און העכער צען מיליאָן אין די פאראייניקטע שטאַטן, זיינען ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון די פאבריקן, און שוס אויסזיכטן אין דער נאָענטסטער צוקונפט צו קריגן באַשעפטיגונג. דער דלות עסט זיך איין אין די ביינער פון דעם ארבעטער קלאַס. הונגער, קראַנקהייטן, פארגרעסערטע שטערבלעכקייט, עלנד — דאָס איז דער שיקזאַל פון די ברייטע שיכטן ארבעטער. קיין בעסערס קען דער קאפּיטאַליזם ניט געבן.

א סיסטעם, וועלכע קען ניט אויסנוצן דעם פראָדוציר־אַפּאַראַט פאר באשאפן לעבנס־נויטווענדיקייטן פאר די ארבעטנדיקע מאסן; א סיסטעם, וואָס פארברענט און פארניכטעט עסוואַרג ווען מיליאָנען הונגערן; א סיסטעם, וועלכע קען ניט אויסנוצן די ארבעט־קראפט פון צענדליקער מיליאָנען פון באשעפער פון רייכטימער, — אזא סיסטעם איז רעאקציאָנער, אזא סיסטעם איז שעדלאך פאר די ארבעטנדיקע מאסן, אזא סיסטעם מוז פארניכטעט ווערן.

די קאפיטאליסטן ווייסן, אז דער ארבעטער קלאס וועט זיך ניט לאָזן נאָך מער רעגירידן. אז דער ארבעטער־קלאס וועט זיך ווערן, אז דער ארבעטער־קלאס וועט זוכן אן אויסוועג פון דעם דורכ'ן קאפיטאליזם געשאפענער לאגע. כדי צו פארלענגערן די יאָרן פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם, נעמען זיך די קאפיטאַליסטן צו פארניכטן די וואפן פונ'ם ארבעטער־קלאַס — די פראפעסיאנעלע פאראיינען, די פ־עסע, די פאָליטישע אָרגאַניזאציעס פונ'ם ארבעטער קלאס. א סיסטעם פון טעראָר ווערט איינגעפירט.

די געפאר פון פאשיזם לויערט איבער די ארבעטער מאסן אין אלע קאפיטאליסטישע לענדער.

כדי צו זיין דערפאלגרייך אינ'ם קאמף געגן פאשיזם מוזן מיר לערנען געוויסע זאכן פון די דייטשע און עסטרייכישע דערפארונגען און ציען די נויטיקע שלוסן.

ערשטנס, אז דער פאשיזם האט געקענט זיגן אין דייטשלאנד אָן קיין שום ווידערשטאנד בלויז דערפאר וואס דער ארבעטער־קלאס איז געווען צוטיילט. די סאָציאליסטישע און קאָמוניסטישע פארטייען האבן פארשווענדט דעם גרעסטן טייל פון זייער ענערגיע אויפ'ן קאמף צווישן זיך און פארגעסן אָן דעם דראָענדיקן פאשיזם.

צווייטנס, איז קלאָר געוואָרן, אז די בורזשואזיע וועט ניט וואַרטן ביז דער ארבעטער־קלאס וועט קריגן א מאַיאָריטעט און וועט אויף א „געזעצלאכן" אופן איבערנעמען די מאַכט. ווען די בורזשואזיע זעט אז איר הערשאפט שטייט אין געפאר, ווארפט זי אראָפּ פון זיך דעם „רעמאָקראטישן" אנצוג און נעמט אָן מיטלען פון טעראָר.

דריטנס, אז מ'טאר זיך ניט פארלאָזן אויף די צוזאָגן פון דער בורזשואזיע. טראָץ דעם וואס די עסטרייכישע ארבעטער און סאָציאליסטן האָבן געגעבן א גוטן ביישפיל פון העלדישקייט און אפּערוויליקייט אין דעם באוואפנטן אויפשטאנד מיט עטלאכע חדשים צוריק געגן דעם עסטרייכישן פאשיזם, האָט דער פירער פון די עסטרייכישע סאָציאליסטן, אָטאָ באוער, צוגעגעבן, אז זיי האבן זיך צופיל פארלאָזט אויף דער מעגלאכקייט פון קומען צו א פארשטענדיקונג מיט דאלפוס'ן און אז זיי האבן אונטערשאצט די גרייטקייט פון די ארבעטער מאסן צו קעמפן געגן דעם אנקומענדיקן פאשיזם און פאר א סאָציאליסטישער ארדנונג.

פערטנס, אז די שפאלטונג פון מאסן־ארגאניזאציעס, ווי פראפעסיאָנעלע פאראיינען און אנדערע ארבעטער האבן אפגעשוואכט די ארבעטער־כחות און גרינגער געמאכט דעם אנקום פון פאשיזם.

פינפטנס, אז בלויז א געאייניקטער ארבעטער־קלאַס קען פארמיידן דעם אָנקום פון פאשיזם אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער, אריינגערעכנט די פאראייניקטע שטאטן.

דער ארבעטער דינג, אלס אן ארבעטער אָרגאַניזאציע דארף זיך אקטיוו באטייליקן אין אָט דער ארבעט. מ'טאר זיך ניט באנוגענען מיט בלויז פינאנציעלער הילף פאר די געליטענע פון פאשיזם. דאס איז וויכטיק, אבער ס'איז ניט דאס וויכטיקסטע. מ'מוז אויפקלערן די מיטגלידער וועגן דעם כאראקטער פון פאשיזם און די סיבות וועלכע האָבן איס געבראכט צום לעבן. מ'מוז אויפקלערן די אלגעמיינע אמעריקאנישע ארבעטערשאפט וועגן דעם אינהאלט פון פאשיזם, מאָביליזירן מעגלאך גרעסערע מאסן צו שטיצן די דייטשע און עסטרייכישע אינטערערדישע אנטיפאשיסטישע באוועגונג און מאביליזירן די מאסן פאר'ן קאמף געגן יעדן אויסדרוק פון פאשיזם אין אמעריקע. אייניקייט אין די ארבעטער־רייען איז א פאָרבאדינג פאר א דערפאָלגרייכן קאמף.

די דורכ'ן קריזיס געשאפענע עקאנאמישע לאגע אין אמעריקע האָט שארף ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט די פראגע פון ארבעטסלאָזיקייט פארזיכערונג. פאר דער צען־מיליאָניקער ארמיי בעטסלאָזער ארמיי מיט זייערע נאָך עטלאכע צענדליק מיליאָן נפשות פון הויזגעזינד איז דאס

א לעבנס־נויטווענדיקייט. די פראגע ווערט אַן א גרויסע צאָל פון אונזער־ע מיטגלידער. אונזער אָרדן דאַרף ניט נאָר שטיצן מאָראַליש די ארבעטסלאָזיקייט־באוועגונג, נאָר אויך אָרגאַניזירן און העלפן אריינציען די ארבעטסלאָזע מיטגלידער אין דער ארבעטסלאָזיקייט־באוועגונג; אין קאמף פאַ־ ארבעטסלאָזיקייט־ און סאָציאַלער פארזיכרונג.

דער קריזיס האָט זיך אומגעהויער שווער אפגעריפן אויף אונזער מיטגלידערשאפט. פיל מיטגלידער, וועלכע האבן א סך יארן באלאנגט צום אָרדן, האָבן זיך געמוזט לאָזן שטרייכן צו־ליב די הויכע בילס. דער אָרדן מוז געפינען א וועג ווי אזוי צו פארקלענערן די צאָלונגען, כדי צו פארקלענערן די שטרייך־מגפה.

די ארבעטער באַוועגונג איז פּאָליטיש צוטיילט. די מיינונגס־פארשיידנהייטן זיינען טיפע. זיי האבן א וויכטיקע פאליטישע באדייטונג פאר'ן ארבעטער־קלאַס. ס'איז א פראגע פון רעוואָ־לוציע אדער רעפארמיזם. די פראגן דאַרפן ערנסט דיסקוטירט ווער־ן. אבער איין זאַך איז קלאָר. אז די מיינונגס־פארשיידנהייטן אינ'ם ארבעטער־קלאס קענען און דאַרפן אויפגענומען ווערן אין אונזערע אייגענע רייען. אין גאַנג פון קאמף פאר דער באפרייאונג וועט קלאָר ווערן, אז דער רעוואלוציאנערער וועג איז דער ריכטיקער. אבער די מיינונגס־פארשיידנהייטן, כאָטש פּרינ־ציפּיעלע און וויכטיקע דאַרפן ניט באשאפן א לאגע. אז דער ארבעטער־קלאַס זאָל ווערן אָנמעכ־טיק אין אנזיכט פון דער קאפּיטאליסטישער אפענסיווע. אין די טאָג־טעגלאַכע פראגן אין קאמף געגן קאפּיטאליסטישן אנקריף דאַרפן אלע ארבעטער מארשירן אין ענג־געשלאָסענע רייען. דאָס איז מעגלאַך און אויך אומבאדינקט נויטיק.

אונזער ברענטש, קען מען זאגן, איז א שטיקל געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבעטער באוועגונג. ער האט איבערגעלעבט צוויי שפּאלטונגען: איינע אין 1928 אויף רעכטס, און די צווייטע, אין יאר 1929 אויף לינקס. די פאסירונגען פון די לעצטע עטלאכע יאָר האָבן אויס־געווינכטערט פילע מוחות. אונזער ברענטש האָט אין זיינע רייען קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און אנדערע. פונדעסטוועגן, ווען ס'איז ערנסט אין ארבעטע־־אינטערעסן, האָט מען געפונען א וועג ווי אזוי חבריש צוזאמענצואַרבעטן. דאָס זעלבע מערקט זיך שוין אין מאנכע אירישע יוניאָנס. אויב דאָס איז מעגלאַך אויף א לאָקאַלן מאסשטאב אין אונזער ברענטש, איז עס דורכפירבאר אין דער גאנצער ארבעטער באוועגונג.

אונזער ברענטש האָט זיך פאַ־פליכטעט צו ארבעטן אין דער ליניע.

גאָלדע שיבקאָ

# די אַרבעטער פרוי און דער אַרבעטער רינג

צו דער געלעגנהייט פון 25 יאָריקן יובילײ פון לאָדזשער ברענטש 324 א. ר., צו װעלכן מיר גיבן אַרױס דאָס געדענק־בוך פון אונזער הײס שטאָט, איז װיכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פרויען פּראָבלעם אין אַרבעטער רינג.

אין די פאַראײניקטע שטאַטן פאַרנעמט די פרוי אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אינדוסטריע. לויט דער סטאַטיסטיק, זײנען אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע פאַר'ן קריזיס געװען אַרום אַכט און א האַלב מיליאָן פרויען. דאָס מאַכט אויס אַרום 25 פּראָצענט פון דער אַרבעטער אַרמײ. מיט דער פאַרײנפאַכונג פון דער מאַשין אין דער פּראָדוקציע, מיט דעם פאַרײנפאַכן דעם פּראָצעס פון פּראָדוקציע אין דער מאָדערנער פאַבריק, האָט די פרוי אין פילע פאַלן פאַרנומען דעם אָרט פון'ם מאַן אין'ם פּראָדוציר־אַפּאַראַט. און די באַלעבאַטים נוצן דאָס אויס בדי צו קריגן אַרבעט פאַר קלענערע שכירות. דעריבער איז װיכטיג אַרײנצוציען די פרוי אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און אַקטיװיזירן זי אויפ'ן געזעלשאַפטלעכן געביט, אום צו מאַכן װירקזאַמער דעם קאַמף פון די אַרבעטער.

דער לאָדזשער ברענטש 324 איז געגרינדעט געװאָרן מיט 25 יאָר צוריק פון א גרופּע לאָדזשער אַרבעטער, װעלכע האָבן צוליב עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאָטיװן געמוזט עמיגרירן קײן אַמעריקאַ. די יונגע, קלאַסן־באַװאוסטזיניקע האָבן מיט זיך געבראַכט א רעװאָלוציאָנערע, אידעאַליסטישע טראַדיציע. אַזױ װי אַמעריקאַ האָט ניט קײן סאָציאַלע פאַרזיכערונגס־געזעצן פאַר די אַרבעטער, װי דאָס איז דער פאַל אין פילע לענדער אין אײראָפּאַ, האָבן די לאָדזשער אַרבעטער דערפילט די נויטװענדיקײט צו זײן אָרגאַניזירט פאַר געגנזײטיקע הילף אין פאַל פון קראַנקהײט, אָדער אַן אומגליקספאַל. עס פאַרשטײט זיך, אַז אַלס רעװאָלוציאָנערע אַרבעטער האָבן זײ זיך אין קײן אַנדער אָרגאַניזאַציע פאַר קראַנקן פאַרזיכערונגס װי דער אַרבעטער רינג ניט געקענט אַנשליסן.

די גרינדער פון דעם לאָדזשער ברענטש האָבן אויך געהאַט זיך געשטעלט פאַר א ציל פאָרזעצן זײער רעװאָלוציאָנערע טעטיקײט דורך שטיצן דעם בונד אין לאָדזש.

עס איז מערקװירדיק, װאָס צװישן די גרינדער פון דעם ברענטש האָבן זיך ניט געפונען קײן פרויען אַרבעטערינס, װאָס זאָלן זיך אַקטיװ באַטײליקן אין דער אַרבעט. װען מען דערמאָנט זיך װי אַקטיװ עס איז געװען דאָס יונגע אַרבעטער מײדל אין לאָדזשער „בונד" — איז דאָס אומפאַרשטענדלאַך.

לאָדזש איז א פאַבריקן שטאָט, דאָס יונגע אידישע מײדל פון אָרימע עלטערן איז דאָרטן אַװעק אין דער פאַבריק און װערקשטאַט אַרבעטן. עס איז צו יענער צײט נאָך געװען א שאַנדע פאַר א אידן צו אַרבעטן אין א פאַבריק; אָבער אַזױ װי נויט װײסט ניט פון קײן בושה, האָבן זיך אידישע אַרבעטערינס געלאָזט אין די פאַבריקן, אויב מען האָט זײ נאָר אַרײנגענומען. ספּעציעל איז דאָס געװען דער פאַל מיט דער אידישער מײדל אין לאָדזש, װאָס האָט שוין באַקומען איר אויפקלערונג אין „בונד". זי האָט מער ניט געװאָלט זײן א דינסט־מײדל בײ דעם אידישן קלײנבירגער.

ווען מען איז אין לאָדזש דורכגעגאַנגען די אַרבעטער בירזשע פון „בונד“, האָט מען געפּינען די גאַסן געפּאַקט מיט אַרבעטאָרינס. פון די שטאָפּער־בירזשע, די שטריקפּענמאַכער, נייטאָרינס, שניידערינס, פּיזירערינס א. א. וו.

אין יעדן אַרויסטריט פון די אַרבעטער אין לאָדזש זיינען די אַרבעטאָרינס געווען פּונקט אַזוי אַקטיוו, ווי זייערע חברים די אַרבעטער. ניט נאָר אין דער מאַסע צווישן די רעם רענק און פייל, נאָר אין די סאַמע אָנפירנדע אינסטאַנצן האָבן זיך באַטייליקט פרויען, פּונקט אַזוי ווי מענער.

דערפאַר שטעלט מען אָפּט א פראַגע, ווי אַזוי לעבט און ווירקט די לאָדזשער אַרבעטערין, וועמעס מאַן איז דאָ אַקטיוו אין דער אַרבעטער באַוועגונג? ליידער, מיט אייניקע אויסנאַמען פאַסיוו.

אורזאַכן? דאָס ווערן איבערגעפלאַנצט אין א פרעמד לאַנד, די ענגע אַטמאָספערע פון הויז און די פאַמיליע פליבטן, האָבן געמוזט האָבן אַן אָפּטעמפּענדע ווירקונג אויף איר גייסטיקע אַנטוויקלונג להיפּוך פון מאַן, וועלכער לעבט מיט די אַרבעטער אין שאָפּ, אין דער יוניאָן און אָפט אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי, אויך אין אַרבעטער רינג.

די צייט שטייט אָבער ניט אויף אַן אָרט. צוליב דעם העכערן לעבנס־סטענדאַרד, צו וועלכן די אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגעאַרבעט אין דער צייט פון „פּראָספּעריטי“, מאַכן די לעצטע פּאַרקלערטע פאַרדינסטן פון׳ם מאַן אוממעגלאַך אים צו זיין דער איינציקער פּאַרזאָרגער פון דער פאַמיליע. דערצו בלייבן אין אונזער צייט וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער פונקציעס פאַר דער פרוי אין הויז. די מעכאַנישע וואַשעריי וואַשט די וועש פאַר דער פאַמיליע, די פּאָבליק סקול נעמט צו די קינדער פאַר לאַנגע שטונדן פון טאָג. די הויז־אַרבעט ווערט מיט דער הילף פון טעכנישע פאַרבעסערונגען אַלץ לייכטער. דאָס אַלץ ווירקט אַז די פרוי פון דעם אַרבעטער גייט צוריק אין שאָפּ אַריין און ווערט נאַטירלאַכערווייזע צוריק געבראַכט צו דער אַרבעטער באַוועגונג פון וועלכער דער אַרבעטער רינג איז א טייל.

די פירערשאַפט פון אַרבעטער רינג מוז פילן דעם פּולס פון דער צייט. זי מוז פאַרשטיין, אַז די ראָלע פון דער אַרבעטער פרוי בייט זיך מיט א שנעלן טעמפּאָ. זי מוז דערפאַר צוגרייטן דאָס פעלד דורך באַשאַפן אַן אַטמאָספערע פאַר דער אַרבעטערין כדי זי זאָל קענען אַריינגיין אין אַרבעטער רינג, ניט נאָר אין די פרויען „אַקזילערים“, נאָר אַלס גלייכע אַרבעטער רינג מיטגלידער מיט די אַרבעטער.

ביז יעצט ווערט דער אַרבעטער רינג באַטראַכט, ווי א מענער אָרגאַניזאַציע. דער פאַקט איז, אַז אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער רינג זיינען דאָ אַזוי ווייניק פרויען. מען האָט מיך אַמאָל פאָרגעשטעלט אַלס סעקרעטאַרין פון אַן אַרבעטער רינג בראַנטש. יענע האָט מיט דערשטוינונג געפרעגט: „א פרוי איז די סעקרעטערין אין א מענער בראַנטש?“

אָט די פּאַסירונג האָט מיך אָפט געמאַכט צו פאַרטראַכטן, און איך האָב דאַן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די אורזאַכן, פאַרוואָס די פרויען־מיטגלידער פון אונזער בראַנטש קומען זייער זעלטן צו א בראַנטש מיטינג, ווייל אויב די עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן זיי שוין אפילו דיקטירט צו ווערן מיטגלידער אין בראַנטש, איז אָבער פּסיכאָלאָגיש איז אונזער בראַנטש א מ ע נ ע ר בראַנטש.

איך קום צום שלוס, אַז אַזוי ווי עס איז די אויפגאַבע פון דעם פּראָגרעסיוון פליגל פון דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל אַריינצוציען די אַרבעטער פרוי אין אירע רייען אַזוי וועט אונזער בראַנטש אַלס א טייל פון אָט דער ריכטונג מאַכן אַן אנשטרענגונג דאָס צו טאָן.

לעצטנס באַהאַנדלען מיר די פראַגע גאַנץ ערנסט. אונזער בראַנטש וועט אויך דאַרפן אויסאיבן א דרוק אויף דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער רינג צו טאָן מער אַרבעט אויף דעם געביט. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג דאַרף פירן א אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע, אַז דער אַרבעטער רינג איז ניט קיין מענער אָרגאַניזאַציע מיט א פרויען אַקזילערי, נאָר א געגנזייטיקע הילף־אָרגאַניזאַציע פאַר מענער און פרויען אַרבעטער צו גלייך.

אונזער בראַנטש וועט האַנדלען לויט זיין טראַדיציע אויב ער וועט נעמען די איניציאַטיווע אין דער אַרבעט.

ה. מ. פּודלאַווסקי

# פּאַרוואָס איך בין אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג?

די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דעם בוך האָט פון מיר פאַרלאַנגט אַז איך זאָל עפּעס אָנשרייבן וועגן דעם פּאַרוואָס איך בין אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג. איך האָב זיך געבעטן: „לאָזט מיך אָפּ. דער בוך וועט אַרויסקומען גאַנץ שיין אָן מיין אַרטיקל". אָבער די רעדאַקציע האָט זיך איינגעשפּאַרט: „שרייב!" דערקלער איך זיי: „לאָזט מיך אָפּ. איך קען ניט שרייבן. אויב איך וואָלט געקענט שרייבן, וואָלט איך געאַרבעט אין אַ רעדאַקציע און ניט אין אַ בעקעריי". אָבער אונזערע חברים אין רעדאַקציע זיינען מאָדנע מענטשן: זיי האָבן מיר כמעט ווי איבערצייגט, אַז די צרה מיט'ן געדרוקטן וואָרט איז, אַז די וועלכע האָבן וואָס צו זאָגן — שווייגן זיי. זיי שעמען זיך, אפשר וועט עס ניט גוט קלינגען. אָבער אַזוי ווי שרייבאַבטס מוז מען האָבן—שרייבן מערסטנס אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט וואָס צו זאָגן, אָדער אַזעלכע, וועלכע האָבן שוין זייערס אָפּגעזאָגט. האָב איך דעריבער באַשלאָסן צו פאָלגן די רעדאַקציע און שרייב בקיצור:

מיט אַ יאָר 20 צוריק איז עס געווען. ניט באַלאַנגט צו קיין אָרגאַניזאַציע. האָבן מיר מיינע לאַנדזלייט לאַנדסלייט געהאַלטן אין איין „אויפקלערן", אַז אין אַמעריקע דאַרף יעדער מענטש באַלאַנגען צו אַ סאָסייעטי. מ'האָט מיך אַזוי לאַנג „אויפגעקלערט", ביז איך האָב זיך אין אַ שיינעם טאָג געפונען אין לאַדזשער לאָדזשט פון אינדעפּענדענט ברית אברהם. ווען איך דערמאָן זיך איצט וועגן דער אָרגאַניזאַציע און אירע פירונגען, ווייזט זיך מיר אויס די גאַנצע מעשה קאָמיש. מיר הובט זיך אָן, אַלע אינ'ם לאָדזש זיינען געווען אַקטיאָרן. אַלץ איז דאָרט אָנגעגאַנגען מיט צערעמאָניעס. גאָרניט און קיינער איז ניט געווען נאַטירלאַך. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ אידישן לאָדזש. צום סוף האָט מען ביי די מיטינגען „געשפּראָכן דאַטש". אָבער אַזאַ „דאַטש", וואָס דייטשן וואָלטן ניט געקענט פאַרשטיין.

ווען די פּראָטאָקאָלן איז שוין אָפּגערעדט. בלויז געניטע פילאָלאָגן וואָלטן אפשר געקענט זיך אָנשטויסן אין וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי זיינען געשריבן און וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

אויב די מיטינגען איז נאָך ניט געווען גענוג, שטעלט זיך אויף ביי אַ געוויסער פאַר־זאַמלונג איינער פון די פירער און מאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז די פאַרזאַמלונגען זאָלן געפירט ווערן אין ענגליש. דאָס האָט שוין גאָר ניט געטויגט, ווייל כמעט קיינער האָט ניט גאָר ניט גערעדט, נאָר זאָגאָר ניט פאַרשטאַנען קיין ענגליש. מ'האָט זיך אפילו געשושקעט, אַז דער פאָרשלאַג־מאַכער האָט אויך ניט געקענט רייִדן ענגליש. דער פאָרשלאָג איז דורכגעפאַלן. דער אינצי־דענט איז כאַראַקטעריסטיש. מענטשן, אַרבעטער, פּשוטע קבצנים פּרובירן נאָכצוקרימען אימעצן, וואָס זיי דינקען, שטייט העכער פאַר זיי. ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז די אַטמאָספערע איז עפּעס ניט קיין געזונטע. ס'איז דושנע. ס'פעלט „לופט". און איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון אָט דער אַטמאָספערע.

איך האָב ניט געקענט שטיין אויסער אַן אָרגאַניזאַציע. האָט מיין אויפמערקזאַמקייט צו־געצויגן דער אַרבעטער רינג: אַ שיינער נאָמען, עס אַפּעלירט צום אַרבעטער; די קאָנסטיטוציע איז אין סאָציאַליסטישן גייסט, דער אָרדן שטיצט אַרבעטער־קאַמפן, מ'האָט שוין אָנגעהויבן בויען אידישע שולן. האָב איך געפילט, אַז פאַר אַן אַרבעטער איז דער אַרבעטער רינג דאָס בעסטע אָרט צו באַלאַנגען.

געזאָגט און געטאָן. האָב איך זיך אָנגעשלאָסן. און איך פיל זיך דאָ טאַקע היימישער.

ניט מיט אַלץ בין איך צופרידן. ניט מיט אַלץ וואָס דער אָרדן טוט, שטים איך איין. אָבער דאָס זיינען שוין אַלס אייגענע אינערלאַכע זאַכן וואָס וועלן מיט דער צייט געענדערט ווערן. דער „אַרבעטער רינג" איז דעם אַרבעטערס אָרגאַניזאַציע און דער אַרבעטער דאַרף אויסאיבן דעם דרוק, אַז דער „אַרבעטער רינג" זאָל זיין דאָס וואָס ער דאַרף זיין.

# פון דער לאָדזשער פאַרגאַנגענהייט

לויט א. אלפערן

## ווער זיינען געווען די ערשטע לאָדזשער אידן?

וועגן די ערשטע אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין לאָדזש נאָך אין 18טן יאָרהונדערט ווייסט מען זייער ווייניק. טייל ווילן האָבן, ווי דער גלח סטאַניסלאַוו מוזגעראָווסקי למשל, אַז שוין אַרום 1718 זיינען אין לאָדזש געווען אידן. דאָס איז אָבער בלויז אַן השערה. וועגן דעם ערשטן איד אין לאָדזש, וואָס מיר האָבן אַ ידיעה איז עס אַן אַרענדאַר וועמענס נאָמען ס'איז געבליבן אומבאַקאַנט. ער איז אונז באַקאַנט פון אַ פּראָצעס וואָס ער האָט אין 1780 פאַרפירט געגן אַ קריסטלאַבער פרוי.

אין 1785 וואָהנען שוין אין לאָדזש עטלעכע אידישע פאַמיליעס. באַקאַנט זיינען אונז די נעמען פון דניאל לייזעראָוויטש, אַ בעקער און פון אברהם לעפּקאָוויטש, אַ שניידער. דניאל לייזעראָוויטש איז געווען דער ערשטער הויז־אייגנטימער אין לאָדזש.

אין די ניינציקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך באַזעצט נאָך עטלעכע אידישע פאַמיליעס, ווי די פאַמיליעס פון משה פּרינץ פון לוטאָמירסק, פּנחס זיירלער פון פּזשעבדאָרזש, פּנחס זאַנענבערג פון לענטשיץ און לייב העבער. ביים סוף פון'ם ניינצנטן יאָרהונדערט ווערט די אידישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט און עס פאַרמירט זיך שוין אַ קליינע אידישע קהילה.

אין 1809 האָט שוין לאָדזש 24 אידישע פאַמיליעס. דאָס ווייסן מיר פון אַ צענזוס, וואָס דער לאָדזשער בירגערמייסטער האָט דעמאָלט דורכגעפירט אין דעם קליינעם שטעטעלע לאָדזש.

ווייטער ברענגען מיר די נעמען פון די פּאַטער'ס פון די 24 פאַמיליעס, וואָס האָבן פיגורירט אין דעם צענזוס פון'ם 23טן מערץ 1809. זיי זיינען ווי פאָלגט:

1. דניאל לייזעראָוויטש
2. הירש זאַנענבערג
3. משה לעווין
4. אברהם מענדעלאָוויטש
5. פּנחס זאַנענבערג
6. לייבל האָבער
7. משה פייטלאָוויטש
8. פּנחס זיידלער
9. משה פּרינץ
10. יעקב גראָסמאַן
11. מיכאל קידער
12. יצחק אַראַנאָוויטש
13. יוסף מאַילס
14. הירש אַרדינאַנס
15. בערעק פּרינץ
16. הערש דאַווידאָוויטש
17. שמואל ליטמאַן
18. מענדל מאָשקאָוויטש
19. שמואל יאַקובאָוויטש
20. יצחק קראַמהאָלץ
21. שמואל שוואַרץ
22. צדוק פאָלקעוויטש
23. אביגדור מאָשקאָוויטש
24. שמעון מאָשקאָוויטש

ד״ר. פיליפ פרידמאַן

# צו דער געשיכטע פון אידן אין לאָדזש

1.

## דער אנהייב פון אידישן ישוב אין לאָדז

דער טעמפּ, ווי אזוי דער „פּוילישער מאַנטשעסטער" האָט דורכגעמאַכט זיין אנטוויקלונג, איז א יחיד במינו און קאָן פאַרגליכן ווערן נאָר מיט דער אנטוויקלונג פון איינציקע אמעריקאַנער שטעט. אט דער טעמפּ ווערט אמבולטסטן אילוסטרירט דורך די צוויי צאָלן: בעת אין יאָר 1793 זיינען פאַראַן ווייניקער ווי טויזנט נפשות, האָבן מיר אין יאָר 1929 — 606.980. און אין אָט דעם אומגעהויערן וואוקס פון דער אלגעמיינער באַפעלקערונג האָט אויך די אידישע באַפעלקערונג דורכגעמאַכט אן אויסערגעוויינלאך האַסטיקן אנטוויקלונגס־טעמפּ. אין יאָר 1793 זיינען אין לאָדזש געווען 11 אידן, אין 1897 — 93.677, 1931 — 156.155, אין 1929 — 185.000.

מיר פאַרמאָגן זייער א סך, אבער פאַרשיידנאַרטיקע סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן דער אידישער באַפעלקערונג אין לאָדזש. ראשית כל האָבן מיר געשעפּט ווערטפולע ידיעות פון שטאַטישן ארכיוו פון אלטע פאַקטן אין לאָדזש, פון מלוכה'שן הויפּט־ארכיוו אין ווארשא און פון מלוכה־ארכיוו אין פּעטריקאָוו. פאַר דער עלטסטער עפּאָכע (ביז 1792) זיינען פאַראַן די אָפ־ציעלע פּוילישע ציילונגען פון דער אידישער באַפעלקערונג, כדי צו קענען איינמאָנען דעם קאָפּ־שטייער; פון 1793 אן זיינען פאַראַן די אָפיציעלע פּרייסישע פאָלקס־ציילונגען אין די אָקופּירטע געגענדן, די אָפיציעלע ציילונגען, וועלכע עס האָט דורכגעפירט די רעגירונג פון ווארשאווער הערצאָגטום, די שטייער־רשימות און אנדערע סטאַטיסטישע אויפציילונגען פון דער אידישער קהלה־פאַרוואַלטונג אין לאָדזש (פון די יאָרן 1809—1861) און די סטאַטיסטישע אנקעטעס פון לאָדזשער מאַגיסטראַט.

די אלע אויסגערעכנטע מאַטעריאַלן מוז מען זייער פאָרזיכטיק באַנוצן, און מיר וועלן זיי נאָך קריטיש אנאַליזירן.

אין דעם ארטיקל אינטערעסירט אונז אבער דער עיקר איין פראַגע:

ווען האָבן אידן זיך אנגעהויבן באַזעצן אין לאָדזש?

אין דער פראַגע איז מען עד היום מחולק און זי איז ווייניק אויסגעפאָרשט. לאָדזש ליגט אין א געגנט, וואו עס האָבן זיך געפונען מסתמא די עלטסטע אידישע ישובים אין פּוילן. אין געגנט, קאַליש און זייער סביבה געפינען מיר שוין אנהויב 13טן י. ה. אידישע ישובים, בכן די עלטסטע, וועלכע זיינען אונז באַקאַנט אין פּוילישער ערד, אין קאַניו, לענטשיץ און קלאָדאַווע, אַלע ניט ווייט פון לאָדזש, זיינען געווען אידן אין 15טן י. ה. אזוי ארום איז לאָדזש געווען אין א געוויסער מאָס אויף דעם גאַר אַלטן וועג פון אידישער וואַנדערונג פון מערב קיין מזרח.

פונדעסטוועגן געפינען מיר ניט אין די לאָדזשער אַקטן קיין שום סימן, אז אידן זיינען געווען אין לאָדזש פאַר'ן 18טן י. ה. אפשר קאָן מען דאָס דערקלערן דורכדעם, וואָס לאָדזש איז געווען א פּריוואַט־שטעטל, וואָס האָט געהערט צום בישאָף, און איז געווען עקאָנאָמיש זייער שוואַך אנטוויקלט, אזוי אז עס איז ניט געווען קיין גינסטיקער באָדן פאַר א אידישן ישוב. ערשט אנהויב 18טן י. ה. געפינען מיר אין די אַקטן פון וולאָצלאַווקער בישאָף־ארכיוו (די קויאַווער בישאָפן און וולאָצלאַוועק זיינען אמאָל געווען די בעלי בתים פון לאָדזש) א זיכערע ידיעה וועגן אידישע איינוואוינער אין לאָדזש (אידישע ארענדאַטאָרס אין דער הערשאַפטלאַכער ברויערײ). די אַקטן פון אידישן קאָפּשטייער זינט 1775 גיבן אונז שוין די מעגלאַכקייט אויפצושטעלן א

גענוי בילד פון אידישן ישוב אין לאָדזש. לויט אַט די אַקטן, וועלכע געפינען זיך אין מלוכה'שן הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע, איז אין לאָדזש אין יאָר 1775 געווען אין דער שטאָטישער ברויעריי א אידישע משפּחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון 2 נפשות (דער אַרענדאַר יוביס זעלקאָווין און זיין פרוי); אין 1778 אויך איין משפחה פון 3 נפשות אין לאָדזש (דער זעלבער אַרענדאַר מיט פרוי און קינד) און אין כאַינע 3 אידישע משפחות פון 12 נפשות (איין אַרענדאַר און 2 שענקערס מיט זייערע משפחות). די קאָפּ־שטייער־רשימה פון 1781 גיט אָן: אין לאָדזש 1 משפחה פון 2 נפשות, אין כאַינע 2 אידישע משפחות פון 6 נפשות און אין באַלוט 1 אידישע משפחה פון 4 נפשות. די נאָענטסטע שטייער־רשימה אָן א דאַטע (מסתמא שטאַמט זי פון דער נאָנטסטער ציילונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1784) גיט אָן: אין לאָדזש 2 משפחות מיט 7 נפשות, אין כאַינע 1 משפחה פון 2 נפשות, אין באַלוט 1 משפחה פון 4 נפשות (כאַינע און באַלוט זיינען פאָרשטעט פון לאָדזש). אַזוי ווי אַט דער אידישער ישוב איז געווען צו קליין, כדי צו בילדן א זעלבסטשטענדיקע אידישע קהלה, האָבן די לאָדזשער אידן געהערט צו דער „סינאַגאָגע" פון סטריקאָוו, א קליין שטעטל, וואָס איז געלעגן אין דער נאָענט.

די געבראַכטע סטאַטיסטיק קאָן אָבער ניט זיין הונדערט פּראָצענטיק ריכטיק. אָפט האָט מען שוין אין אונזער וויסנשאַפטלאַכער ליטעראַטור אָנגעוויזן, אַז די קאָפּ־שטייער רשימות גיבן אָן קלענערע צאָלן ווי איז דער ווירקלאַכקייט. א טייל אידן האָבן שטענדיק פאַרשטאַנען זיך אַרויסצודרייען פון אַזאַ מין ציילונג, וועלכע פלעגט פאַרגענומען ווערן צוליב ריין־פיסקאַלישע צוועקן. דעריבער מעג מען רעכענען, אַז די צאָל אידן אין לאָדזש און אין דער סביבה איז געווען עפּעס גרעסער. פון אונזער סטאַטיסטיק וועט מען קלאָר וואָסער עקאָנאָמישע פונקציע די אידישע איינוואוינער פון לאָדזש און די אַרומליגנדיקע ערטער האָבן אויסגעפירט. זיי זיינען געווען אויסשליסלאַך אַרענדאַרן און שענקערס. אין א שטעטל פון אַזאַ טיפּ ווי לאָדזש, וואו דער רוב איינוואוינער האָט געצויגן חיונה דער עיקר פון אַגריקולטור, האָבן די אידישע שענקערס געהאַט אויסצופירן גאַנץ ברייטע עקאָנאָמישע פונקציעס: זיי האָבן ניט נאָר פאַרקויפט משקאות, זיי האָבן אויך געפירט דעם גרעסטן טייל האַנדל אין שטעטל און אין דער סביבה.

דאָס בילד איז נאָך ממלא די סטאַטיסטיק פון 1793, וואָס די פּרייסישע מאַכט האָט דורכגעפירט נאָכדעם ווי זי האָט איבערגענומען דאָס לאַנד (ניי־דרום־פּרייסן). צווישן 190 איינוואוינער זיינען דאַמאָלסט אין לאָדזש געווען 11 אידן (אין שטאָט לאָדזש אַליין, אָן די שכנישע דערפער). דאָס מאָל געפינען מיר אָבער געוויסע שנויים אין עקאָנאָמישן אויפבוי פון דעם קליינעם אידישן קיבוץ אין לאָדזש: ער באַשטייט פון צוויי האַנדווערקער־משפחות — איין גאַרבער און איין שניידער. מסתמא האָט אחוץ דעם אין לאָדזש דאַמאָלסט געוואוינט נאָך א דריטע אידישע משפחה — די משפחה פון דעם אַרענדאַר פון דער שטאָטישער אַכסניה. דערצו מוזן מיר נאָך צורעכענען די אידישע שענקערס און אַרענדאַרן אין באַלוט און כאַינע, מן הסתם 3—4 משפחות, און דאָס בילד איז פאַרפולט. פאַרשטייט זיך, אַז בא אַזוינע קליינע צאָלן, וועלכע מיר פאַרמאָגן, קאָן מען ניט ריידן פון א טיפּיש בילד, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן די דאַמאָלדיקע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון אידן.

אָבער אין די נאָענטסטע צוויי יאָר־צענדליק וואַקסט שוין דאָס שטעטל באַדייטנדער אויס. עס קומט פאָר א שטאַרקערע פּראָפעסיאָנעלע דיפערענצירונג פון זיינע איינוואוינער. די עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג וואַקסן אויס און פאַרברייטערן זיך, און גלייכצייטיק זען מיר, ווי עס קומען פאָר כאַראַקטעריסטישע שינויים אין דער צאָל און אין עקאָנאָמישן אויפבוי פון דער אידישער באַפעלקערונג.

די סטאַטיסטיק פון יאָר 1808 גיט שוין אָן 58 אידישע נפשות. די סטאַטיסטיק פון 1809 אָבער שוין 24 אידישע משפחות מיט 98 נפשות. ליידער ברענגען אָבער אַט די ביידע סטאַטיסטיקן קיין ידיעות ניט וועגן דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג. ערשט אין אויפציילונג פון 1810 גיט אונז אָן די פּראָפעסיעס פון די אידישע „בעלי בתים" אָדער ראשי־המשפחה, וועלכע געהערן דעם אידישן קהל אין לאָדזש (לאָדזש בילדעט שוין דאַמאָלסט א זעלבסטשטענדיקע אידישע קהלה, וועלכע נעמט אַרום אויך אייניקע שכנישע דערפער). די סטאַטיסטיק ציילט אויף 25 אידישע „בעלי בתים", פון זיי 14 אין לאָדזש און

11 אין די שכנישע דערפער, און ניט אין ווייטערדיקע פראפעסיעס: 12 שענקערס און ארענדארן (דערפון 8 אין די שכנישע דערפער), אויך שענקער און לאנדווירט (אין לאדזש), איין בראנפן־ברענער, איין פאכטער (אין א שכנישן דארף), 4 קרעמערס, 3 שניידערס, 1 בעקער, 2 טאג־ארבעטער. עס איז א גרויסער ספק, צי קאן מען אט די רשימה האלטן פאר פולשטענדיק. על כל פנים איז דאס אלגעמיינע בילד, וואס זי גיט אונז, זייער אינטערעסאנט: בלי ספק זעען מיר דא גרויסע שינויים אין דער עקאנאמישער סטרוקטור. עס הייבט זיך אן א דיפערענצירונג: ארענדע און משקאות־פארקויף, וועלכע זיינען נאך סוף 18טן י. ה. געווען כמעט די אויסשליסלעכע באשעפטיקונג פון די אידן אין די דערפער און אין די קליינע שטעטלאך, טרעטן ביסלעכווייז אפ דעם פלאץ פאר אנדערע מסחר־באשעפטיקונגען און פאר האנטווערק. אין דעם פרט איז די לאדזשער אידישע באפעלקערונג ניט קיין יחיד במינו. לאדזש איז דערין, מעג מען זאגן, נאר א מוסטער־ביישפיל פאר אן אלגעמיינער דערשיינונג אין דאמאלדיקן עקאנאמישן לעבן פון אידן אין פוילן, א דערשיינונג, וועלכע איז ארויסגערופן געווארן דורכ'ן צונויפפאל פון ביזאהעריקן פעאדאלן „הערשאפטלאכן" עקאנאמישן סיסטעם אין דארף און דורך דער באוואוסטזיניקער פאליטיק פון דער פוילישער רעגירונג (די רעגירונג פון ווארשעווער הערצאגטום און שפעטער פון קאנגרעס־פוילן) בנוגע צו די אידישע שענקערס.

די ווייטערע אנטוויקלונג אין דער ריכטונג זעען מיר אין דער סטאטיסטיק פאר די יארן 1820 און 1821. אין יאר 1820 זיינען אין לאדזש אף ס"ה 767 איינוואוינער געווען 271 אידן. מיר זעען, בכן, וואסער גרויסע ראלע אידן האבן געשפילט אין דער אנטוויקלונג פון לאדזש און אין אויפשטייג פון איר עקאנאמישן שטאנד. אין די יארן פון שטילשטאנד האט דאס שטעטל פארמאגט קוים 5.8 פראצענט אידן, און אין די יארן פון אויפבלי פארקערט וואקסט דער פראצענט אידן אויס ביז העכער 35 פראצענט.

## 2.
## די ראלע פון אידן אין אויסבויען באלוט

זייט לאנגע, לאנגע יארן האט זיך געפונען אף צפון־זייט פון לאדזש דאס דארף באלוט. מיט יארהונדערטער צוריק האט עס געהערט צו די רייכע פריצים קארנקאווסקי, וואס האבן געהאט א סך אנדערע גיטער און באלוט האבן זיי באטראכט אלס ארים גוט, וואס זיי האבן פארפאכטעט צו נידעריקע פרייזן און זיך כמעט ניט פאראינטערעסירט דערמיט.

אין דער אנדערער העלפט פון 16טן יארהונדערט איז דאס דארף באזונדערס פארנאכלעסיקט געווארן. זייט 1782 האט מען די פעלדער מער ניט באאקערט ביז'ן יאר 1757 זיינען גרויסע שטחים פון דארף באלוט געווען באוואקסן מיט יונגן וואלד און ערשט פון דער צייט אן האט מען דעם וואלד גענומען אויסהאקן און פארזייען אף דער פריי געווארענער ערד תבואה. ביסלאכווייז איז באלוט פארוואנדלט געווארן אין א קליין לאנדווירטשאפטלאך מקום. אין יאר 1789 האט זיך דארט געפונען א קליין פאלווארק, איין הייזל פאר די פאראבקעס, צוויי פויערים־הייזער און א שענק. אין דאזיקן פארלאזענעם דערפל מוזן האבן געוואוינט ניט קיין גרויסע חשובים. ווארום די לאדזשער איינוואוינער האבן זיך כסדר באקלאגט אף זייערע שלעכטע באלוטער שכנים און זיינען געווען געצוואונגען צום סוף אפצוגרעניצן זייערע פעלדער פון באלוט דורך הויכע פלויטן, כדי אזוי ארום אויסצומיידן מחלוקות'ן איבער די גרעניצן פון די פעלדער.

אזוי בערך האט באלוט אויסגעזען ביז העט אין דער מיטן פון 19טן יארהונדערט. אין דער מיטן פון 19טן יארהונדערט האט זיך די שטאט לאדזש גענומען ראש אנטוויקלען. די עלטערע שטאט־טיילן, באזונדערס דאס אידישע געטא אף דער אלט־שטאט איז געווען זייער געדריקט באוואוינט. עס איז ניט געווען קיין ביסל פלאץ צו פארבויען און מען האט נאר געמוזט בויען אין דער הויך. דאן האבן צוויי אידישע אונטערנעמער יצחק בלאוואט און יצחק בירענצווייג אויסגעארבעט א גראנדיעזן פלאן: זיי האבן אפגעקויפט אין יאר 1858 פון דאמאלדיקן באזיצער פון באלוט דעם פריץ אויגוסט זאווישא 408 מארגעס לאנד אף ביידע זייטן פון זגערזשער שאסיי, און זיך פארנומען אויפצובויען דארט א נייעם אינדוסטריע־קווארטאל, וואס זאל אין א געוויסער מאס פארלענגערן די לאדזשער הויפט־גאס.

ווען די לאָדזשער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט זיך דערוואוסט פון דער דאָזיקער אידעע, האָט זי געשטעלט א תנאי, אז זי וועט דערלויבן אויפצובויען די דאָזיקע נייע „קאָלאָניע“ נאָר דאַן, אויב דער נייער שטאָט־טייל וועט זיך אנהויבן האַרט בייַ שליאַבען, כדי נייַ־באַלוט זאָל זיין פאַראייניקט מיט לאָדזש, דאַן וועלן אין די נייַ־אויפגעבויטע הייזער קענען וואוינען די האַנטווערקער און אַרבעטער פון לאָדזש, וואָס ליידן שטאַרק פון דער וואוינונגס־נויט אין לאָדזש. דערבייַ האָט נעבן יעדן הייזל זיך געדאַרפט געפינען עטלאַכע דעסיאַטין ערד אף אויסצובויען גערטנערלאַך פון גרינוואַרגס. נאָך בתנאי זה האָט דער שטאָט־פּרעזידענט געהאַלטן קען געשאַפן ווערן דאָס נייַ־באַלוט, אלס וואוין־קאָלאָניע, אבער ניט אלס פאַבריקס־געגנט.

די גרינדער פון נייַ־באַלוט, בלאָוואַט און בירענצווייג, האָבן אבער ניט געוואַרט אפן באַשלוס פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. עס האָט זיך אנגעהויבן א פיבערהאַפטע בוי־טעטיקייט אויף די פאַרצעלירטע פלעצער. עס איז אויסגעבויט געוואָרן א נייער מאַרק, באַלוטער מאַרק.

באַלד אין ערשטן יאָר פון דער פאַרצעלירונג אין 1860 זיינען אויסגעבויט געוואָרן 33 וואוין־הייזער און צוויי ווינט־מילן. אין די הייזער האָבן געוואוינט 422 פּערזאָן.

די דאָזיקע איינוואוינער פון נייַ־באַלוט זיינען אַלע געווען אָרימעלייט. פון 95 פאַמיליעס האָבן קוים 6 געהאַלטן משרתים. על פּי רוב זיינען דאָס געווען בעלי־מלאכות און אַרבעטער און צום טייל אויך אָרימע אידישע הענדלער.

די פאַרצעלאַציע האָט אנגעהויבן צו ווערן א גוט געשעפט און דער לאָדזשער שטאָט־פּרעזידענט האָט מיט שרעק דערזען, אז די נייע קאָלאָניע באַקומט וואָס אַמאָל מער דעם כאַראַקטער פון א שטאָטישן פאַבריקס־קוואַרטאַל.

דער שטאָט־פּרעזידענט האָט זיך דעריבער עטלאַכע מאָל געווענדט צום קאָמיסאַר פון פּאָוויאַט און דער גובערנאַטאָר אָנווייזנדיק, אז זאָוויישע, וואָס איז געווען דער באַזיצער פון לאַגעווניקי, האָט אנשטאָט צו שאַפן נעבן לאָדזש א לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניע, וואָס עס וואָלט פאַר לאָדזש געהאַט א גרויסע באַדייטונג, גאָר געשאַפן א אינדוסטריע־פונקט.

דער קאָמיסאַר פון פּאָוויאַט האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע אָנקלאַגעס און געשיקט קיין באַלוט א אָפּטיילונג קאָזאַקן, וואָס האָט געדאַרפט מאַכן „אָרדנונג“. ווי אזוי די דאָזיקע עקזעקוציע פון די קאָזאַקן איז דורכגעפירט געוואָרן, דערציילן ניט די אַרכיוו־אַקטן. אבער איינס איז זיכער, זי האָט קיין פּעולה ניט געהאַט. די גרינדער פון באַלוט האָבן געקענט די מיטלען מיט וועלכע מ'האָט געקאָנט נושא חן זיין ביי א קאָזאַק און זיי האָבן ניט געקאַרגט קיין מתנת יד.

די פּערזענלאַכע באַזוכן פון קאָמיסאַר האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט. די דרייסטע אידן בלאָוואַט און בירענצווייג זיינען געווען אזוי אומדערשראָקן און איבערצייגט אין דער קראַפט פון זייער אידעע, אז זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן די פּראָטאָקאָלן, וואָס זיינען געגן זיי צונויפגעשטעלט געוואָרן. אזוי ווערט איבערגעגעבן אין אַמטלאַכן באַריכט.

פון קיין מאָדערנע בוי־באַגריפן האָבן די דאָמאָלסדיקע באַלוטער תושבים באַרעכטיקט זיך קיין השגה ניט געהאַט. מען האָט געבויט אָן א פּלאַן און סדר. איין גאַס ברייטער, די אַנדערע שמעלער. מען האָט ניט געזאָרגט דערפאַר, אז עס זאָל זיין באַקוועם פאַר'ן ראָד־פאָרער, נאָר יעדער האָט געבויט לויט זיינע באַדערפענישן און אינטערעסן. דערפון נעמט זיך עס טאַקע, וואָס די גאַסן פון באַלוט טראָגן נאָך עד היום די נעמען פון זייערע ערשטע גרינדער, ווי פּייפער גאַס, קעלם גאַס, יונה פּילצער'ס פּלאַץ, מרדכי גבאי'ס גאַס, בוימגאָלד'ס פּלעצער, גראָסמאַנ'ס גאַס א. א. די געסלאַך זיינען געווען שמאָלע, קרומע, אָן בריק און באַלייכטונג, אָן רינשטאָקן.

כדי צו קענען האָבן א השפּעה אויפ'ן ווייטערן פאַנאַנדערבוי פון באַלוט, האָט דער שטאָט־פּרעזידענט אָפט געפאָדערט, אז באַלוט זאָל אָנגעשלאָסן ווערן אין לאָדזש, אבער די רוסישע רעגירונג, וואָס האָט צוליב פּאָליטישע טעמים, מורא געהאַט פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש, האָט דאָרויף ניט געוואָלט איינגיין.

דאָס איז ערשט געשען אין יאָר 1915 דורך דער דייטשער עקספּעדיציע־מאַכט. דאַן האָט „נייַ־באַלוט“ אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דער דאָזיקער לאָדזשער שטאָט־טייל האָט דאַן שוין געהאַט א באַפעלקערונג פון 100 טויזנט איינוואוינער.

א. אַלפּערין

# די ערשטע אידישע שניידער אין לאָדזש און זייער סאָציאַלער קאַמף

(א קאַפּיטל געשיכטע פון דער אנטשטייאונג פון אידישן ישוב אין לאָדזש)

---

די ערשטע פּאַנערן פון אידישן ישוב אין לאָדזש זיינען געווען בעלי־מלאכות. זיי איז צו פאַרדאַנקען די אנטשטייאונג פון דער גרויסער אידישער קהלה, וועלכע איז ביים היינטיקן טאָג איינע פון די צאָלרייכסטע און אַנגעזעענסטע אין אייראָפּא.

זיי האָבן איינגעוואַנדערט קיין לאָדזש פון די ארומיקע שטעטלאך און דערפער. דאָס ערשטע אָרט צווישן זיי האָבן פאַרנומען די שניידערס. דערנאָך האָט זיך אויך פאַרמערט די צאָל בעקערס. אין דער ליסטע פון די אידישע איינוואוינער אין לאָדזש פון יאָר 1809 געפינען מיר צווישן די אויפגעגעבענע 24 פאַמיליען־פאָטערס — 7 שניידערס און 3 בעקערס. אין א שפּעטערדיקער ליסטע, פון יאָר 1821 זיינען פאַראַן צווישן די 34 ארבעטנדע מישפּחות 9 שניידערס און 9 בעקערס.

עס איז נעווען באַלד פון אָנהויב אָן, א גרויסער אונטערשיד אין דער מאַטעריעלער לאַגע פון שניידערס און בעקער. אַלע שניידערס, אָן אויסנאַם, האָבן געפירט א געמאַטערט לעבן. זיי זיינען געווען און געבליבן גרויסע קבצנים. קיינער פון זיי האָט זיך ניט דערשלאָגן צו א אייגן הויז. ווי דאָס האָבן דערגרייכט אַנדערע פון די ערשטע אידישע איינוואוינער אין לאָדזש. דאָס פאַרמעגן פון די שניידערס איז אין יענער צייט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער הויך פון סך־הכל 30—50 גילדן. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט זיך די בעקערס געלעבט גאַנץ נישקשה׳דיק, און איינציקע פון זיי זיינען אפילו פאַררעכנט געוואָרן צו די גבירים אין שטאָט, ווי: יהודה קאַפּלאַוויטש, משה פייטאַוויטש, זלמן לייזעראַוויטש.

די נויט האָט געשטויסן די שניידערס צו א פאַרביסענעם קאַמף געגן דער קאָנקורענץ. מיר האָבן וועגן דעם זייער א אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די ערשטע אידן אין לאָדזש. אין די אַלטע ארכיוו־אַקטן פון לאָדזש זיינען פאַרבליבן פילע שפּורן פון דעם קאַמף שוין פון יאָר 1808 האָבן מיר דאָקומענטן, פון וועלכע עס איז צו זען ווי שטאַרק די אידישע שניידערס האָבן זיך געוועהרט געגן דעם אריינדרינגען פון נייע בעלי־מלאכות אין שטאָט. א שווערן קאַמף האָט געהאַט דעמאָלט אויסצושטיין דער „מייסטער פון שניידער־קונסט" וואָיטשעך נאָוויצקי. דעם 3טן יוני 1808, האָט דער לענטשיצער אונטער־פּרעפעקט, וועלכער האָט געהאַט די מאַכט איבער לאָדזש (לענטשיץ איז דעמאָלט געווען די קרייז־שטאָט, און לאָדזש — א קליין שטעטל) צוגעשיקט צום לאָדזשער מאַגיסטראַט א באַפעל צו „באַשיצן נאָוויצקי׳ן פון שטערונגען און אָנפאַלן מצד די אידישע שניידער", און אז דעם ראָזיקן קריסטלאַכן שניידער ווערט דערלויבט צו באַזעצן זיך און ארבעטן אין לאָדזש, ווייל „ער האָט באַוויזן, אז ער איז א פאַכמאַן און צעך־מייסטער".

דער פרעמדער קריסטלאַכער שניידער האָט דאַמאָלסט גע׳פּועל׳ט. אַגב האָט ער אויסגעפונען א אידן, א געוויסן יוסף בן אברהם (קיין פאַמיליען־נאָמען זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען), וועלכער האָט פאַר איס גאַראַנטירט אין מאַגיסטראַט אויפ׳ן פאַל, ווען ער, נאָוויצקי וועט „ווערן באַנקראַט". מסתמא האָט דער איד יוסף בן־אברהם געמאַכט שותפות מיט נאָוויצקי׳ן. אָבער אין צוויי יאָר אַרום, אין 1810, האָבן די אידישע שניידערס אין לאָדזש ווידער אַנגעהויבן א געמיינזאַמען קאַמף געגן די קאָנקורענטן פון דער פרעמד. און דאָסמאָל האָבן זיי שוין געהאַט מער דערפאָלג.

דעם 27טן יולי 1810 האָבן די לאָדזשער שניידערס משה פרינץ, הערש ארדינאַנס און בערעק פרינץ זיך געווענדט מיט א כאַראַקטעריסטישער ביטע צום אונטער־פּרעפעקט פון זגעזש. די שניידערס שרייבן צווישן אנדערן: „מיר, סטאַראָזאַקאָני׳ס טראָגן אריין ווי אמאָגנטערטע־ניקסטן אונזער ביטע — מיר וואוינען שוין זייט אייניקע צענדליק יאָר אין דער שטאָט לאָדזש און פאַרנעמענדיק זיך מיט שניידעריי צאָלן מיר יאָריערלאַך די קעניגלאַכע שטייערן פון אונזער פּראָפעסיע — און פון אנדערע שטעט קומען אָן שניידערס און נעמען אונזער ברויט. מיר זייגען פון איצט אָן מנדב 6 פונט חלב פאר׳ן לאָדזשער קאָסטשאָל, אז מיר זאָלן ניט האָבן קיין קאָנקורענטן פון אנדערע אויף א האַלבע מייל. און אז אויב מיר וועלן צופעליק טרעפן א זייטיקן שניידער, זאָלן מיר באַקומען הילף אים צו פאַרווערן ארבעטן. פאר׳ן דערבאַרימען זיך איבער אונז און פאר׳ן צואיילן די גנעדיקע רעזאָלוציע וועלן מיר פאר דער דורכגעלויכטענער אונטער־פּרעפעקטור ביז׳ן טויט גאָט בעטן".

אזוי האָבן די אידישע שניידערס געשריבן אין זייער ביטע. און כדי צו האָבן נאָך א שטאַרקערן ארגומענט, האָבן זיי בייגעלייגט א רעקאָמענדאַציע פון מערערע קריסטלאַכע איינוואוינער. „מיר אונטערגעשריבענע — לייענען מיר אין דער רעקאָמענדאַציע — געבן אונזערע שניידערס די בעסטע באַשייניגונג, זעענדיק אז זיי זיינען פייאיק צו זייער פּראָפעסיע און אויך, אז א זייטיקער שניידער זאָל ניט וואגן אויף א האַלבע מייל אָננעמען ארבעט, קיינער ניט אחוץ אונזערע".

דער אונטער־פּרעפעקט האָט דערפילט די „אונטערטעניקסטע בקשה" און אין זיין ענטפער פאַראָרדנט דער לאָדזשער מאַגיסטראַט, אז קיין שום פרעמדן שניידער זאָל ניט זיין דערלויבט צו קומען קיין לאָדזש, אחוץ אין פאַל, ווען ער האָט בדעה זיך צו באַזעצן דאָ אויף שטענדיק און זיך אונטערוואַרפן די שטאָטישע לאַסטן און שטייערן. אויך האָט דער אונטער־פּרעפעקט פאַראָרדנט, אז אין דער גאַנצער לאָדזשער „פּאַראַפיע" זאָל ניט זיין דערלויבט שניידערס ארומצושלעפּן זיך און אננעמען ארבעט ביי פויערן. „אויב מען וועט טרעפן אזעלכן דאַרף מען ביי אים צונעמען שער און אייזן".

די שניידערס האָבן אָפּגעהאַלטן א זיג. אזוי, לײדער, איז אין יענער צייט צוגעגאַנגען דער סאָציאַלער קאַמף... דאָך זיינען די שניידערס נאָך ניט געווען איינגאַנצן רואיק ביי זיך און האָבן געזוכט נאָך אנדערע פאַרזיכערונגס־מיטלען געגן קאָנקורענטן. דאָס איז אויך געווען די אורזאַך וואָס באַלד דערנאָך, ווען עס איז אין יאָר 1816 ארויסגעגאַנגען דאָס געזעץ, וועלכעס האָט רעגולירט די פראַגע וועגן איינפירן צעכן, — האָבן די לאָדזשער אידישע שניידערס, פריער פאַר אלע אנדערע בעלי־מלאכות אין שטאָט גענומען מאַכן פּאָראַבריטונגען צו שאַפן א צעך. זיי האָבן זיך אבער אנגעשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן. בכדי צו קאָנען בילדן א צעך, איז נויטיק געווען, אז עס זאָלן זיך פאַרזאַמלען 10 פאַך־מייסטערס. און גראָד ווי צו להכעיס, האָט די אידישע שניידער־משפּחה אין לאָדזש דעמאָלט געציילט — ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט נאָר 9 מאַן. אחוץ דעם האָבן אין דער לייטונג, דאָס הייסט אויף די אמטן פון „עלטסטן" („סטאַרשי") און „אונטער־עלטסטן" („פּאָדסטאַרשי") געדאַרפט זיין כאָטש פּאָדמעל קריסטן. האָבן די קאָמפּלוסטיקע אידישע שניידערס, געטריבענע דורך דער נויט, אויך אויף דעם געפונען אן עצה. זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך צוויי קריסטלאַכע מייסטערס — שימאָן רעפּטשינסקי און דאָך ראַשינסקי — און אין דער צאָל פון 11 מאַן זיך פאַרזאַמלט דעם 30טן יאַנואַר 1818 אין ביוראָ פון בירגערמייסטער, וואו עס איז אויף זייער ביטע צונויפגעשטעלט געוואָרן א פּראָטאָקאָל וועגן דער גרינדונג פון א שניידער־צעך אין לאָדזש.

דאָס איז בכלל געווען די ערשטע גרינדונג פון א צעך אין לאָדזש. די צוויי קריסטלאַכע שניידערס זיינען, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, רעדווויילט געוואָרן אין דער לייטונג: שימאָן רעפּטשינסקי אלס „סטאַרשי" און דאָך ראַשינסקי אלס „פּאָדסטאַרשי". אויף דעם דאָקומענט פון דער גרינדונג פון צעך געפינען מיר פאָלגנדע אונטערשריפטן אויף אידיש:

משה פרינץ, שמואל שוואַרץ, הירש בד"ל, אברהם בר"ל, אלעזר בר"ל, פנחס דוד, יעקב זעליק און אברהם משה. זאַק לעווקא סיראַזקיעגא, האָט זיך איינגאַנצן ניט געקאָנט אונטערשרייבן.

האכנדיק געגרינדעט דעם צעך, זיינען די אידישע שניידערס באלד צוגעטראָטן אים אויסצונוצן אין זייער קאַמף געגן דער קאָנקורענץ. שוין דעם 25טן מאַי 1918, האָבן זיי זיך געווענדט צום לענטשיצער קאָמיסאַר מיט אַ אָנקלאַגע אויף די דעמאָלסדיקע דאָזאָרעס (ראשי הקהל) אין לאָדזש פּנחס זאנענבערג און יצחק קרומהאָלץ, אַז „זיי דערלויבן יעדן איינציקן שניידער אדער שניידערל וועלכער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט דאָס פאַך, אבי עס לוינט זיך זיי." ווייטער שרייבן זיי אין דער אָנקלאַגע: „מיר, שניידערס, האַלטן אויף דעם שניידער־צעך אין אָרדנונג צווישן זיך און באַצאָלן אַלע שטייערן — דעריבער בעטן מיר בע־אויפטראָגן די ראשי הקהל, אַז זיי זאָלן ניט וואָגן אויפצונעמען קיינעם אָן דעם וויסן פון צעך". די אָנקלאַגע האָבן אונטערגעשריבן: משה פרינץ, שמואל שוואַרץ און אברהם לעווקאָוויטש.

דער לענטשיצער קאָמיסאַר האָט באַלד פאַראָרדנט דעם לאָדזשער בירגערמייסטער, אַז ער איז מחויב לויט דער מעגלאַבקייט נאָכצוקומען די פאָדערונג פון די שניידערס און אַז ער זאָל ווי אַמגעגוויעסטן אויספאַרשן זייער אָנקלאַגע.

אבער ניט לאַנג האָבן די אידישע שניידערס זיך געפרייט מיט זייער צעך. דער לענטשיצער קאָמיסאַר האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז די גרינדונג פון דעם צעך איז געווען ניט געזעצלאַך און האָט ניט באַשטעטיקט דעם פּראָטאָקאָל. ער האָט אויפגעגעבן דעם מאָטיוו, אַז ניט אַלע 11 שניידערס, וואָס האָבן געגרינדעט דעם צעך, זיינען אָנערקענט אַלס מייסטערס, און אַז זיי האָבן אויך ניט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס צו באַקומען צעך־בריוו.

די אידישע שניידער האָבן אבער ווייטער געשטרעבט זיך צו אָרגאַניזירן. אין אַ קנאַפּ יאָר אַרום אין מאַי 1819, איז געגרינדעט געוואָרן אַ שניידער־ און שמוגלער־צעך פאַר דעם גאַנצן געגענשער־לענטשיצער קרייז מיט'ן זיץ־אָרט אין לענטשיץ. דער קאָמיסאַר פון לענטשיץ האָט פאַראָרדנט, אַז אין דעם נייעם צעך דאַרפן זיך איינשרייבן אַלע שניידערס און שמוקלערס, סיי אידן און סיי קריסטן, וואָס וואוינען אין לאָדזש. די לאָדזשער אידישע שניידערס זיינען באַלד אין דעם צעך אַריינגעטראָטן.

אבער לאָדזש איז געוואַקסן און האָט גאָר גיך אַריבערגעשטיגן סיי זגערזש און סיי לענטשיץ. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און אין לאָדזש אַליין האָבן זיך שוין געפונען מער ווי 10 שניידערס, וואָס האָבן שוין געמוזט אָנערקענט ווערן אַלס מייסטערס. האָבן זיי טאַקע פאַרלאַנגט צו האָבן אַ אייגענעם צעך אין לאָדזש. דאָס איז זיי פונדעסטוועגן ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען נאָך דעם דורכפאַל אין יאָר 1818, ווען ניט אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. ערשט אין יאָר 1825 האָבן זיך די לאָדזשער שניידערס דערשלאָגן דאָס ווייעריקע, און דעם 10טן סעפּטעמבער פון דעם יאָר איז צושטאַנד־געקומען די ענדגילטיקע און שוין מער מזל'דיקע גרינדונג פון אַ שניידער־צעך אין לאָדזש. צום פּראָטאָקאָל האָט דער בירגערמייסטער צוגעגעבן: „איך באַמערק, אַז יעדער, וואָס איז דאָ אונטערגעשריבן, איז אַן אַקטיווער מייסטער". ער האָט שוין פאַרבאַפט פריער. און דער צעך איז טאַקע באַשטעטיקט געוואָרן דורכ'ן לענטשיצער קאָמיסאַר. צום צעך האָבן זיך דעמאָלט אָנגעשלאָסן 10 מייסטערס, 20 געהילף־מייסטערס און 8 שילער. לײַדער זיינען זייערע נעמען ניט אויסגערעכנט אין דעם פּראָטאָקאָל, און מיר קאָנען דעריבער ניט פעסטשטעלן, וועלכע אידישע שניידערס האָבן זיך באַטייליקט אין דער ענדגילטיקער גרינדונג פון צעך אין לאָדזש.

זייט דאַן האָט זיך שוין די לאַגע אין פאַך דעגולירט און מיר געפינען שוין מער ניט צווישן די דאָקומענטן פון אַלטן לאָדזשער אַרכיוו, אַזעלכע ביטעס און אָנקלאַגעס, ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט און וואָס פאַרשאַפן, לײַדער, ניט קיין כבוד די ערשטע אידישע שניידערס אין לאָדזש. אבער, ווי געזאָגט, האָט זיך אין יענער פינסטערער צייט אין אַזאַ פאָרם אויסגעדריקט דער סאָציאַלער קאַמף. ערשט שפּעטער, אין יאָרן אַרום, איז געקומען די אויפקלערונג, און אַרבעטער האָבן געפונען נייע מעטאָדן אין קאַמף פאַר זייערע רעכט און עקזיסטענץ. עס איז אויפגעשטאַנען די גרויסע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער די אידישע אַרבעטער אין לאָדזש, און טאַקע די אידישע שניידערס, האָבן זיך זייער שיין און שטאָלץ קאַפּיטל.

ע. איינענקעל

# דער ערשטער בונט פון די לאָדזשער אַרבעטער

אין יאָר 1820 איז לאָדזש געווען נאָך כמעט א דאָרף מיט א באַפעלקערונג פון א וועלכע זיבן הונדערט איינוואוינער. מיטן אנקום פון גרויסע אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זיינען אין מיטן פון די צוואנציקער יאָרן פון דער דאמאָלסטיקער פּוילישער מאַכט צוגעצויגן געוואָרן קיין לאָדזש, ספּעציעל פון דייטשלאַנד, האָט די שטאָט אָנגעהויבן צו וואַקסן ווי אויף הייוון. אין יאָר 1829 האָט די שטאָט שוין געהאַט 4,273 איינוואוינער און מיט עלף יאָר שפּעטער, אין 1840 — גאַנצע 20,150. זינט דאָס פריערדיקע קליינע שטעטעלע לאָדזש איז אויסגעטיילט געוואָרן פון דער רעגירונג פאַר א מאַנופאַקטור צענטער, און די רעגירונג האָט די גרויסע אונטערנעמער געגעבן גרויסע קאָנצעסיעס, איז דער שטראָם פון דייטשער אימיגראַציע געשטיגן פון יאָר צו יאָר, ספּעציעל נאָך דעם יאָר 1827, נאָכדעם ווי לודוויק גייער האָט דער ערשטער איינגעאָרדנט א גרעסערע פאַבריק און אָנגעהויבן צו שטייגן זייער שנעל.

אין די פופציקער יאָרן פונ'ם 19טן יאָרהונדערט איז שוין לאָדזש געווען פאַרפּלייצט מיט קליינע און גרויסע פאַבריקן און געהאַט א באַפעלקערונג פון אַרום פערציק טויזנט איינוואוינער. אין יאָר 1854 האָט קאַראָל שייבלער, וואָס איז ביז דעם יאָר געווען א דירעקטאָר פון א מאַנופאַקטור פאַבריק אין אָזערקאָוו, געעפנט א פאַבריק אין לאָדזש מיט א גאָר גרויסן פאַרנעם און מיט די נייסטע מאַשינען פון דייטשלאַנד און געשטרעבט זיין פאַבריק אָנצוהאַלטן אויף דער הויך וואָס די אויסלענדישע פאַבריקן פון דעם סאָרט.

די אַנדערע פאַבריקאַנטן זיינען מחמת קאָנקורענץ געווען געצוואונגען באַלד נאָכצוטאָן שייבלערן, כאָטש די מערסטע פון זיי זיינען ניט געווען פינאַנציעל בכוח איס נאָכצוטאָן. די באַלמעלאָכעס וואָס האָבן געאַרבעט פאַר זיך האָבן באַלד דערפילט דעם קלאַפּ, אז איצטער וועט פאַר זיי שווערער צו קאָנקורירן מיט די גרויסע פאַבריקן פאַר וועמען מאַשינען אַרבעטן. נאָכמער האָבן דאָס דערפילט די אַרבעטער: מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן אַרבעטער פון די פאַבריקן. וואָס מער מאַשינען אַלץ ווייניקער אַרבעטער. די מורא פאַר'ן מחבל די מאַשין איז געוואַקסן און די לאָדזשער אַרבעטער אין זייער דאמאָלסטיקער אומוויסנקייט האָבן, פּונקט ווי די ענגלישע אַרבעטער אין דער צייט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע מיט א וועלכע 75 יאָר פריער, גענומען זען אין דער מאַשין זייער מלאך-המות און ס'האָט זיך אין זיי אָנגעזאַמלט א האַס צו דער מאַשין און א גלויבן אז מיט איר, דער מאַשינס צושטערונג, וועט קומען זייער ישועה.

דער אויסברוך איז געקומען אין א קריזיס יאָר, אין 1861, דעם 20טן אַפּריל. אַרום עלף אזייגער אין דער נאַכט פון 20טן אַפּריל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין עולם פון א וועלכע פינף הונדערט וועבער געזעלן, מייסטערס דייטשן, און האָבן דאָס הויז פונ'ם דאָקטאָר וואָלבערג, וועמען די געזעלן האָבן אין א גרויסער מאָס געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די מאַשין-אײַנפירונג, ווייל ער איז געווען דער אינטעליגענטסטער אין שטאָט און אן אנגעזעענער בעל יועץ פון די גרויסע פאַבריקאַנטן, און צוהאַקט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב. דער דאָקטאָר האָט זיך באַצייטנס באַהאַלטן. פון דאָרטן איז דער אויפגערעגטער המון אוועק אין דער אַלטער שטאָט, אין דעם אידישן קוואַרטאַל, צו דער פאַבריק פון אבדהם פּוזנאַק און דאָרטן געבושעוועט עטלאַבע שעה, צוהאַקט וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט אין דער פאַבריק און פאַרבייניענדיק שוין אַנגעפאַלן אויף אומשולדיקע אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין דער געגנט.

צומאָרגנס איז דער בונט נאָך ניט איינגעשטילט געוואָרן. די איינוואוינער פון דער אַלטער שטאָט האָבן זיך צוגעגרייט אָפּצושלאָגן א נייעם אָנפאַל. דעם 22טן אַפּריל אַרום מיט-

נאכט האט זיך צוזאמענגעקליבן א גאר ריזיקע מאסע פון עטלאכע טויזנט אומצופרידענע, פארהונגערטע און צובונטעוועטע ארבעטער און זיינען אוועק צו דער גרעסטער פאבריק, צו דער פאבריק פון קאראל שייבלערן וואס איז געווען פאראנטווארטלאך פאר'ן מעכאניזירן פון דער לאדזשער מאנופאקטור אינדוסטריע.

צוערשט האט דער אויפגערעגטער המון אויסגעבראכן די טירן, דאן צובראכן די שויבן און נאכדעם האט די ריזיקע מאסע אנגעהויבן א סיסטעמאטישע נקמה פארניכטונגס־ארבעט: די סחורות זיינען צוריסן און צושלעפט געווארן, די מאשינען צובראכן געווארן און אלע כלים זיינען גרינטלאך צושטערט געווארן. געראטעוועט געווארן איז בלויז די דאמף־מאשין און דאס צוליב דעם וואס דער עולם האט מורא געהאט זיך צו איר צוצורירן, אז זי זאל נישט אויפרייסן די פאבריק.

שייבלער איז אנגעקומען און געבעטן זיך ביים עולם אז ער וועט איס געבן בראנפן און ביר, אבער איינער פון די ארבעטער האט אויסגערופן צו די ארבעטער, אז דער שווינדלער וויל זיי אפ'סמ'ען. די צושטערונגס־ארבעט איז ווייטער אנגעגאנגען. די פאליציי די ארטיקע איז געווען צו שוואך פאר דער מאסע. דער שאדן האט באטראפן עטלאכע צענדליק טויזנט רובל.

צומארגנס באלד האט דער דאמאלסטיקער לאדזשער בירגערמייסטער פראנציישעק טרעגער צוגעשטעלט א רעפארט דעם גענעראל גובערנאטאר וועגן דער גאנצער געשעניש. די צארישע מאכט האט באלד אנגעהויבן א שטרענגע אויספארשונג וועגן דעם „בונט“ און באשטראפט רעבעס און לינקס ארבעטער אויך ווען ס'איז נאר געפאלן א חשד פון אנטיילנעמען אדער בלויז סימפאטיזירן מיט דעם בונט. אינטערעסאנט איז, אז איינער פון די באשולדיקטע איז געווען א איד, הערמאן (חיים) קון, א פריזיער, וועמען מ'האט באשולדיקט אין האבן זיך אויסגעדריקט, אז „ס'איז נישט גענוג געווען צו צושטערן די פאבריק, מ'האט באדארפן אויך אראפ־ווארפן די ארלערס“. דאס האט שוין געשמעקט מיט אנטי־צארישע פראפאגאנדע.

די גרויסע פאבריקאנטן מיט'ן בירגערמייסטער האבן געהאלטן אין איין שטורעמען די קאנצעליאריעס פון די הויכע צארישע באאמטע, אז מ'זאל שיקן וואס מער סאלדאטן אדער גאר בעסער קאזאקן און אויף אזא אופן איינשטעלן שטענדיקן שלום, ווייל, ווי דער בירגערמייסטער טרענער דריקט זיך אויס, איז „די ארבעטער באפעלקערונג פון דער נאטור אויס לייכטזיניק און גענייגט צו אויפשטאנדן“.

זעט אויס אז די צארישע מאכט האט צוגעשטימט צו דעם בירגערמייסטערס מיינונג וועגן דער ארבעטער באפעלקערונג און ס'איז באלד אריינגעשיקט געווארן קיין לאדזש א קאזאקן אפ־טיילונג צו האלטן דארטן כסדר ארדענונג. און דער בירגערמייסטער לאזט וויסן טריאומפירנד, אז „איצטער האבן מיר צו קאנען האלטן ארדענונג“.

אזוי האט זיך געענדיקט דער ערשטער אויפשטאנד פון די לאדזשער ארבעטער קעגן די מאשינען און זייערע באלעבאטים.

## דער ערשטער וועבער סטרייק אין זגערזש אין יאר 1874.

(איבערזעצט פון פויליש מיט פארקירצונגען)

דעם 13טן פעברואר 1874, האט אין די זגערזשער פאבריקן פון מאיערדארף, פארער, קאראל און הערמאן וואנדער אויסגעבראכן א סטרייק. הונדערט געהילף־מייסטערס און ארבעטער האבן געווארפן די ארבעט און געפאדערט א העכערונג אין שכירות, וואס זיינען לויט דער פאליציייאישער אויספארשונג געווען אזוי גרויס ווי 4—5 רובל א וואך. די פירער פון דעם סטרייק אין די פיר פאבריקן זיינען פון דער פאליציי צוגעצויגן געווארן צו פאראנטווארטלאכקייט. פונדעסטוועגן האט דער סטרייק אזוי אנגעשראקן די פאליציי און די רעגירונגס־מאכט, אז מ'האט דעם ענין איבערגעגעבן דעם גובערנאטאר פאר א גרונטלאכער אויספארשונג. וואס דער גובערנאטאר האט געטאן איז געבליבן אומבאקאנט.

ד"ר. יעקב שאַצקי

# צו דער געשיכטע פון דעם אידישן שולוועזן אין לאָדזש

(לויט ארכיוו־קוועלן)

אין יאר 1861 האט זיך די אידישע קהילה אין לאָדזש געווענדעט צו דער קאָמיסיע פאר בילדונגס־ענינים אין ווארשע, אז מען זאל איר דערלויבן צו עפענען אן עלעמענטארע שולע פאר אידישע קינדער.

דער לאָדזשער שטאָט־ראט האט געהאלטן די פאָדערונג פאר א בארעכטיקטע און צוזאמען מיט'ן מאגיסטראט און דער קהילה באַשטימט, אז די שול דארף אויסגעהאלטן ווערן פון דעם שטאט־שטייער וואָס די אידן צאָלן.

מען האָט שוין אפילו אנגאַזשירט א לערער, א געוויסן מ ו י ר י צ י ו ס, וועלכער האָט געהאט א דערלויבעניש אויף לערערשאפט, ארויסגעגעבן פון דעם קוראַטאר פון ווארשעווער בילדונגס קרייז.

דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג וואו דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן האָט מען דעם 13טן יוני 1862 איבערגעשיקט קיין ווארשע, צו דער גובערניאַלער רעגירונג מיט דער בקשה צו באַשטעטיקן די זאַך.

אבער ווארשע האָט אָפּגעזאָגט און מאָטיווירט דערמיט, אז דאָס געזעץ דערלויבט ניט צו גרינדן סעפּאַראַטע עלעמענטאַר שולן.

דאַדורך האָבן די אידישע כלל טוער פון לאָדזש געענטפערט, אז זיי ווילן ניט אריינגיין אין עצם ענין — די לאָדזשער — אויב עס איז נייטיק אדער ניט צו האָבן באַזונדערע שולן פאר אידן — אבער אזוי ווי לויט א געזעץ זייַנען העברעאיש און אידיש יורידיש ניט אנערקענט געוואָרן פאר קיין שפּראַכן (?) —- איז אן עלעמענטאַרע אידישע שול (ד. ה. אויף פּויליש י. ש.) אין א האַנדלס און פאַבריק שטאָט, וואָס ציילט 8000 אידן איז ניט נאָר א נויטווענדיקייט פאר'ן יונגן דור, נאָר אפילו פאר דערוואַקסענע, פאר די טאַטעס פון די קינדער א וויכטיקער ענין.

„מיר ווילן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם הער דירעקטאָר — שרייבן די פּעטענטן — אויך אויף די אומשטענדן, אז די אידן באַטרעפן א פינפטן טייל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און דער שול שטייער ווערט פון אונז אַדיינגעשיקט אין דער שטאָט קאַסע אין א ראָפּעלטער פּראָפּאָרציע ווי די איבעריקע באַפעלקערונג; דאָס איז דערפאַר, וואָס די עוואַנגעלישע קהילה נוצט אויס אירע שטייערן נאָר פאר זיך אליין; דאַגעגן די קאַטאָליקן, וואָס זייַנען ניט גרעסער אין צאָל ווי די אידן, אויב מען וועט אָפּרעכענען די טשעלאַדניקעס און בעל מלאכות וואָס צאָלן בכלל ניט קיין שטייערן, קומט אויס אז די אידן גיבן דריי פינפטל פון דעם פאָנד אויף אויסצוהאַלטן די עלעמענטאַרע שולן."

די עוואַנגעליקער, דערוויסנדיק זיך פון דעם דעפּאַרט, האָבן געהאַט צוויי שולן, די קאַטאָליקן פיר און די אידן — קיין איינע ניט.

„וואו איז יושר? פרעגן זיך די אידן, און בעטן ביים בילדונגס־דירעקטאָר אין ווארשע, אז מען זאל די „גוואַלדטאַט" אָפּשאַפן.

חוץ דעם — טענהען די אידן — קענען זייערע קינדער ניט געניסן פון די עקזיסטירנדע שולן, ווייל זיי געפינען זיך אין ווייטע מקומות, וואו עס וואוינען דערווייל א צענדליק אידישע משפחות.

דערצו באַפרידיקן ניט די דאזיקע שולן די רעליגיעזע נויטן פון די אידישע קינדער און דערפאר קענען זיי ניט דערגרייכן יענעם ציל, וואָס דערציאונג דארף זיך שטעלן.

און אז אידן ווילן זיך לערנען די לאנדס־שפראך איז דער בעסטער באווייז די פריוואטע שול פון שארלאַמען, וואָס איז איבערגעפאקט.

אבער יענע שול קענען באזוכן נאר קינדער פון רייכע עלטערן.

האלטן פריוואטע לערער איז אויך א שווערער ענין, ווייל צאָלן שול־שטייער אין דער מלוכה קאסע און חוץ דעם צאָלן א פריוואטן לערער איז איבער די כוחות פון די מערסטע אידן.

דער אידישער מיטל־קלאס און די אָרימערע שיכטן באצאָלן פאר פארשפרייטן בילדונג צווישן קאטאליקן — אליין אבער „פארבלייבן זיי אין א טיפער פינצטערניש" — בעת אידן אין אנדערע שטעט, ווי פּיאָטרקאָוו, לובלין, קאַליש און וואַרשע האָבן שוין פון לאנג שולן באשטעטיקטע פון דער מאַכט.

דעריבער בעטן מיר די לאָדזשער אידן, אז מען זאָל זיי דערווייל דערלויבן עפענען א שול, ווייל די צייט לויפט און ביז אלע אינסטאנצן וועלן באשטעטיקן די רעכט קען דערווייל די שול פונקציאנירן.

די דאזיקע בקשה האבן אונטערגעשריבן: בערנארד גינזבערג, מ. בינענשטאָק, י. פּאָזנאנסקי י. בלום, שמעון מייבוים, איזידאר בירנבוים, יוזעף לאנדאו, י. דאָבראָניצקי, דר. א. וואלף, א. פּרוסאק, עליאש היימאן און אנדערע.

דער לאָדזשער שטאָט־ראָט האט זיך געווענדעט מיט דער בקשה, וואָס זי האָט היים געשטיצט, צו דער גובערניאלער מאכט אין ווארשע.

די פּעטיציע אין נאָמען פון שטאָט־ראָט האָבן אונטערגעשריבן: י. פּאָשקעוויטש, גלת געהליג, ע. לורוויג, בערנארד גינצבערג, איזידאר קעמפּינסקי, מ. לעוויצקי, י. ליפּינסקי, ט. לורקא, ל. קיערניק, גראהמאן און דער גלה יאקובאָוויטש.

(פּראָטאָקאָל פון 4טן אויגוסט 1862)

דעם 1טן אָקטאָבער 1862 איז קיין ווארשע אָפּגעפאָרן א ספּעציעלע דעלעגאציע פון לאָדזש כדי צו קאָנפערירן מיט די פארטרעטער פון בילדונגס דירעקטאָריום בנוגע א דערלויבעניש פאר עפענען א שול פאר אידישע קינדער.

מען האט די דעלעגאציע אויפגענומען זייער פריינטלאך און עס איז געווען א האפענונג, אז דעם 1טן נאָוועמבער 1862 וועט מען קענען עפענען די אזוי געגארטע שול פאר אידישע קינדער.

עס איז אבער אריבער גאנצע זעקס חדשים און קיין ענטפער איז ניט געקומען.

דעם 21טן מאי 1863, האָבן די כלל־טוער באנייט זייער בקשה.

דעם 13טן אויגוסט 1863 האָט מען געגעבן א דערלויבעניש מיט א באדינגונג, אז די שול וועט מוזן זיך אונטערוואַרפן די אלע ענדערונגען, וואָס מען וועט געפינען פאר נויטיק געזעצן אפילו פארמאַכט צו ווערן, אויב די וועלן דאָס פארערן.

דער בילדונגס דעפּאַרטמענט, די סעקציע פון פינאנס אדמיניסטראציע האָט זיך אבער דערשראָקן, אז אויב די אידן ווילן אז זייערע שטייערן זאָלן גיין אויף אויסהאלטן די אידישע שולן, וועלן דאן די קריסטלאכע שולן האבן א היזק, דעריבער ווילן זיי זיך פארזיכערן, אז די אידן וועלן ניט אויפהערן צו צאָלן דעם אלגעמיינעם שול־שטייער און גלייכצייטיק זיין בכח צו שאפן די געהעריקע פאנדן אויף אויסצוהאלטן זייערע אייגענע שולן.

נאָך א לאנגער קאָרעספּאָנדענץ איז ענדלאך באשטעטיקט געוואָרן פון דעם נאמיעסטניק פון פוילן אז אידן אין לאָדזש קענען עפענען א שול פאר זייערע קינדער אויף זייער אייגענע הוצאות בתנאי אז זיי וועלן ניט אויפהערן צו צאָלן דעם אלגעמיינעם שול־שטייער.

דעם 16טן דעצעמבער 1863 האט דער לאדזשער מאגיסטראט צונויפגערופן א קאנפע־רענץ מיט די ווינטיקסטע אידישע תושבים פון לאדזש און געהייסן זיי אונטערשרייבן א דעקלא־ראציע, אז זיי ווילן ווייטער צאלן זייער שול־שטייער.

אבער די אידן האבן זיך אנטזאגט אונטערצושרייבן אזא מין דעקלאראציע. זיי האבן זיך נאר דעקלארירט אויסצוהאלטן זייער אייגענע שול.

זיי האבן געטענהט, אז זיי מוזן צאלן אויף אויסצוהאלטן א רב, צוויי דינים, א חזן און שמשים און דערפאר בעטן זיי, מען זאל זיי באפרייען פון דעם שול־שטייער.

די דאזיקע בקשה האבן אונטערגעשריבן: הרב ליפשיץ, ה. גאלדבערג, בערנארד גינצבערג, איזידאר קעמפינסקי, ס. מארקוספעלד און אנדערע.

די בקשה איז אפגעווארפן געווארן.

דעם 27טן יוני, 1864, האט דער בילדונגס רעפארטמענט זיך געווענדעט צו דער גובער־ניאלער מאכט, אז מען זאל זען איינמאנען ביי די לאדזשער אידן די לויפנדע, ווי אויך די אלטע שטייערן אויף אויסצוהאלטן די אלגעמיינע עלעמענטארע שולן אין לאדזש.

דאס איז געווען א שטראף פאר די אידישע עקשנות.

איצט אין 1865 איז אין לאדזש געעפנט געווארן די ערשטע עלעמנעטארע מלוכה שול פאר אידישע קינדער.

(לויט די אקטן פון בילדונגס קוראטאד אין ווארשעווער אוניווערסיטעט ארכיוו).

עס איז אבער זייער וויכטיק צו באמערקן, אז די דאזיקע שול, וואס מען האט מיט אזוי־פיל מי ענדלאד געעפנט פאר די קינדער פון אידן אין לאדזש, איז געווען א פוילישע (שפעטער א רוסישע) שול, וואו מען האט געלערנט אידישע רעליגיע.

מיט דער אידישער שול־באוועגונג האט זי קיין שום שייכות ניט.

איצט אין דער צייט פון דער דייטשער אקופאציע האט לאדזש זוכה געווען צו האבן אידישע שולן פאר אידישע קינדער אין דער אידישער שפראך.

לאדזש האט אויך א ציוניסטיש־פוילישע שול־וועזן, וואס פרעטענדירט אויף נאציאנאלער קולטור.

אבער אויך די שולן, וואו מען לערנט א סך העברעאיש זיינען אין תוך ניט קיין אידישע שולן, נאר פוילישע שולן מיט א ציוניסטיש־העברעאיסטישן גייסט, דעריבער איז דער אדביוואלישער עפיזאד, וואס ווערט דא דערציילט ניט קיין „יחוס־בריוו” פאר דעם אידישן שול־וועזן, נאר א בלעטל פון דער תקופה, ווען אונטער דעם איינפלוס פון דער השכלה האט מען נעגלייבט אז די „שקאלע” וועט זיין דער בריק וואס פירט צו עמאנציפאציע.

גוסטאוו אייזנער

# דער לאָדזשער „ראבונעק” פון 1892

פון מיין פריסטער יוגנט אָן האָט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט א סצענע וואָס איך האָב איבערגעלעבט און וואָס האָט מיך פיל יאָרן באוואויגן נאָכצוטראכטן וואָס ארום אָט דער סצענע איז אין דער אמת'ן פארגעקומען.

די סצענע וואָס איז איינגעקריצט אין מיין זכרון האָט פאָרגעשטעלט ווי מיין פאָטער ליגט אין הויף ביי א סלופּ א צובלוטיקטער מיט וואונדן אין קאָפּ, און ארום איס שטייען מענטשן און וואשן איס מיט קאַלט וואסער.

איך בין דאן אלט געווען אן ערך 7 יאָר און געוואוינט האָבן מיר אין לאָדזש אויף צעגיעלניאנא נאָס 46. כאָטש פאר מיר איז ניט קלאָר געווען וואָס מיט מיין פאָטער איז געשען, האָב איך פונדעסטוועגן געוואוסט, אז ער איז פארוואונדעט געוואָרן פון עטלאכע קריסטן און אז דאָס איז געשעהען בעת דעם ראבונעק, וואָס איז דאן פארגעקומען אין שטאָט. וואָס איז אייגנטלאך דאמאלסט פארגעקומען אין לאָדזש איז אונזער היינטיקן דור געבליבן כמעט ווי אומבאקאנט. פילע געדיינקען, אז עס איז פארגעקומען עפּעס שרעקלאכעס און יעדערער באצייכנט די געשיכטע מיט'ן ווארט „ראבונעק”.

אין דער בירגערלאכער פרעסע פון יענער צייט, אין וועלכע עס איז בכלל זייער ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן די שרעקלאכע געשעהענישן, זיינען די געבראכטע פאקטן, אגב שטאַרק צענזורירטע, געשילדערט געווען אויף אזא אופן, אז דער לייענער האָט געהאַט א באגריף, אז די גאנצע געשעהענישן האָבן זיך געדרייט ארום ארויסטרעטונגען מצד קריסטן געגן אידן.

אין דער אומלעגאלער סאָציאליסטישער פרעסע פון יענער צייט זיינען פארעפנטלאכט געווען א צוויי־דריי קאָרעספּאָנדענצן פון לאָדזש וואו די ראַזיקע געשעהענישן ווערן געשילדערט שטאַרק טענדענציעז. פון די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן האָט מען אבער קלאָר ארויסגעזען דעם אמת וואָס האָט צו די ארויסטרעטונגען געבראכט, און אז געפירט דערצו האָט א עקאָנאָמישער קאמף פון די ארבעטער וואָס איז געפירט געוואָרן פון די דאמאָלסטיקע סאָציאליסטן.

אין זיינע זכרונות פון די יאָרן 1888—1892 האָט דער דאמאָלסטיקער פירער פון דער סאָציאליסטישער פארטיי אנטאָני הומניצקי, וואָס האָט איך א צייט אָנגעפירט מיט דער סאָציאליסטישער ארבעט אין לאָדזש פארעפנטלאכט וויכטיקע איינצלהייטן.

הומניצקי דערציילט, אז ער איז געקומען פון ווארשא וואו ער איז געווען א סטודענט אין אוניווערזיטעט קיין לאָדזש זומער־צייט פון יאָר 1891 ווי א מיטגליד פון דער פארטיי „זוויאנזעק ראבאטניקוב פאָלסקיך”. די פארטיי ארבעט אין לאָדזש איז דאמאָלסט געווען זייער א אינטענסיווע. דער גייסטיקער פירער פון „זוויאנזעק” (פאדקירצט פון „זוויאנזעק ראבאטניקוב פאָלסקיך”) איז דאן געווען י. מארכלעווסקי, דער שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער פירער און איינער פון די גרינדער פון דריטן אינטערנאציאָנאל, וואָס האָט דאמאָלסט געארבעט אין פּאָזנאנסקי'ס פאבריק אלס פארבער מייסטער. אין דער סאָציאליסטישער ארבעט זיינען אין לאָדזש אויך דאן טעטיק געווען דער באַזיקאָסירעד י. בראקוסקי, א. שומאן, ק. קיזשינסקי, י. לערער און אנדערע. זייער טעטיק אין דער סאָציאליסטישער ארבעט איז אויך געווען הומניצקי אליין, און כדי בעסער צו קענען פירן די אגיטאציע איז ער געוואָרן א שפּינער ארבעטער אין היינצל און קוניצער'ס פאבריק.

אין הארבסט 1891 איז פארגעקומען א גרויסער איבערייס אין דער סאָציאליסטישער ארבעט. דאָס איז געשען צוליב דעם ארעסט פון עטלאכע פארטיי־פירער, דאַרונטער איך מארכלעווסקין און לערערן.

כדי ווייטער צו קענען פירן די סאציאליסטישע ארבעט האט קראסוסקי מיט הומניציק'ן אויף וועלכע עס איז געלעגן די גאנצע ארבעט פון „זוויאנזעק" זיך פאראייניקט מיט א. ש ע ד ל י כ ז וואס האט דאמאלסט אנגעפירט די סאציאליסטישע ארבעט פון דער לאדזשער גרופע „פראלעטאריאט". די דאמאלסטדיקע פארטיי איבעט איז באשטאנען אין אנפירן פראפאגאנדע קרייזלאך, זאמלען געלט פאר די קאמף קאסעס א. ד. ג.

דעם עלעמענט וואס האט זיך גרופירט ארום דער סאציאליסטישער ארבעט אין יענער צייט, פארטיילט הומניצקי אין דריי טיילן און עס וועט פאר אונז אינטערעסאנט זיין זיך צו באקענען מיט אט די עלעמענטן.

דער ערשטער און גרעסטער טייל איז באשטאנען פון עלטערע מענטשן וואס האבן דורכגעלעבט אדער מיטגעמאכט דעם פוילישן אויפשטאנד אין יאר 1863. דעם דאזיקן עלעמענט האט ניט צופרידנגעשטעלט בלויז דער עקאנאמישער קאמף וואס די פארטיי האט געפירט. זיי האט געפאדערט א קאמף מיט דער רוסישער רעגירונג, אבער פאר זיי איז נאך ניט קלאר געווען, וועלכע פארמען דער קאמף דארף אננעמען.

דער צווייטער טייל איז באשטאנען פון געוועזענע מיטגלידער פון ערשטן „פראלעטאריאט". וואס האבן געהאט מיטגעמאכט דעם שרעקלאכן פאגראם איבער דער דאזיקער ערשטער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי, וועמעס גייסטיקער פאטער ל ו ד וו י ק וו א ר י נ ס ק י איז אומגעקומען אין דער שליסעלבורגער פעסטונג און זיינע נאענטסטע מיטהעלפער סטאניסלאוו קוניצקי, פיאטר באדראווסקי, מיכאל אסאווסקי און יאן פיעטרוסינסקי זיינען דעם 27טן יאנואר פון יאר 1886 אויפגעהאנגען געווארן אין ווארשעווער ציטאדעל. דער דאזיקער טייל מיטגלידער האט בכלל צוגעשטימט צו דעם פראגראם פון „זוויאנזעק".

צו דעם דריטן טייל אין „זוויאנזעק" האבן געהערט יונגע ארבעטער וואס האבן בכלל געהאט א קנאפן באגריף וועגן סאציאליזם, אבער האבן שוין בעת די מאי פייערונגען אין יאר 1891 אין פאזנאנסקיס פאבריק, אויף זייער אייגענער הויט זיך איבערצייגט ווי נויטיק עס איז פעראייניקטע און פאליטישע פרייהייט.

דער פארשידנארטיקער עלעמענט, האט צום סוף געפירט צו א שפאלטונג אין „זוויאנזעק" און פון איר זיינען אויסגעוואקסן פארשידענע פארטיי גרופירונגען, ווי „פאלסקא פארטיא סאציאליסטיטשנא", „פאלסקא סאציאל דעמאקראציא", „זוויאנזעק ראבאטניקוב סאציאל דעמאקראטיטשניך", „סאציאל רעמאקראטשי פאלסקי", „סאציאל רעמאקראציא קרולעווסטווא פאלסקיעגא" א. ד. ג. נאך א לאנגיאריקן קאמף זיינען פון אט די אלע פארטיי גרופן אויסגעוואקסן די שפעטערדיקע ס. ד. פון ליטע און פוילן (וואס האט זיך צום סוף פארשמאלצן אין דער קאמוניסטישער פארטיי) און די פ. פ. ס.

פון קרייז וואס האט זיך גרופירט ארום „זוויאנזעק" איז אויך ארויסגעוואקסן דער באוואוסטער אנטיסעמיט סטאניסלאוו גראבסקי, וואס איז געגן באשלוס פון „זוויאנזעק", נאך די נעשעהענישן אין לאדזש, ארויס מיט א בראשור אין וועלכער ער האט געפאדערט אז אין פראגראם פון „זוויאנזעק" זאל אויך אריינגעשטעלט ווערן דער פונקט וועגן קאמף געגן נאציאנאלער אונטערדריקונג. צו יענער צייט האט זיך קאמף צווישן די סאציאליסטישע גרופירונגען און אלס רעזולטאט דערפון האט זיך אין נאוועמבער פון יאר 1892 געגרינדעט די פארטיי פ. פ. ס. איינער פון די הויפט גרינדער פון דער דאזיקער פארטיי וואס האט אין איר פראגראם אלס הויפט פונקט געהאט פויליש אומאפהענגיגקייט איז געווען סטאניסלאוו מענדעלסאן, וואס האט אויך די פארטיי פינאנסירט.

די ברייטע ארבעטער מאסן זיינען בכלל ניט געווען באקאנט מיט די פרינציפיעלע פראגראמאטישע רייבערייען צווישן די דאמאלסטדיקע פארטיי פירער און זיינען נאך בכלל געווען זייער צוריקגעשטאנען. א כאראקטעריסטיק דערפון גיט דער פאקט, וואס זיי האבן זיך אפגעזאגט אנצונעמען א פראקלאמאציע וואס איז ארויס צום ערשטן מאי פון יאר 1892, דערפאר ווייל מען איז אין איר צו שארף ארויסגעטראטן געגן דער רעגירונג. אנדערע ארבעטער ווידער האבן זיך געפונען באלייריקט צוליב דעם, ווייל אין דער פראקלאמאציע איז באנוצט געווארן דער אויסדרוק, אז די ארבעטער ווערן דורך דער עקספלאאטאציע פון די פאבריקאנטן געצוואונגען צו פארקויפן זייער לייב.

אין דער דאזיקער פראקלאמאציע וואס מען האט געבראכט פון ווארשע און וואס איז פארשפרייט געווארן אין לאדזש ערב די שרעקלעכע געשעענישן, דערציילט הומניצקי, זיינען אויך ארויסגעשטעלט געווען פאליטישע פאדערונגען, ווי פרייהייט פון ווארט, פרייהייט פון פרעסע, פרייהייט פון פאראיינען און פארזאמלונגען ווי אויך פון פוילישע שולן און געריכטן. פיל פון די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען זיינען פאר פילע פון אונז געווען א איבערראשונג, אבער אזוי ווי עס איז ניט געווען קיין צייט דערוועגן צו דעבאטירן, האבן מיר די פראקלאמאציע פארנאנדערגעקלעפט איבער דער שטאט און געהאפט אז א דאנק איר וועט כאטש א טייל פון די פאבריקן זיך אנשליסן אין דער מאי פייערונג. קיינער האט זיך אבער ניט פארגעשטעלט, באמערקט הומניצקי, אז דער סטרייק וועט זיך אזוי צופלאקערן און אז ער וועט אננעמען דעם כאראקטער פון א בונט.

שילדערנדיק די אורזאכן פון ארויסטריט פון די ארבעטער, אונטערשטרייכט הומניצקי, אז באוואוינען דערצו האבן די שרעקלעכע באדינגונגען אין וועלכע די ארבעטער האבן בכלל געלעבט. דער ארבעטס־טאג האט געדויערט פון 6 פרי ביז 8 אין אוונט, די שווינדלען וואס די פאבריק מייסטערס האבן אנגעפירט מיט די זייגערס אויף די פאבריקן איז ניט צו באשרייבן.

אט די שווערע באדינגונגען האבן ארויסגערופן די פארביטערונג פון די ארבעטער, און ווען זיי זיינען צוליב דער ערב מאי אגיטאציע ארויס אין סטרייק, איז דאס ניט געווען אזוי ווייט צוליב דעם ארבעטער יום־טוב בכלל נאר פשוט א אלגעמיינער סטרייק פאר בעסערע עקאנאמישע באדינגונגען.

צוליב דעם וואס דער ערשטער מאי איז דאן אויסגעקומען אין א זונטיק, האט מען דערווארטעט אז די פאבריקן וועלן סטרייקן מאנטיק דעם צווייטן מאי. די ארבעט איז אבער אימיזום אנגעגאנגען נארמאל. ערשט דינסטיק דעם דריטן מאי, וואס איז א פוילישע נאציאנאלער יום טוב האט א טייל פאבריקן געסטרייקט. דעם פערטן מאי זיינען די סטרייקנדע ארבעטער אוועק אויף די פאבריקן און מיט געוואלד אפגעשטעלט די דאמף־מאשינען און אראפגענומען די ארבעטער פון דער ארבעט. דאנערשטיק דעם פינפטן מאי זיינען שוין געשטאנען אלע פאבריקן און די סטרייקנדע האבן אנגעהויבן ארויסנעמען פון דער ארבעט די מויערער ארבעטער, דרוקערס און אויך די ארבעטער פון די קלענערע ווארשטאטן.

די ארבעטער — דערציילט הומניצקי, האבן זיך די גאנצע צייט געהאלטן מיט ווירדע און רואיק. אויך די פאליציי האט זיך ניט אריינגעמישט ביז די לאגע איז ניט געווארן ערנסט און עס איז אנגעקומען א באפעל פון דאמאלסדיקן ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאר, צו ברייזן ארדנונג אין דער שטאט ניט צו זשאלעווען קיין קוילן.

די פאבריקאנטן זשאנדארן די גוירני יעתאר יויא דייד הויזייא דאגן אנגעווענדעט, האבן אפ־געלאזן באראטונגען און זיין [illegible] א טייל פון די ארבעטערס פארזאמלונגען [illegible] גוזערנאטאר מיליער, וואס איז דאן אינזשעניער אין שטאט, האט דאס אהער דערלאנגט. וועגן דער צוזאמענטרעפונג פון דעם פאקטן מיט הויזייק שרייבט הומניצקי אזוי:

„מען מוז צוגעבן אז מיר זיינען בכלל ניט געשטאנען אויף דער געהעריקער הייך פון נייז פארשטאנען ווי ארויסצוטרעטן אין דעם געשאפענעם מאמענט. עס איז ניט וויכטיק צו די כוחות האבן אונז דערלויבט, אבער עס מוז געזאגט ווערן, אז מיר האבן ניט געמאכט קיין פרואווע צו ארגאניזירן א בונדיק קאמיטעט און צו ארגאניזירן א זעלבסטשוץ פאר דער באפעלקערונג. מיר האבן ניט פרובירט אונטערהאנדלען מיט דער מאכט אין נאמען פון די סטרייקער און האבן בכלל גארנישט ניט געטאן, וואס האט געמוזט געטאן ווערן אין אזא מאמענט".

באשרייבנדיק ווייטער דעם פארלויף פון די געשעענישן און אלס כאראקטעריסטיק פון די ספאנטאנע ארויסטרעטונגען פון די ארבעטער, דערציילט הומניצקי, אז ער איז ארויסגערופן געווארן אויף א פארזאמלונג, אויף וועלכע מען האט פון אים פארלאנגט געלט אויף ארויסצושיקן א דעפוטאציע צום קייסער, וואס זאל אים דערקלערן, אז די ארבעטער פירן א קאמף מיט די פאבריקאנטן און אז דעריבער דארף זיך דאס מיליטער אין זייער קאמף ניט אריינמישן.

הומניצקים זכרונות וואס זיינען געשריבן געוואָרן א לייגגערע צייט נאָך די לאָדזשער געשעהענישן, גיבן זיך בכלל אָפּ מער מיט דעם אייגנטלאכן צושטאנד פון דער ארבעטער לאגע און באדירן ווייניקער די אייגנטלאכע פאסירונגען. מיר וועלן זיך דעריבער באקענען מיט דעם באריכט וועגן פארלויף פון די געשעהענישן, וואָס עס האָט פארעפנטלאכט ב ר א נ י ס ל א ו ו ס א מ א י ל א, אין ערשטן נומער פון „פּזשעגלאנד סאָציאַליסטיטשני“, וואָס איז ארוים אין פאריז אין אקטאבער 1892.

פון דאזיקן באריכט, פון וועלכן עס שמעקט א שיין ביסל שאָוויניזם, און פיינטשאפט צו די לאָדזשער דייטשע ארבעטער און אין וועלכן דער שרייבער זאָגט צו, צו זיין זייער אביעקטיוו, באקומט זיך א בעסערער באגריף וועגן פארלויף פון די פאסירונגען. אין דעריבער וועל איך זיך אביסל גענויער אויף זיי אָפּשטעלן.

נאכדעם ווי סאמאילא דערציילט אויספירלאך וועגן די סיבות פון סטרייק, וועגן פארלויף פון אראָפּנעמען די ארבעטער פון די פאבריקן און א רייע זייער אינטערעסאנטע פאקטאָן, גייט ער איבער צו די בלוטיקע צוזאמענשטויסן וואָס זיינען פארגעקומען אין פארלויף פון פרייטיקדיקן און שבת׳דיקן טאָג, און דערציילט פאָלגנדעס:

„עס איז זיך זייער שווער פאַרצושטעלן די אייגנטלאכע סיבה וואָס האָט געפירט צום בלוטיקן פארלויף פון די צוויי טעג. מעגליך איז אז די פּאָליציי האָט אויפגעדרייצט דאס מיליטער קעגן די ארבעטער און אז זי האָט אויך פּרובירט, די פאר דער רעגירונג געפערלאכע ארבעטערבאוועגונג צו פארקערעווען אין אן אנדער ריכטונג. וויסנדיק גוט אז די מאסע האסט די אידן, וועט זי זיך ניט איינהאלטן אין די ראמען פון רואיקן מאניפעסטירן, און אז זיי וועלן סוף כל סוף אויסלאָזן זייער אויפרעגונג צו די אידן. מעגליך איז אויך, אז די אומרוען האָבן ארויסגערופן די אזוי־גערופענע „באלוטשארושעס“, אדער אפשר נאָר לויט די הערשנדע קלאנגען די אידן אליין“.

„דאנערשטיק אוונט האט זיך אויף רעב אלטן מארק און ארומיקע גאסן אנגעהויבן א אויפרודערונג. ארויסגערופן האט דאס ווי איך האב שוין דערמאנט, די אידישע קצבים, וואָס האָבן לויט די קלאנגען וואס האָבן זיך פארשפּרייט געשפּאָלטן א קריסטלאכע פרוי דעם קאָפּ מיט א האַק. דער קלאנג וועגן דער דאזיקער פאסירונג האט זיך פארשפּרייט מיט דער שנעלקייט פון א בליץ און ארויסגערופן א שטארקע אויפרעגונג. צוזאמען דערמיט האָט זיך אויך פארשפּרייט א צווייטער קלאנג, אז אידן האָבן אויסגעהאקט די שויבן אין דער קאטוילישער קירך און אויך אז זיי האבן פארווארפן מיט שטיינער א גלח וואָס איז פארבייגעפאָרן די גאָס אין א דראשקע“.

„עס זיינען אנגעלאָפן די „באלוטשארושעס“ און עס האָט זיך אָנגעהויבן א בלוטיקע שלאכט, בעת וועלכע מען האט געשלאגן אידן. די אידן האָבן זיך אנטקעגן געשטעלט און פארשלעפנדיק קריסטן אין טויערן אריין און זיי אויך דערהרגעט. די אידן האָבן אויך געשאָסן פון די פענסטער אין די פארבייגייענדע און אויך באגאָסן מיט הייס וואסער. באווארפן מיט שטיינער א. ד. ג. אויף איין ארט האָט דער אויפגערעגטער המון אונטערגעצונדן דאָס הויז פון וואָנען מען האט נעגאָסן הייס וואסער, אבער קיינער איז ניט פארברענט געווארן„.

די קאזאקן זיינען באפאלן דעם המון, געהאקט מיט די שווערדן און דערנאָך געשאסן מיט ביקסן. דער המון האט זיך אנטקעגן געשטעלט און עטלאכע קאזאקן פארוואונדעט. די קאזאקן זיינען אפּגעטראטן און דערביי פא־וואינרעט מיט די שווערדן פיל אידן און קריסטן. דער רעזולטאט פון דער דאזיקער שלאכט איז געווען, אז מען האָט אנגעהויבן ריידן, אז דער גאנצער אידישער געגנט וועט פארברענט ווערן. קליינע אינגלאך האָבן אין דער צווישנצייט געשלאָגן אידן און צורויבט זייערע קליינע ארימע געוועלבער.

„אויף צומארגנס אין דער פרי איז אנגעקומען פון פעטריקאָוו דער גובערנאטאר מילער. ער האט אויסגעזידלט די פאבריקאנטן דערפאר וואס זיי האבן איס באצייטנס ניט געמאָלדן וועגן דער דראענדער געפאר און אויך דערפאר וואָס זיי האָבן געבראכט קיין לאָדזש דייטשע

מייסטערס, וואס זיינען אקטיווע סאציאליסטישע אניטאטאָרן. אויף דעם נייעם מארק האָט דער גובערנאטאר פּרובירט צו האלטן א באַדואיקונגס רעדע אבער דער המון האָט אים אויסגע־פייפט און באוואָרפן מיט שטיינער".

„לויט ווי עס האָט דערציילט אן אפיציר איז דאמאָלסט פאָרגעקומען אזא אויסטויש פון טעלעגראמען: „לאָדזש קיין ווארשא: וואס זאל מען טאָן? ווארשא קיין פעטערבורג: וואָס זאָל מען טאָן? פעטערבורג־לאָדזש, שיסן אָן רחמנות. ווארשא־לאָדזש, אויב די אָרדנונג וועט ניט איינגעשטילט ווערן אין פארלויף פון 24 שעה וועל איך קומען מאכן אָרדנונג — הורקא. איך קום קיין לאָדזש — מערעס (א גענעראל).

„פּרייטיק האָט זיך די שלאכט געהאט פארשפּרייט איבער דער גאנצער שטאָט. עס איז פארגעקומען א אמת געיעג אויף אידן און מען האָט געשלאָגן אלע צו דאס זיינען געווען „ציוויליזירטע" אידן, — אדער „אפּגעריסענע".

שילדערנדיק ווייטער דעם פארלויף פון די שלאכטן, שטרייכט סאמאילע אונטער אין זיין באריכט, אז צוליב דער באוואוסטער אידישער שרעק איז געווען כמעט געוואלד־געשרייען ווי ווייטאָג. ביים ערשטן קלאפּ האָט זיך א איד באלד אוועקגעלייגט אויף דער ערד און ניט פּרובירנדיק זיך צו פארטיידיקן האָט ער נעגוואלדעוועט אז ער איז שוין א טויטער. עס האָט אויך זייער אָפט פּאסירט וואס א גרויסע גרופּע אידן זיינען אנטלאָפן ניט פּרובירנדיק אפילו צו פארטיידיקן זיך ווען א גרופּע קליינע אינגלאך האָט זיי נאָכגעיאָגט. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין אייניקע אידישע געוועלבער וואָס זיינען צושטערט געוואָרן, כאָטש פון זיי איז נאָרנישט ניט צונערויבט געוואָרן.

„די פּאליציי האָט אויף אלץ געקוקט גלייכגילטיק. און איך האָב אליין געזען ווי זשאנדארמען און פּאליציאנטן האָבן לאכנדיק געדייצט די קליינע אינגלאך צו ווייכן אידיש גוטס".

„גאָר געפערלאך איז געוואָרן די לאגע ארום מיטאג צייט, ווען פון די ארומיקע דערפער האָבן פּויערים גענומען שטראָמען אין דער קירך אויף אלט־שטאָט. באוואָפנט מיט העק, קאָסעס, שטעקנס א. ד. ג. האָבן די פּויערים אויפגערעגטע און א גרויסן המון זיך פארזאמלט ביי דער קירך וואו אידן האָבן, לויט ווי מען האָט זיי דערציילט, אויסגעהאקט די שויבן און פאראומרייניקט דעם אלטאר. אין דער זעלבער צייט האָט זיך פארשפּרייט א קלאנג, אז מען צינדט אונטער די הייזער פון אלטן מארק. ווען דאָס מיליטער איז צוגעקומען צו דער קירך האָבן זיך די פּויערים וואס האָבן זיך גאנץ רואיק פארהאלטן גענומען צוריקציען אבער דאס מיליטער האָט דאָך אויף זיי געשאָסן. נאָכמיטיק איז דאס מיליטער ארויסגעטראָטן מיט פארשטארקטער ענערגיע און גענומען שיסן אויף לינקס און רעכטס, אבער הויפּטזאכלאך אהין וואו מען האָט אמווייניקסטנס דערוואַרטעט א ווידערשטאנד".

„דער נאַסן־קאמף איז געווען א זייער פארביטערטער און אנגעפירט מיט איס האָבן אָפיצירן וואס האָבן זיך געהאט איינקוואַרטירט אין די גרעסערע פאבריקן און זיך דאָרט געלאָזט וואוילגיין אויף דעם חשבון פון די פאבריקאַנטן. פּרעזידענט פּיענקאָווסקי האָט אין שטאָט דערקלערט באלאגערונגס־צושטאנד און געסטראשעט זי צו פארוואַרפן מיט גראנאטן אויב עס וועט זיך ניט איינשטעלן קיין אָרדנונג. עס האָבן זיך אויך באלד אנגעהויבן מאסן ארעסטן און ארעסטירט צו ווערן איז גענוג געווען ווען מען האָט בלויז אויסגעזען ווי אן ארבעטער. די ארעסטירטע האָט מען געשמיסן, דערהויפּט די אינגערע ארבעטער.

„א טייל פון די ארבעטער האָט פּאראָטן דעם סטרייק און זיך שבת אָוונט גענומען מעלדן אויף די פאבריקן. צוריקצוהאלטן די ארבעטער פון דאָזיקן שריט איז געווען אוממעגלאך, ווייל אלע פאבריקן זיינען געווען באוואכט פון מיליטער. דער זונטיקדיקער טאָג, כאָטש מען האָט ווידער דערוואַרטעט אומרוען איז אריבער רואיק און מען האָט דעריבער א טייל פון מיליטער אריבערגעפירט אין דער דערבייאיקער שטאָט זגערזש, וואו די דאָרטיקע ארבעטער האָבן נאָכגעפאָלגט די אקציע פון די לאָדזשער ארבעטער. מאָנטיק האָט מען שוין אויף אלע פאבריקן נאָרמאל געארבעט און דינסטיק האָט שוין געהערשט רו און אָרדנונג".

פעסטצושטעלן די צאל קרבנות איז אוממעגלאך, ווייל סיי די אידן און סיי די קריסטן האבן צונעגומען זייערע קרבנות. פון שפיטאל האט מען זונטיק ארויסגעפירט 14 פערזאָן וואס זיינען געשטארבן פון די וואונדן און נאכדעם נאך די 3-4 טעג'לאך. בכלל רעכנט מען אז עס זיינען געווען ארום 40 טויטע".

סאמאילא פארענדיקט זיין באריכט מיט דעם, אז די פאבריקאנטן האבן א לאנגע צייט נאך דעם סטרייק געלעבט אין שרעק, אז זיי האבן ביי די ארבעטער ניט ארונטערגענומען פון זייער געהאלט פאר דער צייט פון סטרייק און אז זיי האבן די דאזיקע סומעס באטראכט אלס הלואה צו די ארבעטער. אז פאר זיין אפפאר פון שטאט האט דער גובערנאטאר פארבאָטן נאכצוגעבן די ארבעטער וועלכע עס איז פארדונג, אז זיי זאָלן ניט בלייבן אונטער דעם איינדרוק, אז מיט גוואלד קען מען עפעס אויספירן.

צום סוף קומט סאמאילא צום אויספיר, אז טראָצדעם וואס מען האט קיין שום פאָדערונגען מאמענטאן די ארבעטער ניט נאכגעגעבן איז אבער געווען די פולע האָפנונג, אז די פאבריקאנטן וועלן מיט דער צייט פיל פאָדערונגען נאכגעבן און דארונטער אויך די פאָדערונג פון דער באזייטיקונג פון די רורך די פאבריקאנטן פאוואריזירטע דייטשע אבער־מייסטערס, מיינטסטנס, דירעקטארן און אויך די „באלוטשארזשעס" וואס זיינען א געפאר פאר דער געזעלשאפט. די האפנונגען אבער פון נאכגעבן אט די פאדערונגען זיינען מינימאלע אין פארגלייך מיט דעם מאראלישן זיג פון סטרייק צו וועלכן עס האבן זיך אויך א איינציקן רוף געשטעלט איבער זעכציק טויזנט ארבעטער. דער דאזיקער סטרייק אין וועלכן די פוילישע ארבעטער זיינען געשטאנען אליין האט שטארק דערהויבן דעם פרעסטיזש פון דער פוילישער ארבעטער באוועגונג.

סאמאילאס באריכט קען מען באטראכטן פאר אויטענטיש, ווייל ער איז געשריבן געווארן א קורצע צייט נאך די געשעהענישן.

אויסער די דערמאנטע באריכטן וועגן די בלוטיקע געשעהענישן איז נאך באקאנט א באריכט פון איינעם ל. וואס איז פארעפנטלאכט געווארן אין יאר 1904 אין לאנדאן, אין זשורנאל פון די פ. פ. ס. „פצלא וואלקי". צו דעם דאזיקן באריכט מוז מען זיך אבער זייער פארזיכטיק באציען, ווייל אפילו די רעדאקציע פון זשורנאל באמערקט, אז זי נעמט אויף זיך ניט די פאראנטווארטלאכקייט פאר ל.'ס געבראכטע פאקטן. ל.'ס באריכט איז בכלל א מער סענסאציאָנעלער און שטעלט זיך מער אפ אויף איינצלנע פאקטן, וועלכע עס איז ניט מעגלאך פעסטצושטעלן. אין באריכט זיינען אבער פאראן עטלאכע פאקטן וועגן וועלכע עס לוינט זיך אפצושטעלן.

אין איינעם פון די טעג פון די אומרוען דערציילט ל. אז ארום פיר א זייגער בייטאָג האט זיך דער המון פארזאמלט אויף דעם מארק און אהין אויך געבראכט זייערע קרבנות דארונטער אויך דעם וואס איז דערהרגעט געווארן דורך דעם אידישן קצב. אויף דעם מארק זיינען ארויסגעטראטן עטלאכע רעדנער און מען האט פארגעשלאגן אויסצוקלייבן א פירער אלס פוילישן „קעניג". פאר א „קעניג" האט מען אויסגעקליבן דעם שניידער וו. ועמען איך האב פערזענלאך געקענט. איך האב אויך געזען ווי דער אויסגעקליבענער „קעניג" איז ארויף אויף א טיש און גענומען האלטן א רעדע. פלוצלינג זיינען אנגעריטן קאזאקן און אריין אין פא־זאמעלטן המון און ארעסטירט דעם „קעניג". מיט גוואלד „קרולא זאבראלי" האט דער המון דעם ארעסטירטן פרובירט צו באפרייען אבער דאס איז ניט געלונגען.

דעם דערמאנטן פאקט, באטש ער שיינט צו זיין זייער אומגלייבלאך, האט אויסגעפאָרשט דער באגאבטער לאדזשער היסטאריקער ע ו ג ע נ י ו ש א י י נ ע נ ק י ע ל (אין דריטן העפט פון פינפטן באנד פון זשורנאל „ניעפאדלעגלאשטש" פון יאר 1932.) פון איינענקיעלס ארבעט דערוויסט מען זיך, אז דער שרייבער ל. וואס ברייננט דעם פאקט איז מ. לושניא — ק א ז ש מ י ע ר ש ק ר א ו ז. און אז דער אויסגעקליבענער קעניג איז געווען דער שניידער קאזשמיעזש וואכאוויטש. וואס איז ערשט געשטארבן אין יאר 1929. איינענקיעל דערציילט צווישן אנדערן, אז וואכאוויטשען האט מען אויסגעקליבן פאר א „קעניג" דערפאר, ווייל ער איז

זייער באהיבט געווען ביי די ארבעטער פון פאזנינסקי'ס פאבריק ארים וועלכער ער האָט געוואונט און געהאלטן אויסער דעם שניידער ווארשטאט אויך א מין קאוו ארניע וואו די ארבעטער פלעגן זיך אפט צונויפקלייבן און באטראכטן זייער לאגע. אין אט דער קאוויארניע זאָל אויך זיין באשלאסן געווארן דער גרויסער סטרייק.

ווענן דער צאָל דערהרגעטע דערציילט ל., אז עס זיינען געווען צוזאמען 108 ארבעטער און 51 מיליטעריליים. די צאָל סטרייקנדע גיט ער אָן אויף ארום הונדערט טויזנט און באמערקט אויך, אז אויסער די ארבעטער פון זגערזש זיינען צום סטרייק אויך צוגעשטאנען די ארבעטער פון פאביאניץ.

אין וו. ל. בורצעוו'ס קאלענדאר פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווערט געבראכט א קורצע נאטיץ וועגן די לאדזשער מאי געשעהענישן, און פון דער דאזיקער נאָטיץ דערוויסט מען זיך און ר. אז אין סטרייק האבן זיך באטייליקט ארום 100,000 מענטשן. ניט דאס מיליטער און ניט די פאליציי — ווערט אין דער נאָטיץ דערציילט — האָט זיך געקענט אן עצה געבן מיט די סטרייקנדע און מען האט געמוזט באפרייען די ארעסטירטע. די פאבריקאנטן און שטאָט־אדמיניסטראציע האט אויף א צייט געמוזט פארלאָזן די שטאָט און די שטאָט איז אריבער אין די הענט פון די סטרייקנדע. ג ו ר ק א דער ווארשעווער גובערנאטאר האָט טעלעגראפירט קיין לאדזש „שיסן, ניט זשאלעווען קיין קוילן". דערהרגעט זייענן געווארן 108 מענטשן סאלדאטן זיינען דערהרגעט און פארוואונדעט געווארן 51.

אין זשורנאל פון פ. פ. ס. „ז' פאלא וואלקי" פון יאר 1904, דערוויסט מען זיך, אז דער פראצעס אין צוזאמענהאנג מיט די מאי געשעהענישן זיינען פארגעקומען אין סעפטעמבער, און אז צום פראצעס זיינען צוגעצויגן געווארן 82 פערזאָן. איין טייל פון די פראָצעסירטע איז באשולדיקט געווען אין אויפרייצן צום סטרייק און דער צווייטער טייל אין אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען. פון די געמישפטע זיינען 11 באפרייט געוואָרן און די איבעריקע זיינען פאר־משפט געוואָרן פאר אויפרייצן צום סטרייק פון 2 ביז 4 חדשים און פאר אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען פון 6 חדשים ביז דריי יאָר ארעסטאנטסקע ראָטע.

* * *

„דער לאדזשער „ראבונעק" האָט אויך באקומען אן אָפּשאצונג אין יצחק גרינבוים'ס ארבעט איבער „אידן פארגראמען אין רוסלאנד", און אין ב. מ באלעוויטש'ס בוך „זכרונות" און עס וועט דעריבער אינטערעסאנט זיין צו זען וואָס די דערמאנטע צוויי שרייבער האָבן געהאט וועגן דעם צו זאגן.

„אין מאמענט פון לאדזשער פאגראם, ווי אויך פון פאר דעם פאָגראָם, זאָגט ג ר י נ ב ו י ם, לאָזט זיך דאס פארהאלטן אפילו פון די ניט־אנטיסעמיטישע עלעמענטן צו די אידן אזוי כאַראקטעריזירן: – „דאס אידנטום אדער צו פארשלינגען אדער זיך פון אים אינגאנצן אָפּוואַרפן". אזוי אבער ווי אָפּוואַרפן זיך פון אידנטום איז ניט געווען מעגלאך איז בלויז געבליבן דער צווייטער וועג. דאס אידנטום האט אבער גראָד דאמאָלסט דורכגעמאכט א איבערגאנגס־סטאַדיע. די מאסע פון די פוילישע אידן איז דאן בכלל געווען זייער אינדיפערענט. די ארי־געגטינישע אימיגראציע האָט דעם אכית געזאָגט זי אביסל אויפגעוועקט, אבער דאס איז געווען בלויז אויבערפלעכלאך. נאָך ווייניקער אויפלעבונג האָט ארויסגערופן די פאלעסטינער אימי־גראציע. די געבילדעטע געזעלשאפט האָט די אידישע צוקונפט געבויט אויף אסימילאציע און איז בלינד געווען אויף די טאג־טעגלאכע געשעהענישן. אנדערש אָבער האָט זיך באצויגן די יונגע סאָציאליסטישע אינטעליגענץ, וואָס האָט די לייזונג פון דער ביטערער אידישער לאגע געזען אין סאָציאליזם און אויך אין פוילנס אומאָפּהענגיגקייט. צו יענער צייט האָט זיך אויך באמערקט דער איינפלוס פון דער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ און עס האָט זיך אנגעהויבן א נאציאנאל־קולטורעלע טעטיקייט. אין ווארשא איז געבילדעט געוואָרן דער צענטער פון דער

העברייאישער און זשארגאנישער (!) ליטעראטור. דער ציוניזם און דער בונדיזם, האט זיך אנגעהויבן איינצובירגערן. דער רוסיש־בונדישער עלעמענט איז נאך אין פוילן דאמאלסט געווען זויניק באקאנט, און דורך דעם למילא געווען שוואך צו קענען ווי געהעריק רעאגירן אויף דעם לאדזשער פאגראם.

א מער אויספירלאך בילד פון יענער צייט גיט אונז ב. מיכאלעוויטש, און מיר ציטירן אים דעריבער אויספירלאכער אין ברייננגען אויך נאך איס, דאס ליד וואס דאס פאלק האט געזונגען אין צוזאמענהאנג מיט דעם „ראבונעק”. דאס דאזיקע ליד זאל האבן אנגעשריבן א לאדזשער מחבר מארגענשטערן, באקאנט אלס יעקיל לערער. דער מחבר פון „שמחה פלאכטע” און אנדערע מעשיות.

אט וואס מיכאלעוויטש שרייבט אין צוזאמענהאנג מיט די לאדזשער פאסירונגען;—

דער פראלעטארישער יום טוב איז פארבליבן צו יענער צייט ביי אידן אין פארשטעלונג אלס שרעקטאג. א טאג פון פאגראמען און חורבן. דאס האט זיך געגומען פון דעם, וואס אין ערשטן מאי 1892 איז פארגעקומען אין לאדזש א בלוטיקער פאגראם.

שוין באלד אויף דעם צווייטן יאר נאך דעם באשלוס פון אינטערנאציאנאלן קאנגרעס צו פייערן דעם ערשטן מאי, האט די דאמאלסטדיקע רעוואלוציאנערע סאציאליסטישע פארטיי „פראלעטאריאט” ארגאניזירט אין איניקע פאבריק ערטער אין פוילן, ווי זשיראדאוו און ענלאכע א מאי פייערונג. אין 1892 איז באשלאסן געווארן איבערטראגן דעם יום טוב אין גאס און פייערן אים עפנטלאך דורך א דעמאנסטראציע. אפגעשטעלט האט מען זיך אויף לאדזש, אלס גרויסן פאבריק צענטער, וואו ס'איז אגב אורחא פארגעקומען אויך א וועבער סטרייק צוליב א עקאנאמישן כבסוך. די דאזיקע סטרייקנדע מאכן זיינען ארגאניזירט געווארן דורך די סאציאליסטישע אגיטאטארן פאר א דעמאנסטראציע לכבוד דעם ערשטן מאי.

צוגעטראכט איז דאס געווען גאנץ קלוג און עס האט באדארפט זיין גאנץ א מפאזאנט, אבער א מענטש טראכט און א זשאנדארם לאכט. די ארטיקע זשאנדארמעריע האט געוואוסט פון דעם פלאן און האט דארום צוגעגרייט די כוליגאנישע עלעמענטן פון באלוט צו פארוואנדלען דעם פראלעטארישן יום טוב אין א באנדיטן אנפאל און עקסצעסן געגן אידן. דאס האט זיך איר זייער גוט איינגעגעבן. פאליציי האט לכתחילה נית געשטערט די כוליגאנעס צוברעכן און צושטערן אלץ וואס זיי האבן באגעגנט אויף זייער וועג, נאר נאכדעם, אז די אומרוען האבן אינגאנצן דעמאראליזירט די מאסן און זיי אנטגיקטיק קאמפראמענטירט אין די אויגן פון דער גאנצער וועלט איז אנגעקומען דער פעטר קאווער גובערנאטאר אלס טריומפאטאר און האט פארארדנט א שענדלאכע עקזעקוציע אין מיטן גאס. צענדליקער ארבעטער זיינען געכאפט געווארן אלס בלומרשטע שולדיקע אין די גאסן אומרוען און געשמיסן געווארן עפנטלאך אין גאס.

דאס איז געווען א טייוולאנישע נקמה. אי דעם אידעאלן כאראקטער פון דער דעמאנסטראציע שענדלאך באשמוצט, א גרויזאם־הארט זיך נוקם געווען אן די דעמאנסטראנטן.

דאס האט דערגרייכט דעם צוועק, כ'האט טעראריזירט אויף עטליכע יאר די ארבעטער־מאסן און אפגענומען ביי זיי דעם חשק צו דעמאנסטרירן. דאס האט אויך פארכיאוסט דעם יום טוב אין די אויגן פון דער געזעלשאפט, וועלכע האט זיך באצויגן צו אים מיט גרויס שנאה, באזונדערס — די אידן. יעדעס יאר ערב דעם ערשטן מאי פלעגט די אידישע באפעלקערונג לעבן אין גרויס שרעק און פיינלאכן פחד. דער יום טוב פון סאלידאריטעט און פרידן איז ביי זיי אידענטיפיצירט געווארן מיט רויב און פאגראמען. די מיטלאלטערלאכע מורא פון אידן פאר דער קריסטלאכער „פאסכא” איז איבערגעטראגן געווארן אויך אויף דעם שענסטן יום טוב פון דער נייער צייט — אויף דעם ערשטן מאי.

וועגן לאָדזשער פאגראם איז פאראן א ליד און מיר ברייננען איין כטראָפע:

הערט אוים מענטשן די גרויסע קלאָג,  
וואס האט אין לאָדזש פאסירט.  
ראש חודש אייר דעם 1טן טאָג  
האט מען אידעלאך ראבירט.  
ארבעטער בעזשטשאט,  
האבן זיך אין די גאסן צולאָזט  
זיי אבן געהרגעט ווען זיי האבן געטראָפן,  
און אידעלאך האבן זיך צולאָפן.  
אוי, דו זיסער גאָט, דו קוקסט זיך צו אלעם צו,  
דיינע שעפעלאך האבן גאר קיין רו,  
שטרעק אויס דיין רעכטע האנט,  
און פיר אונז צוריק אין אונזער לאנד.

פון די אלע געבראכטע מאטעריאלן האבן מיר היינט א קלאר בילד, אז דער לאָדזשער „ראבונעק" איז געווען ניט גלאט אזוי זיך א פאגראָם אויף אידן, וואָס איז ארויסגערופן געווארן צוליב רעליגיעזע סיבות. מיר ווייסן שוין אז דער פאָגראָם אויף אידן איז אויפגערייצט געווארן דורך דער רוסישער פאָליציי, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די קאפיטאליסטן און האט פארוואנדלט אן ארויסטריט פון אונטערדריקטע ארבעטער פאר בעסערע לעבנסבאדינגונגען אין איינעם פון די שרעקלאכסטע ארויסטרעטונגען אויף די לאָדזשער אידן.



א גרופע פאליטישע אריעסטירטע אין 1906. אין מיטן פון בילד זיצט דער בארימטע גאטשאלניק מאדזעלעווסקי — דער ערשטער פון דער רעכטער האנט אין דער פערטער רייע איז דער תליין און פראוואקאטאר ריטשארד פרעמעל, וואס האט אויף זיין געוויסן איבער הונדערט מענטשלאכע לעבנס, דארונטער אויך זיין אייגענעם שוואגער פאטאגראפירט אונטער דער תליה אין בורימע תויף אויף דלוגא גאס אין לאדזש.

## אַן אַלטער באַקאַנטער

# דער אָנהויב פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין לאָדזש

דאָס איז געווען אין האַרבסט 1897, באַלד נאָכדעם, ווי דער „בונד" איז באַשאַפן געוואָרן.

שוין א צייט פריער האָב איך געטראַכט צו פאַרלאָזן וואַרשע און אַריבערפּעקלען זיך קיין לאָדזש, כדי אויפצוהויבן אַן אַרבעטער־באַוועגונג אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, וואו ביז אַהער איז נאָך אַפילו קיין סימן פון באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער ניט געווען.

מיט די באַדינגונגען פון דער אַרבעט אין לאָדזש האָב איך מיך באַקענט נאָך פריער, פון מיטן זומער, ווען, געיאָגט פון שפּיאָנען אין וואַרשע, האָב איך אויף א צייט „אָפּגעצויגן" קיין לאָדזש און דאָרטן זיך אײַנגעהאַלטן ביי אײַנזעהן א סימפּאַטיקער, ליפע נאָוואַגרודסקי, וואָס האָט געפירט א משכילים־אַפּיקורסישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן א גרופּע בית־מדרש־בחורים. דורך אָט די בחורים האָב איך מיך באַקענט מיט א גרופּע וועבער און שערער, אויך געוועזענע בית־מדרש־בחורים.

איך האָב באַלד אײַנגעזעהן, אַז לאָדזש איז דאָס פּאַסנדסטע אָרט אויסצופּרואוון מײַן נײַע טאַקטיק: אָרגאַניזירן א מאַסן־באַוועגונג דורך דירעקטע מאַסן־אַגיטאַציע: דורך גרעסערע פאַר־פאַרזאַמלונגען ווען לויז־פראַגן ווי אויך דורך פאַרשפּרייטן פלוג־ליטעראַטור; ניט לויט דער אַלטער טאַקטיק, וועלכע האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַשאַפן פריער „פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלאַך" פון געקליבענע בעסערע אַרבעטער און דערנאָך ערשט, לאַנגזאַם, בהדרגה, זיך פאַרבינדן מיט דער מאַסע גופא.

איצט איז מײַן באַשלוס געוואָרן א פעסטער, און דער „קאָמיטעט" האָט אים אויך אָנגענומען. אין א שיינעם פרימאָרגן, באַגלייט מיט דער ברכה פון „פאַרשטייער" פון קאָמיטעט דזשאַן (יוסף מילך) בין איך אוועק צום וואָקזאַל. איך בין אָראָפּגעקומען אין לאָדזש מיט א פּאָר רובל אין קעשענע, מיט א טשעמאָדאַן „ליטעראַטור" אין האַנט, מיט דער טיפער איבער־צייגונג, אַז ביי דער נייער טאַקטיק וועט מיר געלונגען אין עטלאָכע חדשים אויפצוטאָן דאָס, אויף וואָס מ'האָט פריער געדאַרפט יאָרן.

* * *

א חוץ די אויבענדערמאָנטע פּאָר וועבער, וואָס האָבן, ווי א רעוואָלוציאָנערער מאַטעריאַל, קיין ווערט ניט געהאַט, האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין לאָדזש א ביאַליסטאָקער וועבער, איזיק, — זײַן פאַמיליע־נאָמען האָב איך לײַדער פאַרגעסן, — וואָס איז שוין געווען א „חבר", אָדער „אָן אָרגאַניזירטער". באַלד נאָך מײַן קומען האָב איך אים אויסגעזוכט, דערקלערט מײַן פּלאַן „אויפצוהודערן" די מאַסע דורך פלוגבלעטער און אַגיטאַציע־בראָשורן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט, און וועלכע מיר וועלן אונטערוואַרפן אין די אידישע קוואַרטאַלן. דער פּלאַן איז אים געפעלן געוואָרן און מיר זײַנען טאַקע גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

לויט די הײַנטיקע השגות קומט איצט אַביסל קאָמיש אָנצורופן „רעוואָלוציאָנערע אַרבעט" דאָס אונטערוואַרפן ביכלאַך און בלעטלאַך, וואו עס האָט זיך דערהויפּט גערעדט וועגן דער נויטי־קייט פון א קורצן אַרבעטס־טאָג, העכערן לוין וכדומה, — מיט קיין פּאָליטישער אַגיטאַציע זײַנען מיר אין אָנהויב ניט אַרויסגעטראָטן — אין דער אמת'ן איז דאָס דאַמאָלסט געווען א שטיק ערנסטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט, דערהויפּט פון לאָדזש, מיט איר ספּעציפישע באַדינגונגען.

לאָדזש האָט דאַמאָלסט זיך געפונען אין גאַנצן גלאַנץ פון איר אויפבליאונג. דער אונטער־נעמונגס־גייסט פון דעם דייטשישן פאַבריקאַנט און די רירעוודיקייט פון דעם אידישן סוחר האָבן געבראַכט דערצו, אַז לאָדזש איז געוואָרן א געפערלאַכער קאָנקורענט פון די רוסישע טעקסטיל־צענטרן. זי איז געוואָרן א גרויסע פאַבריק און האַנדל־שטאָט, וואָס איר גלייכן איז

ניט געווען אין פוילן. א מודאדיקער הארמידער פון ספעציעל געבויטע פורנאַנגען אויף פאנאַנ־דערצופירן פון איין פאבריק אין די צווייטע האלב־פאבריקאטן, א שרעקלאך געוויכל אין צענ־טער פון מענטשן פון פארשיירענע טיפן און ראַסן אפילו, און איבער דעם אלעמען א וואלד קוי־מענס און א וואלקן רויך.

אט דאס דאזיקע לאדזש האט דאמאלסט צו זיך געצויגן א מעכטיקן שטראָם אידן, וואָס האבן געזוכט צו מאכן דארטן א לעבן, ווייל „קרעריט" האָט אין לאָדזש זיך געוואלגערט פשוט אין די גאסן: ניט בלויז פאר סחורה האט מען געצאלט מיט וועקסלען, נאָר אפילו פאר דירה, פאר קוילן און אפילו אין קרעמל פאר קלייניקייטן. און איז איינעם געלונגען זיך ארייצוכאפן אין דער סוחרישער וועלט און עטלאכע מאל אנצוזעצן — האט ער געקאָנט זיכער זיין, אז זיין מעמד איז א פעסטער.

אבער צוזאמען מיט די פעקל־כאפער, גליק־זוכער און לופט־מענטשן האט זיך קיין לאָדזש געצויגן אויך א גרויסער שטראם ארימע לייט, רעדהייפט יונגוואַרג, פון דער ארומיקער פיעט־ריקאוו־קאלישער סביבה, וואס האט געזוכט אין לאָדזש ארבעט און נאָר ארבעט, ווייל דאָס פוילישע שטעטל אויף דער דעמאלט זייט ווייסל איז שוין דאמאלסט שטארק פאראָרימט געוואָרן און דער וועג קיין אמעריקע איז נאך גאָר שוואך באקאנט געווען, -- האט זיך אלין געוואָרפן קיין לאָדזש.

די קאנסטרוקציע פון דער לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע איז געווען זייער אן אייגנ־ארטיקע. אזוי ווי אין א וואלד וואקסן אונטער הונדערט־יאריקע ריזן־בוימער — קליינע בוימע־לאך און קשאקעס, אזוי האבן זיך צו די הויכע קוימענס פון די ריזן־פאבריקן צוגעטוליעט א גרויסע צאל קליינע פאבריקלאך, וואס האבן זיך באנוצט מיט איין געמיינזאמען מאָטאָר, אדער מיט דער אלטפרענקישער האַנט־שטול אַנשטאט א מעכאניזם. און עס האט זיך אפילו גע־טראפן, אז אַנשטאט דער פאבריק איז געווען בלויז א מאגאזין פון גארן, וואס פלעגט פארטיילט ווערן צווישן עטלאכע „לויז־וועבער", וואס האבן געארבעט יעדערער ביי זיך אין דערהיים אויף עטלאכע אדער אפילו אויף איין שטול.

אז דער אידישער ארבעטער האט אין גרעבערע מאסן גענומען זוכן באשעפטיקונג אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, האט ער געפונען די גרעסערע מעכאנישע פאבריקן: שפינעריען, וועבע־רייען און אפרעטורן שוין באזעצט פון קריסטלאכן פויליש־דייטשישן ארבעטער. דער שבת איז אים אויך געשטאנען אין וועג. האט זיך די גרויסע מאסע אידישע וועבער באזעצט אין די לעבער פון ב א ל ו ט ביי די האַנט־שטולן און געארבעט עבודת־פרך פון באגינען ביז שפעט אין דער נאכט פאר א קלאַגעדיקן לוין ביי דעם פאַרמיטלער־לוין־וועבער, וואס זיין לאַגע איז אפט געווען ניט פיל בעסער, ווי פון זיין געזעלן.

אט דעם ראזיקן עלעמענט האבן מיר, איך מיט אייזיקן, זיך געשטעלט פאר א ציל „אויפ־צוהייבן" ניט ביסלאַכווייז, נאר טאקע מיט א י י ן מ א ל.

די אויפגאבע איז געווען א געוואגטע. די גרויסע מאסע וועבער איז באשטאנען פון א פארגרעבטן קליינשטעטלדיקן עלעמענט, וואס האט קוים עפעס געקאָנט לייענען, צווייט איבער־טויזנטער וועבער־ווערקשטעלן, מערסטיינטייל האבן זיי געוואוינט ביי דעם מייסטער, דעם לוין־וועבער גופא. דערביי איז דער מער־אינטעליגענטער טייל — די קעטן־מאכער, די שערער— באשטאנען לייטער פון בית־מדרש עלעמענטן, וואס בלויז יחידים פון זיי זיינען געווען זייער א גוטער מאַטעריאל פאר סאציאליסטישער פראָפאגאנדע, דאס רוב אבער איז געווען דורך און דורך קאנסערוואטיוו, האט זיך געפירט חסידיש, געקלעפט צום „שטיבל" און געקוקט אויף די וועבער פון אויבן אראפ, ווי אויך אזעלכע, מיט וועמען ס'איז א פחיתת הכבוד צו האבן א מגע־ומשא.

דערצו נאך — דער אומבאַשרייבלאכער פחד פאר „פאָליטיק", וואס האט זיך טיף איינ־געגעבערט אין דער פסיכיק פון אלע טיילן פון'ם פוילישן אידנטום אן אויסנאם, וועגן „ציצי־ליסטן" פלעגט מען אין דער מאסע דערציילן די ווילדסטע מעשיות, ווי אין די קאזעמאטן דרעשט

מען זייערע לייבער אויף אַן אַכזריות'דיקן אופן און מ'שינדט פון זיי שטיקער לעבעדיקערהייט. און האָט מען אַמאָל געהערט, אַז אַ „סטודענט" (סטודענט און סאָציאַליסט זיינען ביי דער ברייטער מאַסע שטענדיק געווען אידענטיש) איז „אַריינגעפאַלן", האָט מען סודות'דיק און מיט'ן גרעסטן יאוש זיך געזעגנט מיט אים, ווי מיט „הלך לעולמו".

דאָס האָט אונז דאָך ניט אָפּגעהאַלטן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז די אויסגעהונגערטע אידישע וועבער־מאַסע וועט זיך אָפּרופן אויף אונזער רוף און — „דורך עקאָנאָמיע צו פּאָליטיק" — האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן בלעטלאַך און בראָשורן וועגן לוין און אַרבעטס־טאָג.

טאָג בייטאָג, ווען עס פלעגט ווערן פינצטערלאַך, פלעגן מיר זיך אַוועקלאָזן אויף באַלוט און אין די שכנ'ישע גאַסן און אונטערלייגן ערגעץ אויף אַן אָרט, אַז מ'זאָל עס באַלד געפינען, דאָ אַ בלעטל, דאָרטן אַ בראָשור; און אין גיכן האָט אין שטאָט אָנגעהויבן צו קאָכן. מ'האָט אונזער ליטעראַטור געלייענט. געציטערט — און דאָך געלייענט. געציטערט — און איבערגעגעבן ווייטער. און גאָר אין גיכן האָט זיך באַשאַפן ביי דער ברייטער אידישער אַרבעטער־מאַסע אַ שאַרפע סטרייק־שטימונג. מער האָבן מיר רעוואָלוציע ניט געדאַרפט.

צוזאַמען מיט'ן אונטערוואַרפן „ליטעראַטור" האָבן מיר געפירט די אַרבעט אויך אין אַ צווייטער ריכטונג. דורך די פּאָר בחורים פון נאָוואָגרודסקים חדר האָבן מיר באַקומען אַ צוטריט צו אַ טייל וועבער, וואָס זייער גייסטיק לעבן האָט אַנגענומען אַ ווענדונג פון „גאָט־זוכעריש" און זיי זיינען גאָר אין גיכן געוואָרן בני־בית ביי דער יעוואַנגעליסטישער סעקטע „באַפּטיסטן" און ניט איינער פון זיי האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט פון שמד.

אויף דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער דערשיינונג לוינט זיך נענטער אָפּצושטעלן. די פּוילישע פּראָווינץ האָט קיינמאָל ניט איבערגעלעבט די השכלה־עפּאָכע, ווי דאָס איז געווען אין ליטע און אוקראַינע. דער תלמודיזם צוזאַמען מיט'ן צדיקיזם האָבן דאָס גאַנצע אידישע לעבן אין דעם פּוילישן שטעטל געהאַלטן אין הינערפּלעט ביז גאָר דער לעצטער צייט, האָבן עס אַרומגעצוימט מיט טויזנטער גדרים, אין וועלכע עס איז געווען אוממעגלאַך זיך עפּעס פרייער אַ באַוועג צו טאָן. איז אָבער די יוגנט, זוכנדיק אַרבעט, אַריינגעפאַלן אין תהום פון דער גרויסער פאַבריק און האַנדל־שטאָט, מיט איר אויסערלאַכן גלאַנץ, פאַרשייטקייט און טויזנטער סתירות — האָט דאָס באַלד ביי איר געמוזט אַרויסרופן אַ שטאַרקן גייסטיקן קריזיס. אַ טייל איז אַריינגעפאַלן אין הפקרות; ביי אַן אַנדער טייל אָבער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן דער קריטישער געדאַנק אין דער פאָרם פון זוכן נייע יסודות פאַר דעם רעליגיעזן און עטישן לעבן.

צו יענער צייט האָט די סעקטע באַפּטיסטן געפירט אין לאָדזש אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע. די פּראָפּאַגאַנדע איז, פאַרשטייט זיך, געפירט געוואָרן דורכויס אין דער דייטשער יעוואַנגעלישער סביבה, אָבער על־פּי צופאַל זיינען אין איר אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אַ געוויסע צאָל אידישע גאָט־זוכער, אויף וועלכע די באַפּטיסטישע לערע מיט איר פרייער קריטיק פון דער ביבל, מיט אירע עטישע עקרים און דאָס אחדות, וואָס האָט געהערשט צווישן די באַפּטיסטן, האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. אידישע יונגעלייט, און אַפילו עלטערע, עטלאַכע און דרייסיק יאָריקע אויך, זיינען געוואָרן גאָר אָפטע איינגייער אין די באַפּטיסטישע טעמפּלען, און ניט איינער פון זיי האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט זיך צו באַהעפטן אַן יעזוסן און צו ווערן אַריינגענומען אַלס גלייכער אין דער משפּחה פון די „אויסדערוויילטע" (די באַפּטיסטן האַלטן זיך פאַר שטאַרקע אתה בחרתנוקעס).

אָט די דאָזיקע גאָט־זוכער האָבן מיר באַשלאָסן צו נעמען אין אונזערע הענט אַריין, ווי אַ דעקאַדענטיש און אינטעליגענטן עלעמענט. און די זאַך איז אונז געלונגען. נאָך אַ פּאָר היציקע דיסקוסיעס, וואו באַציאַליזם איז געוואָרן אויסגעמישט מיט תורת־משה, עטיק מיט דער פּאָרב פון דער קריסטלאַכער טויפע, תלמוד און תנ"ך — מיט דער פראַגע פון אַרבעטס־לוין און אַרבעטס־טאָג — זיינען די בחורים שוין געווען אַ נגאַנצן אונזערע און עטלאַכע פון זיי, ווי דער „באַפּטיסט" (זיין נאָמען האָב איך לײדער פאַרגעסן), אָבער דאָך צונעמעניש „באַפּטיסט" איז

איס פארבליבן ביז צום סוף), משה לייב יעזוקאוויטש (באגאנגען זעלבסטמארד איבער פערזענלאכע סיבות אין ביאליסטאק אין דריטן אדער פערטן יאר) זיינען שפעטער געווארן אנגעזעענע טוער אין „בונד“.

אזוי ארום האבן מיר פון איין זייט אויפגעהודערט די מאסע דורך פלוג־ליטעראטור און פון דער צווייטער זייט האבן מיר אלין פאדגעסעדט די צאל באזוכער פון אונזערע פראפאגאנדעשטיבלאך, וואו ציזאמען מיט תורת מארקס האט מען אויך פלייסיק געקנעלט מיט די נייע תלמידים תורת קאנספיראציע. עס איז איבעריק צו זאגן, אז אחוץ אייזיקן האט קיינער פון די נייע א ליינגערע צייט ניט געוואוסט ניט מיין אמת'ן נאמען און ניט מיין אדרעס. אזוי האט זיך געצויגן א צוויי־דריי חדשים.

און אז דער צ. ק. (אין יענער צייט פאר א יונגן חבר עפעס א מיסטעריעז, ניט באקערפערטע באשעפעניש, מיט א זייד־פלאץ במעט אין די וואלקנס) האט זיך דערוואוסט פון אונזער דערפאלג אין לאדזש, האט ער אנגעהויבן אראפצושיקן „הילף“.

פריער איז אראפגעקומען ראזא גרינבלאט, א וויטעבסקערין, אן עקזאלטירט מיידל פון דעם דאמאלסט באריכטן אמסטערדאמס חדר, א אינטעליגענטקע מיט א קאמפליצירט רייך גייסטיק לעבן (שפעטער התונה געהאט מיט דעם באוואוסטן ציוניסטישן פירער אבערסאן און געווארן א פארברענטע ציוניסטקע) צו איר איז דערנאך אראפגעקומען אירע א פריינדין, די ווילנער שניידערין שיינע רייזל סעגאל (באגאנגען געזעלבסטמארד אין פאריז) און נאך איינע א נופערקע פון ביאליסטאק. שפעטער איז נאך צוגעקומען „גליעב“ (אבראם מוטניקאוויטש, אוועק פון דער באוועגונג, לעצטנס א פארלעגער אין בערלין) און באריס פרומקין פון מינסק (איצט א קאמוניסט אין מאסקווע).

די משפחה, הייסט עס, האט זיך פארגרעסערט, און אנשטאט דער פריערדיקער לויזער „גרופע“ איז באשאפן געווארן א קאמיטעט פון „בונד“.

אזוי איז הורך רער ווינטער. מיר האבן שוין געהאט ברייט פארצווייגטע באציאונגען מיט דער „מאסע“ ניט בלויז וועבער, נאר אויך פון אנדערע פאכן. די מורא פאר „טריפה“ ביכלאך איז ביסלאכווייז פארשוואונדן, און די מער אנטוויקלטע ארבעטער האבן ממש געשלונגען די נייע תורה. די אידיישע סאציאליסטישע ליטעראטור איז נאך אבער דאמאלסט געווען גאר יונג און אדים, די לעגאלע פובליציסטיק איז געווען אפשר נאך אריטער, און תורת שבעל־פה האט געמוזט זייער אפט פארטרעטן דאס געדרוקטע וואָרט. אחוץ דעם האבן מיר אנגעהויבן איינצוארדנען „מאסאוועקעס“, פארזאמלונגען ביז עטלאכע און דרייסיק מאן, וואו מ'פלעגט שוין ארויסטרעטן מיט רעדעס. פארשטייט זיך, אז די קאנספיראציע פלעגט ווערן דערביי גאנץ שטרענג אפגעהיט: פיקעטן אויף דער גאס פלעגן אומבאמערקט פאר זייטיקע אנווייזן די ריכטונג, וואו צו גיין, און די גאנצע צייט פון דער מאסאוועקע פלעגן אויף דער גאס זיך ארומדרייען „פאטרולן“ אויפ'ן פאל, טאמער קומט אן פאליציי.

אט די מאסאוועקעס איז געווארן מעגלאך איינצוארדנען נאר אין סביבה פון פאסיווער און אקטיווער סימפאטיע צו דער נייער באוועגונג; ווייל פאר די שכנים פון די קליינע הייזלאך איף באלוט, וואו די מאסאוועקעס פלעגן געוויינלאך פארקומען, איז פארשטייט זיך, געווען אוממעגלאך זיך אויסצובאהאלטן; אבער די געפאר פון א דירעקטער מסירה איז געווען אויסגעשלאסן. שווערער איז געווען צו קריגן פאסנדיקע דירות פאר די דאזיקע „מאסאוועקעס“. ווייל דער אייגנטימער האט גוט געוואוסט, אז ביי א זודכפאל ריזיקירט ער מיט יארן טורמע און אפילו סיביר. אבער אויך די מניעה איז אין א געוויסער מאס באזייטיקט געווארן, ווייל, ניט געקוקט אויף דער סכנה, האבן עטלאכע פון די סימפאטיקער געהאלטן פאר אן אמת'ער מצות אונז אין דעם פרט צו דינען. און די סימפאטיקער זיינען דאס רוב באשטאנען ניט פון ארבעטער גופא, נאר פון דעם מין „קליינע מענטשעלאך“, וואס בילדן די פראלעטארישע פעריפעריע: גאסן־הענדלער, פורמאנעס ובדומה. איינער פון זיי איז מיר געבליבן אין זכרון ביז היינטיקן טאג. אליין א מלמד פון עפעס א מיידלישן הדר־מתוקן ערגעץ אויף באלוט, א יונגערמאן פון א יאר

ה־ייסיק, טראַדיציאָנעל אידיש געקליידט, פלעגט ער אויף די „מאַסאָװקעס" זיך אויסטיילן מיט זיין עקזאַלטאַציע און מיט זיין פייערדיקן בליק. דאָס איז געװען אַ אירעאַליסט אין שענסטן זין פון װאָרט, װאָס אין סאָציאַליזם האָט אים צום װינציקסטן אינטערעסירט די מאַטעריעלע זייט, נאָר די גייסטיקע עטיק און פילאָסאָפיע. זייענדיק אַן אמתער און גאָט־זוכער איז ער דאָך צו די באַפּטיסטן ניט אַריינגעפאַלן, נאָר זיך פאַרטיפט אין שטודירן דעם תנ"ך און געבליבן אַן אָפּגעהיטער פרומער איד. שפּעטער, אַז ער איז געװאָרן אַרעסטירט און צוזאַמען מיט אונז אַלעמען אַריבערגעשיקט געװאָרן אין מאָסקװער טורמע, האָט ער די גאַנצע צייט, העכער אַ יאָר, קיין טרפות ניט געװאָלט עסן און געלעבט פון טרוקן ברויט מיט טיי. אַז ער איז פון אַזאַ אַרט עסן קראַנק געװאָרן, האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע זיך געװענדט צום מאָסקװער רב, מ'זאָל אים באַזאָרגן מיט כשרע מיטאָגן. ער האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט און נאָר צוגענומען אַ קליינע שטיצע. „װייל — האָט ער געזאָגט — אַז מ'גיט מיר ניט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן און פאַרדינען, קומט מיר נאָר אַזוי פיל צו דערהאַלטן דעם גוף. אָבער לוקסוס קומט מיר ניט". שפּעטער איז ער אין טורמע אַריינגעפאַלן אין נביאישע האַלוצינאַציעס און מ'האָט אים באַפרייט.

און אַז עס איז אָנגעקומען דער ליבער פרילינג האָבן מיר די „מאַסאָװקעס" אַריבערגעטראָגן אין די אַרומיקע װעלדער, דערהויפּט אין קאָנסטאַנטינער װאַלד, דאָרטן, װוּ איצט גייט דורך די קאַליִשער באַן. צװישן די ביימער, באַװאַכט פון דערװייטנס דורך אונזערע „פּאַטרולן" און „פּיקעטן", האָבן געקלונגען באַגייסטערטע טענער פון יונגע נביאים, װאָס האָבן גערופן צו אַ נייעם לעבן און געלערנט די אַלטע תורה פון ו א ה ב ת ל ר ע ך כ מ ו ך אויף אַ נייעם אופן. און יעדערער באַזונדער האָט געפילט, אַז דאָ, צװישן ביימער, גרעזער און בלומען, שפּילט זיך אָפּ דער גרויסער סוד פון געבורט, דאָס געבורט פון אַ נייעם גייסטיק־פרייען איד...

אָבער מאָסקװע איז ניט געשלאָפן. דער באַרימטער ז ו ב אַ ט אָ װ האָט אויסגעשפּרייט זיין נעץ, אויך ביז לאָדזש. פון איינעם צום צװייטן זיינען שטילערהייט, װי שאָטנס, שפּיאָנען נאָכגעקראָכן די טוער און סוף יולי, נאָך אַ גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג אין קאָנסטאַנטינער װאַלד, זיינען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט כמעט אַלע אַראָפּגעצויגן געװאָרן פון די בעטן און פאַרשלאָסן געװאָרן אין שטיינערנע שטייגלאַך אויף יאָרן...

אָבער די אידישע אַרבעטער־באַװעגונג איז זיך װייטער געגאַנגען איר װעג און לאָדזש איז געװאָרן אַ פעסטונג פון „בונד".

(פון „רויטער פּנקס", באַנד 2.)

---

משה קאַרמאַן

# װינטער אין אַ דאָרפישן הייזל

דאָס פענצטער פאַרפרוירן,
דער לאָדן נאָר סקריפּעט;
עס װיינט דורכ'ן קוימען
דער װינט און ער כליפּעט.

ביים הייזל אין דרויסן
פאַרשנייט װיים די טרעפּלאַך;
דאָס דעכל באַהאַנגען
מיט אייזיקע צעפּלאַך.

# דער בונדישער פירער ב. מיכאַלעוויטש וועגן דער לאָדזשער אידישער אַרבעטער באַוועגונג

(אויסצוגן פון זיינע מעמואַרן)

אין די „זכרונות פון א אידישן סאָציאליסט״ גיט ב. מיכאַלעוויטש בילדער אין באַשרייבונגען פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדזש אין דער צייט פון דער שטורם און דראַנג פעריאָדע. לאָדזש האָט אין דער בונדישער באַוועגונג פאַרנומען א גאַר אַנגעזעענעם אָרט. אָדער ווי מיכאַלעוויטש דריקט זיך אויס, אַז „לאָדזש איז אין אונזער ראַיאָן געווען איינע פון די גרעסטע פאַבריקשטעט און דערמיט גופא האָט זי פאַרמאָגט אזא צוציער פאַר די, וועלכע האָבן געוואָלט זען די באַוועגונג אין איר גאַנצער ברייט״. מיכאַלעוויטש איז אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבן געזען די לאָדזשער באַוועגונג אין איר „גאַנצער ברייט״ און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף א גאַר בולטן אופן אין זיינע מעמואַרן, סיי ווען ער גיט אן אלגעמיין בילד פון׳ם לאָדזשער אידישן פּראָלעטאַריאַט און סיי ווען ער מאָלט איינצלנע פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון דער מאַסע.

(נעמט אַרום די יאָרן 1892־1902)

אין לאָדזש זיינען די אידישע מאַסן שוין געווען ברייט אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג. ס׳האָט זיך אָבער שטאַרק געפילט דער מאַנגל פון אן אָרגאַניזירטער אַרבעט צווישן דעם קריסטלאַכן פּראָלעטאַריאַט. מיט דער פּ. פּ. ס. פלעגן מיר שטיין אין א פאַרבינדונג. אָבער אַרבעטן מיט איר אין קאָנטאַקט אויף א לענגערע צייט איז געווען אוממעגלאַך. אגב איז איר ווירקונג אין לאָדזש אויך דאַמאָלסט געווען ניט איבעריק שטאַרק. די אידישע וועבער פלעגן אויף די פאַבריקן קומען אין באַרירונג מיט זייערע קריסטלאַכע חברים און זיי פלעגן פון אונז פאָדערן מיר זאָלן די דאָזיקע קענטשאַפט אויסנוצן פאַר ווייטערדיקער אַרבעט.

באין ברירה האָבן מיר געמוזט אויסטיילן א באַזונדערע גרופּע, וואָס זאָל פירן די אַרבעט צווישן די דייטשע און פּוילישע אַרבעטער אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון׳ם לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד״. שפּעטער האָט זיך פון דער דאָזיקער גרופּע אויסגעבילדעט די לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון די פּ. פּ. ד. און אונזערע אייניקע מיטגלידער, ווי אידא הירשפעלד און אַנדערע מיטגלידער זיינען דאָרט געוואָרן אָנגעזעענע טוער. דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו ווערן נאָכדעם פאַרביסענע געגנער פון דעריעניקער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיי דעלעגירט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

פון די אַרבעטער דאָרט אין יענעם פעריאָד האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט משה לייב לעווקאָוויטש, א וועבער און פנחס שוסטער.

פון זיינע אינגלישע יאָרן אַן א וועבער, איז משה לייב געווען גוט באַקאַנט דער אידישער לאָדזשער אַרבעטערשאַפט און פון איר זייער באַליבט. א יונגערמאַן מיט א גרויסן דורשט צו וויסן און אַלץ אויסצופאָרשן, האָט ער זיך מיט גרויס התמדה געוואָרפן אויף דער דייטשער ליטעראַטור (דייטש האָט ער זיך אויסגעלערנט ביים וועבשטול) געלייענט, געשלונגען יעדעס ביכל, וואָס פלעגט איס אין האַנט קומען. ער האָט געהאַט א שיינעם רעדנער־טאַלאַנט און פלעגט האָבן אן אומגעהויערע ווירקונג אויף די מאַסן. געמעגט זיין דער שווערסטער ענין, פלעגט נאָר משה־לייב אַרויסטרעטן, פלעגט ער די מאַסע האָבן אויף זיין זייט.

ער איז אָבער ניט געווען קיין מענטש פון קאַמף. לויט זיין נאַטור איז ער געווען א ראָמאַנטיק, א טרוימער. די פאַרשאַרפטע סכסוכים מיט דער פּאָליציי אין לאָדזש, די אָפטע אַרעסטן, שרעקלאַכע גוואַלדטאַטן אין באַרימטן באַלוטער צירקל האָבן אָפּשטויסנד און אָפּשרעקנדיק (ניט צוליב פּערזענלאַכע טעמים, פאַרשטייט זיך) געווירקט אויף משה־לייבן. ער

האט זיך אננעלייענט מיט דער פעסימיסטישער פילאזאפיע פון שאפענהויער. וואס האט אזוי הארמאניש צוגעטראפן צו זיין שוואך, צארט הארץ. צוליב זיין הורבפאלן אין לאדזש, האט ער געמוזט פון דארט אפפארן און ער האט זיך באזעצט אין ביאליסטאק, אפגעריסן פון די לאדזשער מאסן, מיט וועלכע איז האבן געבונדן אזויפיל איבערלעבענישן און זכרונות, האט ער זיך איצט געפילט אינגאנצן איינזאם, פארווארפן. ער איז אוועק אין א זומער טאג אין דארטיקן וואלד, האט אויסגעטרונקען א פלעשל גיפט, וואס ער פלעגט ביי זיך ארומטראגן און האט אליין איבערגעריסן מיט זיין שיינעם, פלאטערדיקן לעבן.

דאגעגן פנחס דער שוסטער האט ניט געקאנט קיין איין שפראך אויסער אידיש און האט זעלטן ווען א בוך אין האנט גענומען. ער האט אבער פארמאגט א געבוירענע אינטעליגענץ און א זעלטענע אריענטירונגס־פעאיקייט. זיין גרויסער ארגאניזאציע־טאלאנט האט אים גיך אויסגעצייכנט פון דער איבעריקער גרויסער מאסע און ער איז אין יאר 1902 קאאפטירט געווארן אין לאדזשער קאמיטעט. דאס איז געווען א סוכטילער, טיף־דיינקנדער און וויניק־רעדעוודיקער בחור. זיין פאפולאריטעט ביי די מאסן איז געווען זייער גרויס און ער פלעגט אין זיך קאנצענטרירן די גאנצע ברייט־פארצווייגטע און פאנאנדערגעווארפענע ארבעט.

ער איז אבער צו דעם אלעס געווען א גרויסער פחדן און פלעגט אויפציטערן פון יעדער קלייניקייט. דאס האט ער משמעות בירושה באקומען פון זיינע עלטערן. זיין נערוועאישער טרייסל ביי דעם קרענסטן צופאל האט זיך אלעמען אין די אויגן געווארפן. ער פלעגט פון יעדן קלאפ אין טיר בלאס ווערן און האט באשיינפעדלאך איבערגעלעבט א גרויסן אינערלאכן געראנגל. פאר אזא נאטור מיט אזויפיל געבוירענע פחדנות וואלט זיין גלייבער צו שטיין פון ווייטנס און ניט נעמען אויף זיך קיין שום ריזיקאלע פונקציעס. האט אבער פנחסן געצויגן צו דער ארבעט, געשטויסן אלץ העבער, ביז ער איז פון דארטן טיף אראפגעשליידערט געווארן און זיך דערביי שטארק צושעדיקט.*)

---

(געמט ארום די צייט פון 1905-1902)

באלד נאך דער מעשה פאטיאמקין באקומען מיר א נייע בשורה: אין לאדזש זיינען אויפגעבויט געווארן באריקאדן. דארט איז פארגעקומען אן אלגעמיינער פאר־טישער סטרייק. די ארבעטער האבן זיך אנגעהויבן צו פארזאמלען אין די גאסן. די אידישע גאסן זיינען געווארן געפאקט מיט סטרייקנדיקע. פאליציי און מיליטער־פאטרולן האבן געפרובירט פאנאנדערצוטרייבן דעם עולם.

פון זיך אליין, אן שום הוף פון א רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע האבן זיך אנגעהויבן בויען באריקאדן. דער המון פארהאלט א דורכפאהרנדיקע פור און קערט זי אויפ'ן ארט איבער. מען הויבט אן שלעפן פון די הויפן קעסטלאך, שטיינער. דאס קליינוואדג קלעטעט אויף די לאנטערנעס, ברעכן און רייסן זיי. זייטיקע דורכגייער האבן געהאלפן דער ראזיקער ארבעט.

דער ראמאלסדיקער לאדזשער מיליטער־גובערנאטאר קאזנאקאוו האט מאביליזירט דעם גאנצן לאדזשער גארניזאן צו אטאקירן די באריקאדעס. הינטער יעדער איינער האבן זיך געפונען גרופקעס מענטשן און דאס אויך אן וואפן. מיט א פאר שטיינער האבן זיי אפגעהאלטן גאנצע ראטעס באוואפנטע זעלנער. יענע האבן בלינדערהייט געשאסן אין אלע זייטן, אין די פענסטער, אין הויפן, אין יעדן דורכגייער. נאכדעם ערשט, אז די גאסן זיינען אינגאנצן שוין געווארן פוסט, האבן זיי זיך געלאזן מיט א שטורעם אויף די באריקאדעס, הינטער וועלכע ס'האט זיך ניט געפונען קיין מענטש.

קאזנאקאוו האט זיך ברוטאל מערדעריש נוקם געווען אין דער לאדזשער באפעלקערונג. די בלינדע שיסעריי האט געדויערט א טאג מיט א נאכט. די סאלדאטן פלעגן שיסן אין ציל אויף א וועט אין א פאפיראס. אויף מארגן האבן זיך אין די גאסן געוואלגערט צענדליקער טויטע

---

*) פנחס שוסטער (פ. קארל) וואוינט איצט אין קאליפארניע און איז דער באזיצער פון 70 שוך־געשעפטן, ביי וועלכער געלעגנהייט דינט ער זיך מאריס אפ אין שטיצט סאציאליסטישע און קולטור־ארגאניזאציעס.

קערפּערס, אין די רינשטאָקן זיינען געלעגן גאַנצע הויפנס מענטשלאַכע מאָרך און די שטיינער זיינען נאָך לאַנג געווען באַפאַרבט מיט רויטע פלעקן. אין שטאָט האָט זיך אנגעהויבן א מוראדיקער אומבאַשרייבלאַכער טעראָר.

ניט געקוקט אויף דעם אלעם, האָט דער לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" צוזאַמען מיט דער פּ. ס. ד. (די פּ. פּ. ס. איז אַרויסגעטראָטן מיט א בזעטל געגן דעם דאָזיקן אקט), אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו דער גאַנצער באַפעלקערונג צו באַטייליקן אלס פּראָטעסט געגן דער מיליטערישער ברוטאַליטעט, אין דער לויה פון די הרוגים. די איז ווירקלאַך געווען אַן אימפּאָזאַנטע אין איבערגעשטיגן אלע דערוואַרטונגען. צענדליק טויזנטער מענטשן, אידן און קריסטן, זיינען געקומען אויף דער לויה. האָבן זיך פאַרמירט אין אַן אָרגאַניזירטן דעמאָנסטראַציע־צוג. די פּאָליציי איז געווען צו שוואַך צו שטערן די דעמאָנסטראַציע. די האָט קלאָר באַוויזן די גרויסע קראַפט, וואָס די רעוואָלוציע פאַרמאָגט אין לאָדזש.

אלס ענטפער אויף די לאָדזשער געשעענישן האָבן זיך אנגעהויבן אלגעמיינע פּאָליטישע סטרייקן אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד". די אַטמאָספערע איז געוואָרן צוהיצט, די רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפטן אלץ מער צופלאַקערט. ס'פלעגט ניט אַוועקגיין קיין וואָך, וואו ס'זאָל דאָ אדער דאָרט ניט קומען צו קיין סכסוך מיט דער פּאָליציי און מיליטער. טאַקע אין זעלבן חודש יולי האָט די פּאָליציי געמאַכט אַן איבערפאַל איבער דער ביאַליסטאָקער „ארבעטער בערזע" (שול־הויף), די אנאַרכיסטן האָבן געוואָרפן א באָמבע, פון וועלכער ס'זיינען געפאַלן אסתר ריסקינד און גיטל זאַקהיים.

* * *

אין לאָדזש האָב איך דאַמאָלסט געטראָפן דעם געוועזענעם זובאַטאָוויטש, סאַשע טשעמערינסקי, שוין ביי אונז אין קאָמיטעט. ער איז דאַמאָלסט אַריינגעפאַלן אין א צווייטן עקסטרים און האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש גע'טענה'ט: „קנייד־יאָך, קנייד־לאַך און נאָר קנייד־לאַך". דאָס האָט ער געמיינט, אז דער צ. ק. דאַרף באַוואָרנען די אָרגאַניזאַציעס מיט באָמבעס און אנ־

* * *

צו יענער צייט איז אויך געקומען קיין לאָדזש ארבעטן א. דעוועניששקי (שפּעטער באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים א. ווייטער). ער האָט שוין דאַמאָלסט געענדיקט זיין מעדמין אין סיביר און ער האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש אלס „קאָרעספּאָנדענט פון אויסלענדישע צייטונגען". ער האָט איבערגענומען אויף זיך די ארבעט צווישן דער יוגנטלאַכער אינטעליגענץ.

צו יענער צייט איז ער שוין געווען אנגעשטעקט מיט מאָדערניזם און ער האָט אנגעשריבן א בלעטל צו דער אינטעליגענץ אין יענעם נוסח. דאָס איז געווען זייער אָריגינעל געשריבן פאַר א רעוואָלוציאָנערן אויפרוף און טאַקע דערפאַר איז עס דורכגעפאַלן אין קאָמיטעט. די רעוואָלוציאָנערע קרייזן זיינען פון תמיד־אָן „קאָנסערוואַטיוו" בנוגע עסטעטישע באַגריפן און ליטעראַרישן געשמאַק.

צוליב ריזעלבע טעמים זיינען דורכגעפאַלן זיינע פּראָיעקטן פון אידישע בלעטלאַך, בכלל איז ער ניט געווען קיין מאַסן־טוער, איס האָט שוין אינעווייניק געגאַגט א וואָרעם פון ספיקות און ער האָט זיך שוין געגריבלט און געזוכט עפּעס נייס. אומבאַקאַנטס, אומבאַשטימטס.

(דריטער ב׳ יל 1905־1909, ז. 55)

לויט די שפּעטערדיקע אנטדעקונגען פון אכראַניק באַקיי, איז אונזער ארעסט (אין יאָר 1907 איז אויף נאַוואָליפּיע 31. אין א פּריוואַטער וואוינונג ארעסטירט געוואָרן א גרויסע פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען זייער גוט און קאָנספּיראַטיוו זיכער אָרגאַניזירט) פאָרגעקומען צוליב דער מסירה פון איינעם א האַנדלס־אָנגעשטעלטן מיט׳ן נאָמען נאַכטיגאַל (וואוינט איצט אין וואַרשע, אַן איינגעטימער פון א טאַבאַק־געשעפט). דאָס איז געווען א בחור, וואָס האָט דאַמאָלסט געטראָגן א לאַנגע קאַפּאָטע מיט א חסידיש היטל, האָט זיך באַטייליקט אין אלע פאַרזאַמלונגען און האָט אַרויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו אלע פּאַרטיי ענינים. א „בונדיסט" איז ער געוואָרן אין לאָדזש און האָט טאַקע געדינט אין דער דאָרטיקער אָכראַנע. ער פלעגט איר אויך צושטעלן ידיעות וועגן דער ארבעט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע.

# די ערשטע געהיימע דרוקעריי

אין יאר 1894 האט די פּ. פּ. ס. געשאפן איר צייטונג דעם „ראַבאָטניק”. די צייטונג איז אזוי אפגעהיטן געווארן מצד די וואכ זיינען געווען פאַראַנטווארטלאך פאר איר עקזיסטענץ, אז זי האט געקאנט אויסהאלטן דעם געיעג אויף איר מצד טויזנטער שפּיצלעס, זשאנדארמען, פּאליציאנטן, באצאלטע סטרוזשעס אין פּאָליציייאישער דינסט גאנצע 6 יאָר אָן איבעריים.

די צארישע אכראנע איז געווען אויסער זיך, די שפּיצלעס זיינען געווען פארביטערט, מען האט צוגעזאגט גרויסע געלטער צו פאראינטריגירן פּריוואטע מענטשן מיט לייכטע געווינס ארויסצוגעבן די רעדאקציע. אבער ס'האט ניט געהאָלפן. ענדלאך איז די פּאָליציי געפאלן אויף אן המצאה צו לאזן וויסן אז דער „ראבאטניק” ווערט גאָר געדרוקט אין אויסלאנד און דערמיט אויסלייזן די אייגענע אומפּייאיקייט אויסצוגעפינען זיין רעדאקציע. דאָס איז אָבער געווען א שוואך מיטל, ווייל אפט איז אין א נומער „ראבאטניק” געווען אפּגעדרוקט א ידיעה וועגן א געשעעניש מיט א טאג צוריק, און אזוי שנעל האט מען אין אויסלאנד ניט געקאָנט אָפּדרוקן די נייעס און אריבערשמוגלען די צייטונגען.

כדי צו פארזיכערן די עקזיסטענץ פון דער צייטונג און צו זיין זיכער אז דער פּלאַץ וואו זי געפינט זיך וועט בלייבן א געהיימניש, איז זי איבערגעגעבן געווארן יוזעף פּילסודסקין אנ-צופירן זי סיי אלס רעדאקטאר און סיי אלס פּארוואלטער. אלס דער פּלאַץ פון דער רעדאקציע און דרוקעריי איז אנגעוויזן געווארן לאָדזש.

פּילסודסקי איז אוועק קיין לאָדזש, געדונגען א דירה אויף וושכארניע 19 און ניט פאַרטער ווי מ'פּלעגט אלעמאל דינגען וואוינונגען פאר א קאָנספּיראטיווער דרוקעריי, נאָר דוקא אויפ'ן ערשטן שטאק, איבער א סקלאד פון מאנופאקטור סחורה, כדי וואָס ווייניקער צוציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט. און דערצו האט פּילסודסקי געטאָן נאך א געוואגטערע זאך: געדונגען א דינסט און ניט אנגעשטעלט קיין פּארטיי־חברטע אלס מכלומרשטע דינסט, ווייל ער האט געזאגט, אז א בירגערלאכע פאמיליע מוז האבן א דינסט, און אז א דינסט מוז זיך אויסלעבן אין איר קרייז, ד. ה. מיט אנדערע דינסטן און זיין א נאָענטער שמעלקע מיט'ן סטרוזש, וואס א פּארטיי־אינטעליגענטקע וועט ניט קאנען טאָן און ממילא ציען די אויפמערקזאמקייט פון אלעמען אויף זיך און דערמיט אויך אויף דער „מאָרנער” וואוינונג.

די ארבעט פון היטן די דינסט, אז זי זאל ניט זען וואס מ'דארף ניט און ניט אריינגיין אינ'ם לעצטן צימער (דער אפּארטמענט האט געהאט פיר צימערן) ווען מ'וועט זי ניט הייסן, איז גע-לעגן אויף דער פרוי פּילסודסקי. אינ'ם לעצטן צימער האט זיך געפונען די דרוקעריי און רע-דאקציע. דאָרטן איז די צייטונג צוזאמענגעשטעלט געווארן, דאָרטן געזעצט און געדרוקט גע-ווארן אויף דעם קליינעם האנט־מאשינדל, וואס איז ניט געווען פיל גרעסער ווי א קליין קעסט-טעלע און זיך פארמאכט ווי א קעסטעלע. יעדע צוויי־דריי וואכן איז פון דעם שטיבל ארויס, נאך אויסערגעוויינלאכע אנשטרענגונגען פון עטלאכע מענטשן און ספּעציעל מצד דעם רעדאק-טאר, א נייער נומער „ראבאטניק” און פאַרפּאַקט אין קוישלאך, פארדעקט מיט היי און אין וואליזעס איז ער אפּגעפירט געווארן אין פארשידענע שטעט און שטעטלאך.

די פּאָליציי איז געווארן ווילדער און ווילדער און די אמביציע איז ביי די שפּיצלעך גע-וואקסן צו צושטערן די רעדאקציע וואס די אכראנע איז שוין איבערציינגט געווען, אז זי געפינט זיך זיכער אינ'ם לאנד גופא. זשאנדארמען און אגענטן זיינען געלאָפן דאָ קיין ביאליסטאָק, דאָ קיין ראדעם, דאָ קיין סאסנאָוועצ און אין ערגע יגארניט ניט געטראָפן. ביז די פּאָליציי האט דורך א ריינעם צופאל זיך אנגעשטויסן אויף דער דירה און אין מיטן־נאכט פון 25טן פעברואר 1900 באפאלן די וואוינונג און ארעסטירט פּילסודסקין מיט זיין פרוי. די דרוק־מאשינקע איז געשטאנען אפן, און דורך איז געווען דער זעקס און דרייסיקסטער נומער „ראָבאָטניק”.

„אט האט איר אייך דעם גוטענבערגן”, האט דער פאָרפּאָלקאָווניק, דער פירער פונ'ם אָנפאַל זיך געווענדט צו זשאנדארמען אנגווייזנדיק אויף פּילסודסקין. „פון אים קומט דאָס גאנצע שלעכטס. ס'איז ניט גרינג נאכאמאל איינצוארדענען אזא אונטערנעמונג”.

סוכער־אבראמאוויטש

# זכרונות

דאס איז געווען אין יאר 1900. איך האב דאן געארבעט ביי איינעם מיט'ן נאמען סמעך. ס'איז ניט געווען אזא זאך ווי נארמאלער ארבעטס־טאג. מ'האט געארבעט פון זון־אויפגאנג ביז שפעט אין אוונט. איך האב פארדינט אן ערך דריי רובל א וואך, אבער ניט אלעמאל האב איך עס געקענט באקומען. מיין באלעבאס איז געווען א לוין־וועבער (קאנטראקטאר) און זייער אפט האט פאסירט, אז ענדע וואך האט דער באלעבאס ניט געהאט אויף צום לעבן. איז שוין געווען נאטירלאך, אז דער באלמעלאכע האט קיין שכירות ניט געקראגן. איך בין דאן אלט געווען א יאר 16.

די לאגע און די באדינגונגען זיינען געווען „נארמאל״ צווישן אלע וועבער. די אָרימקייט איז געווען א שרעקלאכע. דער דלות א מורא'דיקער. די נויט האט געשפארט פון אלע לעכער. די מאסע ארבעטער זיינען געווען רעדישלאָגן, צוריקגעשטאנען. קיין עפנטלאכע אקטיוויטעט פון ארבעטער איז ניט געווען. די רעאקציע האט געבושעוועט. די רעוואלוציאנערע גרופעס זיינען געווען זייער שוואך און נאך ניט באוויזן איינצושטעלן פארבינדונגען מיט ברייטע שיכטן ארבעטער.

דעם באלעבאס זון, יאנקל סמעך איז געווען א מיטגליד פון בונד. איך האב וועגן דעם ניט געוואוסט. וועגן דעם „בונד״ האב איך קיין פארשטעלונג ניט געהאט. האט יאנקל סמעך מיר איינמאל אונטערגעווארפן א בונדישע בראשור און פראקלאמאציע. דורכלייענענדיק די צוויי זאכן, האבן זיך ביי מיר געעפנט די אויגן.

די ליטעראטור האט אנגעצונדן מיין אינגלישע פאנטאזיע. איך האב אנגעהויבן טראכטן, אז מענטשן קענען טאקע לעבן אנדערש ווי זיי לעבן. מיך האט אנגעהויבן ציען צום „בונד״. אבער קיין פארבינדונגען האב איך ניט געהאט. אין א קורצער צייט נאך דעם איז יאנקל סמעך ארעסטירט געווארן און מ'האט אים פארשיקט. זינט דאן האב איך וועגן אים גארניט געהערט. דער ארעסט און פארשיקונג פון יאנקל סמעך האט אויף מיר געמאכט א טיפן איינדרוק. ער איז אין מיינע אויגן געווארן א העלד, א מארטירער. האב איך באשלאסן, אז איך מוז ווערן א מיטגליד פון „בונד״.

אין יולי 1900 האט מיר מיינער א באקאנטער, א וועבער, גערופן גיין מיט אים אין קאנסטאנטינער וואלד. איך האב געמיינט, אז מיר גייען אויף א שפאציר, און ער האט מיר ניט געזאגט אז ניט. ווען מיר זיינען אהין געקומען, האב איך דארט דערזען פארזאמלט עטלאכע הונדערט מענטשן. איך האב ניט געקענט פארשטיין וואס דא טוט זיך. ערשט דאן האט ער מיר דערקלערט, אז דא וועט פארקומען א קאנספיראטיווע פארזאמלונג. נאך דעם ווי ער האט מיר שוין דערקלערט, אז ס'איז א ק א נ ס פ י ר א ט י ו ו ע פארזאמלונג, ערשט דאן האב איך ניט פארשטאנען וואס דאס מיינט. דאסווארט „קאנספיראטיוו״ האט מיר עפעס מאדנע געקלונגען. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז דער בחור רעדט צו מיר פראנצויזיש.

אלע זיינען געזעסן אויף דער ערד. פלוצלונג האט זיך איינער אויפגעשטעלט און אנגעהויבן רייד'ן. זיין רעדע האט אויף מיר געמאכט א שטארקן איינדרוק. איך בין געזעסן א פארגאפטער, ניט אראפגענומענדיק פון אים מיין בליק. דערנאך האב איך זיך דערוואוסט, אז דער רעדנער איז געווען משה לייב.

מיט עטלאכע טעג שפעטער בין איך שוין געווען א מיטגליד פון „בונד״. איך פלעג גיין אויף סבארקעס. ווי איך דערמאן זיך איצט, דאכט זיך מיר אויס, אז איך האב כמעט גארנישט ניט פארשטאנען, וואס מ'האט גערעדט אויף די סבאדקעס.

דעם זעלבן יאר איז געשטארבן חבר מייזל. זיין לויה איז פארוואנדלט געווארן אין א מאסן־דעמאנסטראציע. פילע ארבעטער האבן געווארפן די ארבעט אום צו באטייליקן זיך אין

דער לויה. אויפ'ן בית־עולם האבן גערעדט משה־לייב, הערש־לייב און איינע סאָניע פון ביאַליסטאָק. די שטימונג איז געווען אן ערנסטע. דאָך איז פאָרגעקומען א קליינער קוריאָז. אין איר רעדע האט סאָניע די ביאַליסטאָקער געזוכט צו דערקלערן, אז חבר מייזל איז ניט געשטאָרבן, נאָר אז זיין גייסט איז אויסגעגאנגען — עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די „עלעקטריציטעט". וואָס אזוינס עלעקטריציטעט איז, האט כמעט קיינער ניט פארשטאנען. נאָר אז סאָניע זאָגט, איז דאָך ניט שייך ] די פראַזע איז אויפגענומען געוואָרן מיט חוזק. די פרומע האָבן פון דעם גערדונגען. אז די „אהדות" (אזוי האבן די מאבן ראן גערופן דעם „בונד") זיינען געגן גאָט.

פארשטייט זיך, אז די פרומאקעס זיינען געווען אנגעשטויסן אויפ'ן „בונד" און די גאנצע „שיינע געזעלשאפט", די גנבים, לאָבוסעס און אין אלגעמיין די גאנצע אונטערוועלט האָט ניט געקענט פארגעבן די „אחרות" זייער אפיקורסות.

יום־כפור פונ'ם יאָר 1900 זיינען מיר א גרופּע חברים אוועק אין קאָנסטאנטינער וואלד צו פארברענגען, מיטנעמענדיק מיט זיך עסנווארג. די לאָבוסעס (גענגסטערס) האבן כאפּאלן בערל בינעם און איס מערדערלאך געשלאָגן. זיינע קולות זיינען געווען שרעקלאכע. אונזער גרופּע האט זיך א לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון וואנען עס האָבן זיך געטראָגן די קולות. בערל האָט אונז דערציילט אז נחום בנטשיק, פייוול בוטשיק און לייבוש בענקארט זיינען אים כאפּאלן און צושלאָגן דערפאר וואָס ער גייט ניט אין שול אום יום־כפור. אין אלגעמיין האָבן די בויאנעס טעראָריזירט די ארבעטער־באפעלקערונג. ספּעציעל האבן זיי געמאכט אַטעס אָנפאלן אויף די בונדיסטן.

מיר האָבן באשלאָסן, אז מ'מוז זיך מיט זיי אָפּרעכענען. מיר האָבן זיי אָנגעיאָגט און זיי אזוי צע'מזיק'ט, אז זיי האבן זיך קוים דערשלעפּט אויף זייערע אייגענע פיס. דאָס איז געווען דאס ערשטע מאָל, וואָס ארבעטער האבן געקראָגן מוט צו שלאָגן צוריק. דער אינצידענט האָט אנגעמאכט א הויפּס צווישן די חברים און ס'האָט זיי צוגעגעבן מוט. עס האָט אויך איבעראַשט די אונטערוועלט. איצט ווען איך גיב א טראַכט, אז די „העלדן" וועמען מיר האבן צושלאָגן, זיינען געווען אנגעזעענע גאַרילאַס, וואונדער איך מיך, פון וואנען האב איך, א אינגל פון 16 יאָר, גענומען דאס מוט צו פארמעסטן זיך מיט מענטשן מיט אן אנגעזעענעם קרימינעלן רעקאָרד. בלויז א באוועגונג וואָס קעמפט פאר דער באפרייאונג פונ'ם ארבעטער־קלאָס, קען באַשאפן אזא ריינעם אידעאליזם און אינספּירירן צו באגעגענען דעם שונא אומדערשראָקן.

מיט א פאָר שעה שפּעטער איז די באנדע געקומען צוריק אין קאָנסטאנטינער וואלד זוכנדיק אָפּצורעכענען זיך מיט די, וועלכע האָבן „געקרייוודעט" זייערע לייט. אונז האָבן זיי ניט געפונען, זיינען זיי באפאלן אנדערע ארבעטער און זיי מערדערלאך געשלאָגן.

דער אינצידענט אין קאנסטאנטינער וואלד האט געלערנט די אונטעדוועלט, אז זיי קענען ניט אומבאשטראָפט אנגיין מיט זייער טעראָר געגן די ארבעטער.

דא איז כדאי צו באמערקן, אז די אונטערוועלט האָט דאן זייער געשטערט די ארבעט פון „בונד". זיי פלעגן אָפט איבערפאלן די ארבעטער־בירזשע און טעראָריזירן די ארבעטער. פיל ארבעטער האבן צוליב דעם מורא געהאט צו קומען אויף דער בירזשע. זייענדיק א אינגל פון זעבצן יאָר, ניי אין דער באוועגונג, האָב איך זיך ניט זייער גוט פאנאנדערגעקליבן אין דער פראגראם פון דער פארטיי. אבער איין זאך האב איך יאָ געוואוסט, אז כדי די באוועגונג זאָל קענען וואקסן, מוז מען ברעכן דעם טעראָר פון דער אונטערוועלט, מ'מוז זיי פארטרייבן פון דער בירזשע.

עס איז אוממעגלאך איבערצוגעבן וועגן אלע צוזאמענשטויסן מיט דער אונטערוועלט. זיי זיינען געווען צופיל. איך וועל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף עטלאכע, וועלכע האָבן זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון.

נאָכ'ן אינצידענט אין קאָנסטאנטינער וואלד האָט די אונטערוועלט מאָביליזירט די כחות און איז אויף מארגן געקומען צו דער בירזשע לעבן שול־הויף און געמאכט אן אָנפאל. פיל

אַרבעטער זיינען דאָן צושלאָגן און צושניטן געוואָרן. אָבער די אונטערוועלט האָט געקראָגן אַ שלעכטן אָפּשנייט. אין דעם געשלעג בין איך געווען דער העלד פון טאָג. מיר האָבן פאַריאָגט די אונטערוועלט.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער ווינטער. ס'איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי און דער קאָנסטאַנטינער וואַלד איז געבליבן פוסטעווען ביז'ן קומענדיקן זומער. צוליב די קעלטן איז די באַזוכערשאַפט ניט געווען אַ גרויסע אויף דער בירזשע. בלויז די, וועלכע האָבן געהאַט אָן אָנצוג און אַ פּאָר שיך, האָבן זיך געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס אַרויסצוקומען אויף דער בירזשע ניט פיל פון אונזערע חברים האָבן עס געהאַט. דורכ'ן ווינטער איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען פּאַמעלאַך. מ'האָט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען, אַזוי אָפט ווי ס'איז געווען מעגלאַך, צוגעגרייט די חברים צו דער אָנקומענדיקער אַרבעט.

דער פרילינג איז געקומען... דער „בונד" האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען די אַרבעט. ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרזאַמלונגען אין קאָנסטאַנטינער וואַלד.

די אונטערוועלט, וועלכע האָט זיך אויסגערוט דורכ'ן ווינטער האָט זיך ווידער באַוויזן. צו דער בירזשע האָבן די אונטערוועלט־העלדן פאַרלאָרן דעם חשק צו קומען, האָבן זיי אָנגעהויבן באַפאַלן גרופּעס אַרבעטער, אָדער איינצלנע חברים.

אַרום יוני פון'ס יאָר 1901 האָט דער לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" באַשלאָסן, אַז אונזערע חברים זאָלן זיך ביז אַ נייעם באַשלוס ניט באַווייזן אין גאַס, כדי אויסצומיידן צוזאַמענשטויסן מיט די בויאַנעס. מיר זיינען ניט באַקאַנט געווען די סיבות, צוליב וועלכע דער קאָמיטעט האָט אָנגענומען דעם באַשלוס. מסתמא איז דערפאַר געווען אַ גוטער גרונט. אָבער אַז דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, בין איך, ווי אַ סאָלדאַט געווען גרייט דורכצופירן דעם באַשלוס. איך וואָלט דאָס טאַקע אויך געטאָן, ווען ניט די פאָלגנדע פּאַסירונג:

אויף מאָרגן, אין אָוונט, פאַרבייגייענדיק דעם ערשטן אוטשאַסטאָק אויף ברעזשינער גאַס, האָב איך באַגעגנט אַ שניידער מיט'ן נאָמען בעמיע, אַ צושניטענער, אַ צושלאָגענער. ער האָט מיר דערציילט, אַז די ברידער בוטשיקעס און אַנדערע בוליגאַנעס זיינען אים און הערמאַנ'ען באַפאַלן אויף דער אַלטער שטאָט און זיי געשלאָגן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ראַנגלען אין מיר צוויי כחות: דער ערשטער, דורכצופירן דעם באַשלוס פון'ס קאָמיטעט; דער צווייטער, אָפּצורעכענען זיך מיט די בוליגאַנעס. איך האָב באַשלאָסן ברעכן די דיסציפּלין פון דער פּאַרטיי. איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער אַלטער שטאָט, דאָרט זיינען שוין געווען די חברים כעמיע בלאַזשען און שמואל. דאָרטן האָב איך זיך באַגעגנט מיט דער חברה, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די סמעטענע פון דער לאָדזשער אונטערוועלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג, אין וועלכן מיר האָבן צעקלאַפּט די אונטערוועלט.

אַרום דעם געשלעג איז פאָרגעקומען אַזאַ עפּיזאָד: בעת'ן שלאָגן זיך איז ביי מיר אַרונטערגעפאַלן דאָס היטל. האָבן די פרומאַקעס אויפגעהויבן אַ געשריי: „גוואַלד, אַ גוי שלאָגט אידן!" באַלד איז אָנגעלאָפן די פּאָלציי. די פּאָליציי מיט די פרומאַקעס האָבן אָפּגעשלאָסן די גאַס, פאַרמאַכט אַלע טויערן, כדי איך זאָל ניט קענען אַנטליפן. מ'האָט מיך אַרעסטירט. שפּעטער האָט מען אויך אַרעסטירט בעמיע און הערמאַנ'ען. אין אוטשאַסטאָק האָט מען די צוויי חברים געשלאָגן. די צוויי חברים האָט מען אַרויסגעשיקט (פּאָ עטאַפּו) אין זייער שטאָט, דאַכט זיך, אַז פּעטריקאָוו. איך האָב ניט געוואָלט זאָגן, אַז איך האָב אַ טאַטן אין לאָדזש, און קיין פּאַס האָב איך ניט געהאַט, ווייל איך בין געווען אַ מינדעריאָריקער (16 יאָר אַלט), האָב איך זיי געזאָגט אַז איך קום פון סידלעץ. מען האָט מיך געשיקט פּאָ עטאַפּו (גיין צופוס אונטער אַ קאָנוואָי). אָנגעקומען אין סידלעץ, קיין פּאַס האָט מען מיר ניט געקענט געבן אָן דער אונטערשריפט פון פאָטער און אַזוי ווי מיין פאָטער איז דאָן געווען אין לאָדזש, האָט מען מיך צוריקגעבראַכט און אונטער דעם פאָטער'ס אויפזיכט האָט מען מיך אַרויסגעלאָזן.

דאָן האָבן פּאַסירט צוויי זאַכן: די פּאָליציי האָט מיך געזוכט, כדי מיך צו ברענגען פאַר'ן געריכט. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן, האָט מען מיך געמישפּט אין מיין אָפּוועזנהייט און פאַר־

משפט צו דריי חדשים טורמע. ארום דער זעלבער צייט האט מען מיך אויך גע׳משפט אין „בונד״ פאר דיסציפלין־בדוד און מ׳האט באשלאסן מיך אויסצושליסן פון דער פארטיי. דער באשלוס פון „בונד״ האט מיר פיל מער וויי געטאן ווי דאס פאראורטיילן מיך צו דריי חדשים טורמע. מיט צוויי וואכן שפעטער האט משה־לייב געשיקט דעם הויכן בעריש (ער איז געשטארבן אין אמעריקע) און משה־לייב האט מיר געזאגט, אז די פארטיי האט באשלאסן מיך צוריק אריינ־נעמען. איך האב זיך אויסבאהאלטן, ווייל אזוי שנעל ווי די פאליציי וואלט מיך דערזען, וואלט מען מיך גענומען אפצוזיצן די דריי חדשים. אבער לאנג אויסבאהאלטן זיך האב איך ניט געקענט. מיט א קורצער צייט שפעטער האט מען מיך ארעסטירט, איך בין געגאנגען אפזיצן דעם טער־מין. ארויסגעקומען פון טורמע בין איך צום ווינטער. דורך דער צייט האט זיך די באוועגונג פיל אויסגעשפרייט, און דערגרייכט די ארומיקע שטעטלאך.

אין פאביאניץ, א שטעטל לעבן לאדזש, האט זיך די באוועגונג שטארק אנטוויקלט. די דארטיקע אונטערוועלט האט טעראריזירט די ארבעטער פון „בונד״. איינער פון די אונטערוועלט־פירער איז געווען ישומע האמפעל. ארום מאי פון׳ם יאר 1902 האבן די אונטערוועלט־העלדן געמאכט אן איבערפאל אויף די ארבעטער אין פאביאניץ. נאכ׳ן איבערפאל זיינען עטלאכע חברים פון פאביאניץ געקומען קיין לאדזש, אנטלויפנדיק פון די כוליגאנישע איבערפאלן. אין דער זעלבער צייט איז אויך ישומע העמפעל געקומען קיין לאדזש צו זען זיך מיט זיינע „ברידער״. עטלאכע לאדזשער ארבעטער האבן זיך ארגאניזירט אפצורעכענען מיט ישומע האמפעל. די אונטערוועלט, דערוויסנדיק זיך, אז די ארבעטער זוכן האמפלען, זיינען ארויס אין גאס מיט מעסערס, שטעקנס און אנדערע מכשירים. צווישן זיי זיינען געווען די פני פון דער אונטער־וועלט, ווי לייבוש אייזנהענדלער, בעמיע פאזנאנסקי, מאיר זגערזשער, הענעך פוטערמילך און זייער גלייכן. זיי האבן זיך ארויסגעלאזט צו מאכן א בלוט־באד אויף די „אחרות״, נאר מורא האבנדיק, אז זיי וועלן חס וחלילה פארפעלן איינעם, האבן זיי געשלאגן אלע דורכגייענדיקע ארבעטער. דער איבערפאל איז פארגעקומען אויף ראג פון פעפער און לאגאווניקער גאס.

אויף מארגן, ווען איך בין געקומען אין סטאריוויעש האבן אברהם פאפיראשניק און א פאר אנדערע חברים מיך געווארנט אז איך זאל ניט דורכגיין די שמאלע גאס. איך האב איגנארירט די ווארנונג און בין געגאנגען. איך האב געטראפן דעם שווארצן מייער, וועלכער האט מיט מיר נאכגעיאגט לייבוש אייזנהענדל. צוויי לאבוכן, וועלכע זיינען געווען מיט אייזנהענדלער, זיינען געלאפן הינטן הילף. די אונטערוועלט האט אנגעהויבן אנקומען ווי א פאזשארנע דרוזשינע, זוכנדיק אונז. מייער דער שווארצער, דיינקענדיק, אז איך בין אין מיטן ביי דער באפטע, האט זיך א ווארף געטאן מיר ארויסצוהעלפן. איך בין דערווייל געווען „פארנומען״ מיט די יונגען, וועלכע זיינען געקומען מיט האק־מעסערס, שטעקנס און אנדערע שלאג־מכשירים. עטליכע פון דער באנדע האבן ארומגערינגלט מייער דעם שווארצן און אים שטארק צושניטן. כדי צו פאר־מיידן די מעגלאכקייט דער׳הרג׳עט צו ווערן איז מייער אנידערגעפאלן, ווי ער וואלט געווען טויט. דאן האבן זיי אים צורו געלאזן. אין דעם געשלעג האבן עטלאכע פון די יונגען אזוי גע־קראגן צושלאגן, אז מ׳האט זיי געמוזט אוועקנעמען אין שפיטאל. די חברה דיינקענדיק, אז זיי האבן מייערן דער׳הרג׳עט, זיינען זיי אנטלאפן. ווען איך בין פארטיק געווארן מיט „מיינע״ לא־בוסן, האב איך זיך א לאז געטאן זוכן מאיר דעם שווארצן. איך האב אים געפונען א פארבלו־טיקטן, פארוואונדעט אין עטלאכע פלעצער. האבן מיר אים אוועקגעפירט צו א פעלדשער אויף בזשעזשינער גאס. די וואונדן זיינען געווען אזעלכע, אז מ׳האט זיי געמוזט פארנייען.

די אונטערוועלט האט ארויסגעשיקט שפיאנען מיך אפזוכן. זיי האבן מיך געפונען אויפ׳ן באלוטער פלאץ, אין שמאלן געסל ביי חברים אין הויז. צוויי פון די דריי, וואס האבן מיך נאכ־געפאלגט, זיינען געגאנגען ברענגען די אונטערוועלט. אין א קורצער צייט ארום, האט איין חבר, וועלכער איז געשטאנען ביים פענצטער, געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט, אז אונטן, לעבן הויז שטייט א מאסע מענטשן און פאליציי. אז איך האב ארונטערגעקוקט, האב איך דערזען, אז די גאנצע לאדזשער אונטערוועלט איז דא. האב איך באשלאסן ארונטערצוגיין, כדי ניט אריינ־

שלעפן די חברים אין א צרה ווייל אויב די באַפּטע וואָלט זיך אריינגעריסן אין הויז, וואָלטן זיי אלעמען צוקאַליעטשעט. בין איך ארונטערגאַנגען, כדי זיי זאָלן זען אז איך בין אויבן ניטא און לאָזן די חברים צורו. פון די אכט חברים, וואָס זיינען געווען אין הויז, געדענק איך די נעמען פון בלויז צוויי: מאַשקע פאַניע א וועבער, און אברהם חיים געלבארט. מיר האָט זיך איינגעגעבן דורכצוברעכן די קייט און אַנטלויפן. די אכט חברים זיינען ארעסטירט געוואָרן. אין סיסקנאָיע אַטרעלעניע האָט מען זיי געשלאָגן, פאר ניט אויסזאָגן וואו איך געפין זיך. קיין שלאָגן האָט דא ניט געקענט העלפן. די חברים האָבן טאקע ניט געוואוסט וואו איך בין.

די פאַסירונג האָט אויפגעצאָרנט די ארבעטער. עס איז קלאָר געוואָרן פאר אלעמען, אז די פאָליציי ארבעט האַנט אין האַנט מיט דער אונטערוועלט. דער „בונד" האָט באַשלאָסן רופן א פּאָליטישן סטרייק. עטליכע טויזנט ארבעטער האָבן געענטפערט דעם רוף. עטלאָכע הונדערט ארבעטער זיינען אוועק צום פּאָליצמייסטער צו פּראָטעסטירן געגן דעם, וואָס די פּאָליציי באַשיצט און שטיצט די אונטערוועלט. א טייל פון די ארבעטער האָט מען אריינגענומען אין סיסקנאָיע אַטרעלעניע און דאָרט האָט מען זיי געשלאָגן. א קאָמיטע פון צען, צווישן זיי אַבער־מייסטער סוכאר און אנדערע זיינען אַרויף צום פּאָליצמייסטער און געפאָדערט, אז די פּאָליציי זאָל אויפהערן שטיצן די אונטערוועלט. מיר האָבן דאָרום פארבראכט ארום א שעה צייט און דער פּאָליצמייסטער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט אויספאָרשן די זאַך. די אכט חברים, וועלכע זיינען ארעסטירט געווארן האָט מען ארויסגעלאָזט. די פאַסירונג האָט פיל געהאָלפן דעם „בונד" אויסצושפרייטן דעם איינפלוס פון דער פארטיי. עס האָט אויך געמאכט די ארבעטער פילן זיכערער און דרייסטער. דאָס האָט נאָך ניט אָפּגעשטעלט די פיזישע קאַמפן.

די אונטערוועלט־העלדן זיינען ניט געווען די איינציקע, וועלכע האָבן טעראָריזירט די ארבעטער. די פּאָליציי האָט אויך אָרגאַניזירט אָנפאַלן. אין יולי פון׳ס יאָר 1902 האָבן צוויי ד״ע טעקטיוון ארגאַניזירט די פויערים, וועלכע האָבן געארבעט אויף דער קאַלישער באַן־ליניע צ . אן אָנפאַל. כדי צו שפּאָרן פּלאַץ, וועל איך אויסלאָזן די דעטאַלן.

לאָדזש האָב איך געמוזט פארלאָזן אין הארבסט פון׳ס יאָר 1902. מיין פארלאָזן לאָדזש איז פארבונדן מיט א וויכטיקער פאַסירונג אין׳ס לעבן פון „בונד". אין א שטעטל לעבן לאָדזש איז פארגעקומען א סטרייק פון וועבער־ארבעטער. דער סטרייק איז צושטערט געוואָרן דורך דער טעטיקייט פון א אונטערוועלט־העלד, וועלכער האָט אָרגאַניזירט פּראָטעקציע פאר די סטרייק־ברעכער. דער זעלבער נפש איז געווען אליין אין דער וועלט: א גנב, א שלעגער און וואָס אין דער קאָרט שטייט. ער איז אויך געווען א מוסר. ער האָט אָנגעטאָן דער באוועגונג א סך צרות. האָט דער „בונד" באַשלאָסן אים מאכן אומשעדלאך. איך האָב זיך דאן געבעטן מען זאָל מיך שיקן אין יענעם שטעטל אבער דער קאָמיטעט האָט מיר אָפּגעזאָגט אין דעם. מ׳האָט געשיקט א גרופּע חברים, אבער זיי האָבן גארניט געקענט אויפטאָן. מ׳האָט זיי באלד ארעסטירט און צוריקגעבראכט קיין לאָדזש. דאן האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אהין אויף מיין אייגענער אחריות. איך האָב ביי רזשעק סילווערן (ער איז איצט אין פּעטערסאָן) געבאָרגט 40 קאָפּיקעס און איך האָב זיך אוועקגעלאָזט אין וועג. דריי טעג שפּעטער איז שוין דער פארשוין געווען אומשעדלאך. איך האָב זיך צוריקגעקערט אין לאָדזש פונקט ווי גאָרנישט ניט האָט פאַסי... איך האָב נאָר ניט פארשטאַנען ווי ערנסט די לאַגע איז, אבער דער לאָדזשער קאָמיטעט האָט געוואוסט, אז איך טאָר מער ניט פארבלייבן אין פּוילן און ניט אין רוסלאנד. אזא באשלוס א ז אנגענומען געווארן. שאמע קרומקאָפּ האָט מיר איבערגעגעבן דעם באשלוס. ער האָט מיר א געבראכט א פּאַס און געלט, אז איך זאָל קענען ארויספאָרן אין אויסלאנד. איך בין דאן געווען אינגאַנצן 18 יאָר אלט.

די צוויי יאָר אין לאָדזשער „בונד" זיינען פאר מיר געווען פול מיט איבערלעבונגען. איך בין געווען געצוואונגען צו פארלאָזן מיין היימשטאָט, אבער איך האָב ניט איבערגעלאָזן אלין. איך האָב מיט זיך מיטגענומען דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס דער „בונד" האָט דאן אין מיר איינגעפלאנצט.

ס. שעלי

# דער „פּראָוואָל״ אין וואַלד

דאָס איז געווען אין 1900 אדער אין 1901. קומט צולויפן צו מיר אין בית המדרש מיינער א קוזין „סרילטשע ניעז״ (מ׳האָט אים אזוי גערופן, ווייל ער האָט נאָר א טייל נאָז, און אלע קענען אים אזוי, ער איז איצט אין לאָדזש א צייטונגס־פארקויפער) און דערלאנגט צוויי ביכלאך די באַרימטע היימישע בראשורקעס. איינע „דער צושטערטער פעלזן בלאק״ (פון גערשוני) און דאָס צווייטע איז דאַכט זיך געווען פיינענבוימ׳ס „ווי קומט א איד צום סאָציאַליזם״. און זאָגט מיר איינצייטיק אַז, אז שבת זאָל איך מיט אים מיטגיין אין קאָנסטאנטינער וואלד אריין. איך האָב אפשר אין איין שטונדע איבערגעלעזן ביידע ביכלאך. און שבת 6 פאַרטאָג האָט שוין סרילטשע געווארט פאר מיר אין פראנט פון וואלד, און מיר גייען. די וואך וואָס איז געווען אויסגעשטעלט צו ווייזן דעם וועג האָט אים שוין גוט געקענט, און מען האָט אונז געהאלטן אין איין ווייזן צו גיין ווייטער. און גייענדיק האָבן מיר יעדעס מאָל באגעגנט אן אנדערע סקאָדקע זיצנדיק צווישן די קוסטעס. און סדולקע האָט מיר אויסגערעכנט. זעסט, דאָ זיצט יעקל באַציק, פּערעל לאַה, ברוך לייב פאניע, דער קליינער שלמה׳לע, משה באסיאק. דאָ זיצן רעלע, ניסן רוסאק, די גרויסע הינדע, יצחק קישקע, יאסל פאניע און נאך. כמעט אלע פון די זיינען איצט אין אמעריקע, און די מערסטע אין פעטערסאָן.

אלע די ראמאַלסטדיקע ווארטזאגער אין דער יונגער לאָדזשער בונדישער באוועגונג, כמעט אלע פון וועבער פאך. פון אנדערע פאכן זיינען געווען גאר ווייניק. פון די אקריטישע שניידער זיינען דאַכט זיך שוין דאן געווען: אברהם׳לע הויקער, אלטערל, מרדכי שאַיטקע (שווערד), משה בענטביוועך (טראי), נח, א פאר מאלארזשעס, ווי פנחס מאלאדזשי (באראן). די פעפערס, שלמה גאלדשטיין, די געריטלערס, משה׳לע באַציעוו און יעקעל — און די וואָס איך געדענק ניט ווען מיך שוין דערמאָנען — אזוי זיינען מיר געגאנגען ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אונזער סקאָדקע.

אז מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט, איז צוגעקומען ברוך לייב און האָט פאר אונז פאָרגעטראָגן איבער דער פראגע: וואָס ווילן די ס. ד. אין רוסלאנד. פלוצלונג לויפט אן א חבר און גיט שטיל א זאג: לויפט שנעל ארויס פון וואלד ס׳זיינען דאָ קאזאקן. מיר האָבן זיך שנעל אויפגעהויבן, אבער ניט געלאָפן, נאר שפּאצירט ארויס פון וואלד. אבער די קאַזאקן האָט ווייזט אויס זיך איינגעגעבן ארומצוזינגלען שוין אין דער פראנט פון וואלד א צאָל פון 11 מענטשן מיט מיין וויינקייט אריינגערעכנט. דער גדעסטער צווישן אונז איז געווען חיימ׳ל פּראָפעסאר (זילבער־מיניץ).

צווישן די וואָס איך געדענק פון יענעם ערשטן עפנטלאכן ארעסט איז געווען: אברהמ׳ל הויקער, אלטערל, משה׳לע שטעקעלע־מאַכער (וואָס האָט זיך אליין באגאסן מיט נאפט און ווילנער טורמע און זיך פארברענט מיט איניקע יאָר צוריק), חיימ׳ל און א מיידל חיה און איך. די איבעריקע געדענק איך ניט ביי די נעמען. איינער א קייקבעקער, די אנדערע 4 זיינען אויך געווען וועבער. מיר זיינען אלע, אויסער חיימ׳ל פּראָפעסאר געווען נאך אינגלאך, אבער געשלאגן האָבן אונז די קאזאקן ווי גרויסע. אמיט בלאכסטן האָבן זיי אבער געשלאָגן חיימ׳לען.

ווען מיר זיינען אזוי געשטאנען ארומגערינגלט פון די קאַזאקן און זיי האָבן אונז באַזוכט כאָטש מיר האָבן שוין אלעס געהאט פארניכטעט, איז אנגעקומען יאנקעל קאציק, פון וואלד ארויס מיט די גרויסע שנאציען און דעם גראָבן שטעקן האָט ער אויסגעקוקט ווי אן אמת׳ער יוכטשיק. די קאַזאקן האָבן ווייזט אויס געהאט גרויס רעספּעקט פאר אים און ער האָט זיכער

מיט ניט ווייניק האריזיקלאפעגייט פארביי מארשירט אונז אזוי ווי ניט אים מיינט מען דאס. ווען די קאזאקן האבן מיר אויפגעעפנט דאס אויבערשטע קאקעל און זיי האבן מיך געזען אין א געהאקט איבערציעל מיט א גארטל, האבן זיי מיר געגעבן א פאר עקסטרא קילבעס מיט די פריקלארן.

אזוי האט מען אונז געפירט פון וואלר ביז דעם ערשטן צירקעל אין בערזשינער גאס, און ווען מען האט אונז אויף צומארגנס, מאגטיק איבערגעפירט פון ערשטן אוטשאסטאק אין דער שיסטי דילעניא,*) האט מען 8 פון די 11 אפגעשלאגן, און טאקע ניט ווייט פון דעם טויער פון דער אינקוויזיציע.

דאס איז אלזא געווען מיין עדיטטע דערפארונג מיט די לאדזשער אחרות.

איך וואלט דאבט זיך גארניט מיר געוואָרן שרייבנריק אזעלכע דעראינערונגען. אבער דאבט זיך, אז דער ארטיקל איז שוין אזוי אויך גענוג לאנג, און עפעס פיל איך, אז עס איז דארט דא א שער אין דער רעדאקציע.

איך וויל בלויז ביי דער ענדע זאגן, אז איך האב דא דערמאנט די אלע נעמען פון די באַקאנטע לאדזשער כדי אז ווען זיי וועלן לייענען דעם בוך זאל אין זיי אויך געבן א ציטער דאס הארץ און נשמה ווי ביי מיר, דורכלעבנדיק כאטש אין דעם מאכיענט פון לייענען די אלע אנגענעמע און זיסע דעראינערונגען פון זייער אלטער היימשטאט -- די רייכע־ארעמע לאדזש.

---

*) „סיסקגאיע אטרעלעגיע" (אויספארשונג אפטיילונג).



א גרופע לאדזשער רעוואלוציאנערן פאר'משפט'ע אויף קאבארגע 1907

ש. פעפער

# אָ מאַי דעמאָנסטראַציע אין לאָדזש אין 1903

(זכרונות)

אין מערץ 1903 זיינען אין לאָדזש פאָרגעקומען מאַסן ארעסטן. א גרויסע צאָל רעוואָלוציאָנערן זיינען דאן ארעסטירט געוואָרן. די ארעסטן האָבן אנגעמאכט א חורבן אין דער ארבעטער באַוועגונג. אלע פאַראַנטוואָרטלאַכע טוער זיינען ארעסטירט געוואָרן און אויך דער גאַנצער קאָמיטעט פון „בונד". דאס איז געווען א גוט־אויסגעפּלאַנטער און צוגעגרייטער אָנפאַל אויף דער ארבעטער־באַוועגונג. די פּאָליציי איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און מיטגענומען מיט זיך די נאָך וועלכע זיי זיינען געקומען. לויט ווי זיי האָבן „געארבעט" האָט דאס אויסגעזען, אז זיי האָבן געהאַט א פאַראויס־אויסגעאַרבעטן צעטל לויט וועלכן זיי האָבן געמאַכט די ארעסטן.

איך געדיינק ניט די נעמען פון אלע ארעסטירטע. בלויז די עטלאכע מיטגלידער פון בונדישן קאָמיטעט זיינען נאָך פאַרבליבן אין מיין זכרון: פּנחס שוסטער, יאַנקעל קאַטע, שאַמע קרומקאָפּ (דער געלער שאַמע) און הינדע ברכה.

די באַוועגונג איז געבליבן ווי א שיף אָן א רודער. עס זיינען ניט פאַרבליבן אויף דער פריי חברים, וואָס וואָלטן געקענט נעמען די איניציאַטיוו ווידער אויפצושטעלן א פירנדן קאָמיטעט כדי אנצופירן מיט די פאַרשיידענע קאַמפן און פאַריכטן דעם היזק וואָס די פּאָליציי האָט אָנגעטאָן.

מיט א צייט שפּעטער האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" געשיקט חבר נתן קיין לאָדזש צוזאַמענצושטעלן א נייעם קאָמיטעט און צוזאַמענצונעמען די איבערגעבליבענע כחות. דעם פאַרשטייער האָט זיך איינגעגעבן צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די פאַרבליבענע טוער און צוזאַמענצושטעלן א קאָמיטעט. אין דעם קאָמיטעט זיינען אריין: שימע מאַלאַרזש, יאַנקל קאַציק און איינער א שטרימפּעז־וועבער, וועמעס נאָמען איך געדענק ניט. היינט איז ער א באַקאַנטער פירער פון בונד און אויך אַנדערע וועמעס נעמען איך געדענק ניט.

דער קאָמיטעט האָט זיך גלייך גענומען צו דער ארבעט. די ערשטע פאַרזאַמלונג פון קאָמיטעט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי דער רויטער שרה מילע אין שמאָלן געסל. עס איז געווען ערב דעם ערשטן מאַי פון יאָר 1903, מען האָט געדאַרפט אָנהויבן פאַרבאַרייטן די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע. איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צושטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער סאָצ אַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און מיט דער פּ. פּ. ס. כדי געמיינשאַפטלאַך צוצוגרייטן דעם ערשטן מאַי אַרויסטריט. ביי דער זעלבער זיצונג פון קאָמיטעט איז באַשלאָסן געוואָרן אז יאַנקעל קאַציק זאָל זיין דער פאַנען־טרעגער ביי דער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע, און אין פאַל יאַנקעל קאַציק וועט ארעסטירט ווערן, זאָל שימשע מאַלאַרזש פאַרנעמען זיין אָרט.

אלע פאַרבאַרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דער דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט זיך געזאָלט אָנפאַנגען אויף פּיעטריקאָווער גאַס. די פּאָליציי האָט, ווי עס ווייזט אויס, אָדער געוואוסט וועגן דעם ארויסטריט אָדער דערוואַרט אזא ארויסטריט און האָט קאָנצענטרירט אירע כחות ארום פּיעטריקאָווער גאַס. מיר האָבן באַלד געמוזט ענדערן אונזער אָריגינעלן פּלאַן און אריבערפירן אויף וואַסאַרניע גאַס. עס איז געווען א הערלאַכע דעמאָנסטראַציע. טויזנטער ארבעטאָר מיט רויטער פאָן פאָראויס האָבן זיך א לאָז געטאָן אין מאַרש. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן איינקע גאַסן. די פּאָליציי האָט דערשפּירט, אז אויף וואַסאָרנע גאַס קומט פאָר א דעמאָנסטראַציע, און אין א קורצער צייט ארום האָבן זיך באַוויזן פּאָליציי, רייטנדע פּאָליציי און קאָזאַקן מיט נאַגייקעס. די קאָזאַקן און פּאָליציי האָבן אריינגעלאָפירט אין דער מאַסע, טרעטנדיק און שלאָגנדיק אומ'ברחמנות'דיק די אנטיילנעמער. פילע זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. הונדערטער ארבעטער זיינען יענעם טאָג ארעסטירט געוואָרן, און טייל פון זיי האָבן געקראָגן שווערע שטראָפן. די שווערסטע שטראָף איז געווען 5 יאָר סיביר, וו... שימשע האָט געקראָגן.

דאס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די רויטע פאָן האָט געפלאַטערט אין די גאַסן פון לאָדזש.

א. טשעמערינסקי

# לאָדזש אין יאָר 1905

אין מאַי 1905 בין איך געקומען קיין לאָדזש. איך בין אריין אים מיטגליד אין קאָלעקטיוו. פון די טוער געדענק איך זעלטן וועמען: מנחם (ירושלמי), ווירגילי, הימעלפארב (פּיוור דער שניידער, דער געשטופּלטער), באָריסעוויטש.

די באַוועגונג האָט איבערגעלעבט אן אויפשטייג. מאַסנפאַרזאַמלונגען, סטרייקס, גראַנדיעזע בירזשעס. שטענדיק אין איינט איבערפולט פון אַרבעטער און אַרבעטערקעס. די גאַנצע שטאָט האָט וועגן די בירזשעס געוואוסט, אַלע האָבן געקענט די טוער. מ'פלעגט קומען אהער מיט אַלע אנגעלעגנהייטן: פראַגן פון גט, פון נדן, צוקריגטע קאָמפּאַניאָנען פון א געשעפט, אַן אָפּגענאַרטער ספּעקוליאַנט. אז אַפּגענאַרט מיידל, א סכסוך אין פאַמיליע, אָנקלאַגעס פון דינסטמיידלאך אויפ'ן באַלעבאָס — אַלץ פלעגט מען ברענגען אהער. און אומגליקלאך איז געוועז אָפּצופּאַטערן זיך, דערקלערן, אז גלייכער איז צו גיין צום רב. דערפאר אבער מיט די דינסטמיידלאך פלעגן מיר האָבן צו זאָגן און צו זינגען.

דער עיקר אַרבעט איז אבער געוועזן — סטרייק־באַוועגונג אין די וועבעריי און זאָקן־פאַבריקן, וויניקער ביי די איבעריקע. דער עיקר ביי די זאָקנמאַכער איז דער קאַמף געווען אַן איינגעשפּאַרטער, די סטרייקס לאַנגע.

פריילאך פלעגט דורכגיין אויף דער בירזשע דאָס איינמאָנען מיטגלידער־אָפּצאָל. פון ד 5 קאָפּיקעס פלעג א ך אנקלייבן פולע קעשענעס — שווער צו פאַרטראָגן.

די שטימונג ביי אונז איז געווען א העכסט מונטערע. מיר פלעגן אונזערע „סוויאַדאַניעס" גאָר קלענערע באַראַטונגען באַשטימען אין א קאַפע אָדער רעסטאָראַן. און ביי דער גאַנצער קאָנספּיראַציע פלעגט די מונטערקייט און פריילאַכקייט אַרויסשפּאַרן. מיר פלעגן לאָכן אויפ'ן קול, פשוט קאַטשען זיך פאר געלעכטער, דער עיקר פלעגט עס ביי מיר שפּאַרן, און אַלע פלעגן זיך וואונדערן: מענטשן זאָלן קענען אזוי לאָכן!

דער „בונד" איז אַז צווייפל געווען אין לאָדזש א שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, די צווייטע איז געווען פ. פּ. ס. שוואך איז געווען ז. פּ. ס. ד. (סאָצ. דעמ. פּאַרטיי פון קעניגרייך פוילן און ליטע — די צוקונפטיקע פוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי). מיר פלעגן אַלע פאַרבינדונגען, וועלכע מיר פלעגן האָבן צווישן די ניט־אידישע אַרבעטער צווישן די דייטשע און פוילישע, איבערגעבן דער ס. ד. און פאַרבינדונגען האָבן מיר געהאַט — די פוילישע און דער עיקר די דייטשע אַרבעטער — בכלל ניט זייער קאָמפּליקטיקע — פלעגן זוכן אונזערע בונדישע פאַרבינדונגען און רעדנער.

די פאַרבינדונגען דער ס. ד. פלעגן מיר איבערגעבן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס שוין דאָן זיינען געווען אידישע אַרבעטער, וועלכע פלעגן באַקעמפן דעם „בונד" אין די פאַראיינען. איך געדענק, אז א שטאַרקע ס. ד. אָפּאָזיציע איז געווען אין בעקער־פאַריין.

די קלאַסן־סאָלידאַריטעט צווישן די אידישע און ניט־אידישע אַרבעטער פלעגט באַקומען דעם שאַרפסטן אויסדרוק ניט אזוי אין די סטרייקס, ווייל די אידישע אַרבעטער האָבן אין גרעסטן טייל געאַרבעט ניט אין די גרויסע פאַבריקן, נאָר אין די קוסטאַרע — קליינע און מיטעלע — אויף האַנט־וועבשטולן און זאָקן מאַשינעס. דער עיקר פלעגט די אינטערנאַציאָנאַל־סאָלידאַריטעט און געמיינזאַמער קאַמף זיך אויסדריקן אין די רעוואָלוציאָנערע לוית. די גאַסן פלעגן פול ווערן מיט אַרבעטער, דער קאַטוילישער אָדער אידישער בית־עולם פלעגן זיין פול באַזעצט. דאָ און דאָרטן פלעגט מען אַרויסטרעטן אויף אַלע שפּראַכן, מענטשן פון אַלע נאַציאָנען. איך געדענק אפילו ניט, מ'זאָל דאַרפן איבערזעצן. נאָר איינמאָל געדענק איך, ווען איך האָב אנגעהויבן ריידן אויף רוסיש (אויפ'ן קאַטוילישן בית־עולם) האָט איינער געזאָגט — פויליש, אבער אַלע האָבן איס אָפּגעהאַלטן און מ'האָט געבעטן ריידן.

איך געדענק נאָך די ערשטע דעמאָנסטראַציע — ווי אונז האָט פאַרצוימט דעם וועג די פּאָליציי, ווי מיר האָבן געפּרואווט זיך דורכרייסן ווי ס'איז אנגעפלויגן די קאַוואַלעריע, ווי מיר פלעגן אונטער די קוילן אַריינטראָגן אין א דערבייאיקן הויף פאַרוואונדעטע און ווייטער אַרויס

אויפ'ן נאס. איך געדענק ווי שוין פאר'ן ענדע, ווען די גאס איז כמעט ליידיק געווען — די קאוואלעריסטן האבן זיך געיאגט נאך איינצלנע — איז אויף דער מיטן גאס ארויסגעלאפן אן עלטערער פוילישער ארבעטער, האט צוריסן דאס העמד אויף זיך, פאנאנדערגעשפרייט די הענט און געשריען צו דער פאליציי און סאלדאטן: פסיאקרעוו, שיסט!

די לוית האבן זיך אנגעהויבן אלץ מער איבערצו'חזר'ן; דא אויפ'ן אידישן, דא אויפ'ן פוילישן בית־עולם, און יעדעס מאל אלץ גרעסער, גראנדיעזער, ענטוזיאסטישער.

די לעצטע דעמאנסטראטיווע לויה, וואס איך געדענק, איז פארגעקומען איבער דריי קליינע סיגרער. אין לאדזש האט עקזיסטירט א גאנצע ארגאניזאציע, די יונגע חברה האט געארבעט גוט. האט זיך אזוי איינער ארויפגעשטעלט אויף א פעסל און גענומען ריידן — האט דער גאָ־רָאוואי ניט אויסגעהאלטן און — אים דערשאסן. דערנאך נאך צוויי. די שטאט, די ארגאניזאציע האט אויפגעציטערט. מ'האט זיך גענומען גרייטן. די פאליציי האט זיך אפגעזאגט ארויסצוגעבן די קערפערס. מ'האט זיי אבער דאך ענדלאך באקומען. די פאליציי האט דורך פריקאזן פארווערט צו זאמלען זיך, מ'האט זיך געקענט ריכטן אויף אלץ פון איר זייט. מ'האט זיך ניט געזאמלט אויף איין פלאץ, אבער אלע גאסן זיינען געווען אזוי פול מיט ארבעטער, אז אומבאמערקטערהייט, אז א באפעל האבן די מאסן זיך צוזאמענגעשלאסן, ס'האט זיך געבילדעט די גראנדיעזסטע דעמאנסטראציע פאר דער גאנצער צייט.

איך קאן זיך איצט ניט דערמאנען גענוי, ווי אזוי ס'איז פארגעקומען, איך געדענק נאר, אז אין א יום־טאג, אוונט־צו, איז אונזער גאנצע קאמפאניע געווען אויף די גאסן, דארטן וואו עס געפינען זיך ווסכאדנע און זאבאדנע גאסן.*) מיר האבן געווארט אויף אן איבערפאל פון די רייטער פאליציי. געוויינלאך, פלעגט מען זיך פאר אזעלכע זאכן היטן, אבער די לעצטע מאסן ארויסטרעטונגען, סטרייקן, דעמאנסטראציעס, צוזאמענשטויסן מיט דער פאליציי האבן אונז אפגעוואוינט פון צו היטן זיך. אט גיט מען אונז איבער, אז מ'פארט, מיר הערן שוין דאס קלאפן פון די פערד, צייט אוועקצוגיין, באהאלטן זיך. אבער איך ווייס ניט און געדענק ניט, ווי דאס איז פארגעקומען, נאר איך האב צוזאמען מיט נאכמענען דערטאפט א גרויסן לייטער און פארצוימט מיט איס דעם וועג, די גאס. אין איין רגע האט אלץ אויפגעלעבט — אלע האבן זיך געווארפן צו דער ארבעט, מ'האט גענומען שלעפן ברעטער, שטיינער, לייטערס, וואגנס, אומגעווארפן סלופעס, לאמטערנעס. פון אלע זייטן האט מען גענומען שלעפן, בויען. ס'איז נאך געווען ליכטיק, ס'איז געווארן לעבעדיק און היים. מיר זיינען געגאנגען פון גאס צו גאס — איך דערמאן זיך ווי מיט אמאל איז אויסגעוואקסן, ווי פון דער ערד, ווירגילי, ערשט פון וואקזאל אנגעטאן אין אלץ פון וועג. וואס טוט איר דא? אט זעסט דאך, מיר מאכן באריקאדן — און גלייך האט דער הויכער ברייטבייניקער ווירגילי אראפגעווארפן דעם מאנטל — און היידא צו דער ארבעט!

די באריקאדן־נעץ איז געווארן אלץ געדיכטער, ארומגעכאפט אלץ א גרעסערן שטח. געארבעט ארום די באריקאדן האבן אלע: מענער, פרויען, יונגע, אלטע מיט גרויע בערד, קינדער, קינדער אן א שיעור. וואו מיר פלעגן ניט גיין — אומעטום באריקאדן, פאליציי און רייטער פארשוואונדן. מיר זיינען אליין באלעבאטים פון די גאסן. מ'האט אנגעהויבן ארויסווארפן און ס'האבן זיך אנגעצונדן מאנאפאלקעס (בראנפן־קרעמלאך). מ'האט אנגעהויבן ארויסווארפן און ברעכן די בראנפן־פלעשלאך.

מיר האבן ניט געקאנט דערטאפן וועמעס ארבעט איז עס: פון אנארכיסטן, פון היציקע קעפ? ניין, מיר זיינען גענויגט געווען צו קלערן, אז פון גנבים. מיר האבן אויך געפילט, אז ס'קאן זיין ערגערס. אבער קיין ארגאניזאציע איז דאן ביי אונז אין גאס ניט געווען, קיין ציל, קיין פלאן. סטיכיש האבן מיר מיט נאכמענען — פארשטייער פון קאמיטעט — אוועק־

---

*) ווארשיינלאך ווסכאדניע און פאלודניאווע גאסן. די גאסן ווסכאדניע און זאבאדניע געפינען זיך אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען. רעדאקציע

געקליגט דעם אנהויב פון באריקאדן, און ווייטער האבן מיר קיין פּלאן ניט געהאט. מיר זיינען נאר אומעטום געווען. אומעטום האט מען אונז געזען, אבער קיין פּאליטישע אנפירונג איז אין דער צייט ניט געווען.

אויפ'ן צווייטן טאג האבן מיר פארגעזעצט בויען די באריקאדן, אלץ העכער, גערינגער זיינען זיי געוואָרן בדייטער דער שטח. ענדלאך האט מען ווייטער ניט געקענט גיין — דאָס מיליטער האט פארצוימט דעם וועג. דערנאך האט דאָס מיליטער אנגעהויבן אנצוגרייפן. מ'האָט אנגעהויבן באשיסן די באריקאדעס, מ'פלעגט לאנג־לאנג שיסן אין דער געגנטבענער באריקאדע. אונטער דער באריקאדע איז געווען לידיק, פון צייט צו צייט פלעגט אונטערקריכן א יאטל, ארויסקריכן, אפפייערן און ווייטער פארשווינדן. די סאלדאטן פלעגן באשיסן די גאס פון ביידע זייטן טראטואר, שיסן אין די פענסטער פון די העכסטע עטאזשן, און שיסן אין דער באריקאדע. ווען די באריקאדע איז געווען צעשטערט, ערשט דאן פלעגט מען צוגיין צו איר, צונעמען זי און פארקערעווען אין די זייטיקע גאסן צו נייע באריקאדן. די טויערן זיינען אלע געווען פארמאכט. איך און אנדערע פלעגן איבערלויפן פון טויער צו טויער און שטיין אין דער נישט פארמאכטע טויערן. אט לויף איך איבער די גאס — פון א באלקאן שיסן אפיצערן אויף די פארביי־גייער. מ'פאלט, איך בין ארויס גאנץ. אט שטיי איך לעבן א טויער, איך אין דערמיט, פון ביידע זייטן באקאנטע. איינער קומט ארויס, — ס'טרעפט אים אין בויך, דעם צווייטן — אין נארגן, און איך בלייב אליין צווישן ביידע.

אפטער האבן אנגעהויבן אנקומען קאַ־עטעס פון גיכער הילף. וואגנס קומען און פאָרן אפּ — דער טויט האט געהאט א פולע גערעטעניש.

צי אוונט צו איז שוין גאַרנישט געווען. די גאסן שטיל און טויט, די באריקאדן צונומען. אויפ'ן צווייטן טאג האבן מיר, מיטגלידער פון קאלעקטיוו און קאמיטעט, זיך געטראָפן — א ק... גערעגנט נאָך די ערשטע באגעגעניש מיט נאכמענען, מיט פייגלען, מיט די איבעריקע חברים.

ס'איז אוועק א שטיק צייט, מיר האבן זיך ארומגעקוקט, צונויפגעזאמלט, די ארבעט איז אוועק. די ארגאניזאציע און די באוועגונג איז פארשטארקט געוואָרן. א שטיק צייט נאכדעם האבן מיר זיך דערוואוסט, אז אין אדעס איז געווען מעשה פאטיאמקין, באריקאדעס, ביז דאן האבן מיר ניט געוואוסט.

פון לאדזש בין איך אפּגעפאָרן קיין ביאליסטאָק. דאָס איז אלץ געווען יונגע חודשים, גערופן האט מען מיך היים. איך בין אפּגעפאָרן, און דער איינדרוק איז געווען: גראנדיעזע מאכט פון די ארבעטער, וואונדערבארע אומצווייסבארע אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט, העלדישקייט פון די פוילישע און אידישע ארבעטער. ווי משונה וואָלט מיר דאן אויסגעזען, ווען איינעצער וואָלט מיר דאן פארויסגעזאגט, אז אין דעם זעלבן לאדזש, וועלן די נאראָדאָווע דעמאָקראטן קאנען בילדן זייערע נאציאנאליסטישע ארבעטער־ארגאניזאציעס, וועלכע וועלן ארגאניזירן טאָג־טעגלאכע הריגות פון ארבעטער־רעוואלוציאנערן, אָט אזוי ווי איצט טוען דאָס די פאשיסטן. איצט זיינען מיר געוואוינט צו אזעלכע זאכן. אבער דאן האט דער אנגעצונדענער ברודער־מאָרד צווישן די ארבעטער אונז געדריקט. דאָס איז שוין געווען אין 1906טן יאָר, אבער ביי מיין אפּפאָרן וואָלט קיינער מיר ניט געזאגט אזא נביאות צו זאָגן.

און שפעטער, ווען אין פוילן האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט דער אנטיסעמיטיזם, ווען נאָך דער נאראדאווער דעמאָקראטיע האבן אנגעהויבן פריידיקן דעם אנטיסעמיטיזם די גאנצע אינ־טעליגענץ — נעמאיעווסקי, סווענטאכאווסקי, מאישטשענסקי א. א. וו.; ווען דער אנטיסעמיטיזם האט אנגעהויבן צו פארכאפּן די ארבעטער אזוי, אז פאר דער פּ. ס. ד. איז שווער געוואָרן צו קעמפן געגן דעם צווישן די ארבעטער און זי האט געוויזט דעם קאמף פירן בלויז אין איר ארגאַן „טריבונא“ דורך די ביישנדע ארטיקלען פון ראדעק; ווען אין פוילן האט אנגעהויבן אלץ שטאר־קער פארשפרייטן זיך דער באיקאט אויף אידן, דער לאזונג „סוואי דא סוואיעגא“ — דאן פלעגט זיך צייטנווייז ניט גלויבן, אז אט ניט לאנג זיינען די לאדזשער גאסן פול געווען מיט אידישע און פוילישע ארבעטער, וועלכע האבן אזוי מוטיק און געטריי געקעמפט געגן דעם אלגעמיינעם שונא, צונויפגעגאסן צוזאמען זייער בלוט. „רויטע בלעטער“.

י. מ. פאזנאנסקי

# „תמות נפשי עם פלשתים"

(אן עפיזאד פון לאדזשער „מאניעוטש")

דאס איז געווען אין דער צייט ווען רוסלאנד האט זיך געגרייט צו די וואלן צו דער צווייטער דומע. אימעטום איז אנגעגאנגען א פיבערהאפטע וואל־אגיטאציע, און כאטש ניט אלע סאציאליסטישע פארטייען זיינען געווען פאר באטייליגן זיך אין די וואלן, האט דער פראלעטאריאט וואס האט. דעם אמת געזאגט, געהאט א קנאפע דעה אין די וואלן, דאך געהאפט אז אין דער הויכע וועלן אויסגעקליבן ווערן וואס מער סאציאליסטן.

צו יענער צייט ד. ה. צום סוף פון יאר 1906 האט אויך די רעאקציע שוין געהאט אויפגעהויבן איר קאפ און אנגעהויבן איר בלוטיקע קאמפאניע פון אונטערדריקן די דורך די סאציאליסטן אויסגעקעמפטע פרייהייטן. דער פראלעטאריאט האט אומעטום ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד און געפרובט איינצוהאלטן די געוואונענע פאזיציעס. גאנץ באזונדערס שארף זיינען די ארויסטרעטונגען פון די ארבעטער געווען אין פעטערבורג וואו עס איז צווישן אנדערע פאליציי און מיליטער־לייט דער׳הרג׳עט געווארן דער גראדאנאטשאלניק פאן דער לאוניץ און דער הויפט מיליטער פראקוראר פאוולאוו.

אויך אין לאדזש האבן די ארבעטער מאסן ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד דער פאליציי און מיט דער גרעסטער מסירות נפש געמאכט אנשטרענגונגען זיך צו ארגאניזירן אין פראפעסיאנעלע פאראיינען.

די סאציאליסטישע פארטייען האבן דאן אין לאדזש געהאלטן זייערע פייאיקסטע אגיטאטארן און זייער הויפט ארבעט איז באשטאנען ארום די פראפעסיאנעלע פאראיינען וואו עס איז אמלייכטסטן געווען צו פירן א סאציאליסטישע פראפאגאנדע.

טאג־טעגלאר זיינען אפגעהאלטן געווארן אומלעגאלע פארזאמלונגען, אבער שוין ניט ערגעץ וואו אין די ענגע באלוטער דירות, נאר אין עפנטלאכע ערטער, ווי שולן, זאלן און שול געבוידעס א. ד. ג.

א גאנץ פאפולער פארזאמלונגס־ארט איז צו יענער צייט געווארן דער בנין פון יאראשינסקיס (פריער פאזנאנסקיס) תלמוד תורה אויף שרעדינג גאס און פון וועלכער שול עס זיינען ארויס פיל רעוואלוציאנערן.

איינמאל אין א פרייטיק צו נאכטס, בין איך אויך געקומען אויף א פארזאמלונג וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין דער תלמוד תורה. צו דער דאזיקער פארזאמלונג זיינען געקומען איבער הונדערט פערזאן מערסטנטייל דרוקער, איינבינדער און בוי פאכן, ווי מאלער א. ד. ג. פארהאנדלען האט מען ווי געווייגלאך געזאלט פראפעסיאנעלע פראגן, אבער אין דער אמת׳ן איז די פארזאמלונג פארוואנדלט געווארן אין א פאליטישן מיטינג. דעם טאן צום מיטינג האט געגעבן דער פראוויזאר און נאך אים האט באקומען דאס ווארט דער דאמאלסט זייער באליבטער ב. וולאדעק, וואס איז צווישן די מאסן באקאנט געווען אלס „דער יונגער לאסאל". ווען וולאדעק האט אנגעהויבן רעדן האט ער דעם פארזאמלטן עולם אריינגעבראכט אין אזא רעוואלוציאנערן

עקסטאז, אז עס האט זיך געפילט די זיכערקייט, אז זיי זיינען ווידער גרייט ארויסצוגיין אין גאס און ווידער בויען באריקאדן ווי זיי האבן דאס געהאט געטאן מיט עטלאכע חדשים פריער.

פלוצלונג ווען די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון עולם איז געווען געריכטעט אין וולאדעק׳ס זייט, און זיך געקוויקט מיט זיין אויסרוף: „תמות נפשי עם פלישתים”, זיינען אין זאל אריין סאלדאטן מיט פאליציי. אין דעם מאמענט איז אויסגעבראכן א פאניק, אבער וולאדעק׳ס אויסרוף צו בלייבן רואיק האט געווירקט און עס איז פארהיט געווארן א זיכערע בלוט־באד אויף וואס עס האבן זיך געגרייט די אויפגערייצטע סאלדאטן מיט זייערע ביקסן און די פאליציי מיט זייערע בלאנקע שווערדן.

ווען דער עולם האט זיך בארואיקט האט מען אלע פארזאמלטע רעווידירט און געזוכט געווער און אומלעגאלע ליטעראטור. זעלבסטפארשטענדלאך, אז מען האט ביי קיינעם גארנישט ניט געפונען, אבער דערפאר האט מען אין אלע ווינקעלאך פון זאל געפינען רעוואלווערן און אומלעגאלע פארטיי ליטעראטור, וואס די פארזאמלטע האבן באצייטנס אוועקגעווארפן.

דער פריסטאוו פון צווייטן איטשאסטאק אונטהאף, וואס איז צוליב זיין רויטער לאנגער בארד גערופן געווארן „דער חסיד”, האט אנגעפירט מיט דער אבלאווע, און ווען די רעוויזיע איז געווען געענדיקט, האט ער אונז אויף א „פיינעם” אופן געבעטן נאכצופאלגן די פאליציאנטן וואס האבן אונז ארויסגעפירט אין גאס. אונטן אין גאס זיינען מיר ארומגערינגלט געווארן פון קאזאקן און מען האט אונז אפגעפירט אין „מאניעזש” אויף יעקאטערינאבורסקא גאס.

דער „מאניעזש” וואוהין מען האט אונז געבראכט שפעט ביינאכט איז ניט געווען קיין טורמע. דאס איז געווען א צערקווע פאר סאלדאטן. בעת עס האבן זיך אנגעהויבן די גרויסע אדעסטן און עס זיינען פארפולט געווארן אלע טורמעס האט מען א סך פריוואטע הייזער ווי אויך די צערקווע, באקאנט אונטער דעם נאמען „מאניעזש”, פארוואנדלט אין א טורמע.

ווען מען האט אונז געבראכט אין „מאניעזש” זיינען שוין דארטן געווען פאדשפארט א סך מענטשן. צווישן די אדעסטירטע האבן זיך אויסער סאציאליסטן אויך געפונען פיל ענדעקעס, וואס זיינען ארעסטידט געווארן פאר פראפאגאנדע זיך אפצורייסן פון רוסלאנד. אונזער אנקומען אין „מאניעזש” האט דארט ארויסגערופן א שטארקע אויפלעבונג. מען קען זאגן, אז דער „מאניעזש” איז פארוואנדלט געווארן אין א מין „פאליטישן אוניווערסיטעט” פון וועלכן ב. וולארעק איז געווען דער הויפט „פראפעסאר”. באזונדערס לעבעדיק זיינען געווען די דיסקוסיעס וועגן די פארטיי פראגראמען.

עס האט זיך געהאלטן ביים אנרוקן דער טאג פון דעם ערשטן יארצייט פון 9טן יאנואר, ווען דער גלח גאפאן האט ארגאניזירט די דעמאנסטראציע צום צארישן פאלאץ אין פעטערבורג און וואס האט זיך אזוי בלוטיק געענדיקט. צום דאזיקן טאג זיינען באצייטנס געמאכט געווארן פארבארייטונגען. צום באשטימטן טאג זיינען אלע ארעסטאנטן פריער אויפגעשטאנען פון זייערע שטרויענע געלעגערס, אויף גיך אפגעגעסן דאס מאגערע טורמע אנבייסן און זיך גרייט געמאכט צום פייערן דעם יארצייט.

ביי דער מזרח וואנט פון „מאניעזש” איז געשטאנען א לייטער און הארט ביי איר אויף דער ערד האבן געהאט זייער „מקום מנוחה” די פירעד, ווי דער „יונגער לאסאל”, „נה דער פראוויזאר” און אנדערע.

באלד נאך דעם אנבייסן האבן זיך אלע פארזאמלט ארום דעם לייטער אויף וועלכן וולאדעק האט זיך ארויפגעכאפט און אנגעהויבן זיין רעדע וועגן דער באדייטונג פון 9טן יאנואר. דער איינדרוק פון דער דאזיקער באגייסטערטער רעדע וועט אייביק בלייבן אין מיין זכרון.

אין „מאניעזש” האבן מיר פארבראכט עטלאכע וואכן. פיל פון אונז האט מען אויף אן אדמיניסטראטיוון אופן אפגעשיקט קיין סיביר פאר דער צייט פון קריגס־צושטאנד און פיל אין די ערטער פון די געבורין שטעט. דער דאזיקער וועג איבער טורמעס און פאליציי ארעסטן איז געווען פיל שרעקלאכער ווי אין „מאניעזש” וואו מיר האבן דאך געלעבט ווי מענטשן און וויי מיר האבן באקומען אונזערע פאליטישע אויסבילדונג.

גוסטאַוו אייזנער

# כראָנאָלאָגיע פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין לאָדזש פון די יאָרן 1905–6

איך וויל דאַ מאַכן אַ פּרואוו פון רעגיסטרירן די וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען אין לאָדזש פאַר די יאָרן 1905־6, די שטורמישסטע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

ביים צונויפשטעלן דיזאָזיקע דאַטן, האָב איך זיך באַנוצט מיט מ. פלאָכאַצקיס אַ ענלאַכע אַרבעט, געדרוקט אין זשורנאַל „זיפּאָלאַ וואָלקי, נומער 12־11, (מאָסקווע, 1931), מיט וו. ל. בורצעוו'ס קאַלענדאַר פון דער רוסישער רעוואָלוציע, מיט קאָמפּלעטן פון דער דייטשער „ניי לאָדזשער צייטונג“ פון יענער צייט, מיט סטאַניסלאַוו מאַרטינאָווסקיס פּויליש ביכער: „דער קאַמף פאַר פרייהייט“ און „לודזש וו אָגניו“ (לאָדזש אין פייער) יאַן קוואַפינסקיס בוך „אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ, קאַטאָרגאַ רעוואָלוציאַ ראָסיסקאַ“, מיט פּראָקלאַמאַציעס פון יענער צייט, מיט קאָפּיעס פון פּאָליציייאישע באַשולדיקונגס־אַקטן פון יענע יאָרן אין לאָדזש, וואָס מיר איז געלונגען צו באַקומען פון דער הויפּט פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּוילן און אַנדערע קוועלן.

חוץ דעם האָבן דיזאָזיקע מאַטעריאַלן אָפּגעפרישט אין מיין זכרון אַ סך פּאַסירונגען, וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט. איך האָב רעדיבעד געקענט אַריינברענגען צו דיזאָזיקע כראָנאָלאָגיע פאַקטן, וואָס זיינען אין די דערמאָנטע קוועלן ניט דערמאָנט געוואָרן.

## יאַנואַר 1905

8. מאַסן פאַרזאַמלונגען. מען האָט געפאָדערט פּאָליטישע פרייהייט.
9. עקאָנאָמישע סטרייקס. אין שטייגער'ס פאַבריק האָט מען פאַרסטרייקט צוליב אַן אַרויסגעוואָרפענעם מייסטער. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע און מען האָט פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס.
15. אויף דעם נייעם מאַרק האָט זיך אָנגעהויבן אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער מאָביליזאַציע פון זאַפּאַסנע זעלנער. בעת די דעמאָנסטראַנטן זיינען אַרויס אויף פּעטריקאָווער גאַס האָט דער פּריסטאַוו שטשעראָוויטש דערשאָסן דעם פאָנען־טרעגער מאָטעס בזשעזשינאַק, אַ שוסטער מיטגליד פון פּ. פּ. ס.
17. עס וואַקסן די עקאָנאָמישע סטרייקס.
20. אין שטאָט פאַרמערן זיך זעלבסטמאָרדן. די סיבה איז די נויט.
25. אין פיל אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האַלט מען צוריק דאָס אויסצאָלן פון לוין צוליב מאַנגל אין געלט.
28. לויט אָפיציעלע ציפערן סטרייקן איבער 100,000 אַרבעטער. עס פונקציאָנירן ניט די עלעקטרישע פאַנען און עס זיינען אויך ניט דערשינען קיין צייטונגען. אין פאַרלויף פון די לעצטע פיר טעג האָט מען אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט מיליטער פאַרשטאַרקונגען. אין די פאַבריקן זיינען אַרויסגעהאַנגען געוואָרן מעלדונגען, אַז די פאַבריקאַנטן זיינען גרייט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרבעטער, „אַנערקענענדיק זייער שווערע לאַגע“. די צאָל פון פּראָצעסן אין די געריכטן צוליב ניט צאָלן דירה געלט האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט.

אין באַביאַנקין איז אין הויף פון קינדלער'ס פאַבריק געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט מיליטער, בעת וועלכן דער אַרבעטער וויים איז דער'הרג'עט געוואָרן און 7 אַרבעטער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.
29. עס פאַרמערט זיך די צאָל צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעטער און מיליטער. פרויען נעמען אָן אַקטיוון אָנטייל אין די דעמאָנסטראַציעס.
30. אין פאַרלויף פון מאָנאַט האָט די „גיכע הילף“ אָפּגעראַטעוועט 126 מענטשן וואָס זיינען געפאַלן אין חלשות צוליב הונגער. פאַר די סטרייקנדע אַרבעטער איז צווישן דער באַפעלקערונג געזאַמלט געוואָרן איבער 5000 רובל. סימפּאַטיקער פון פּ. פּ. ס. און ס. ד. האָבן געגרינדעט אַ פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט „קרוישינאַ כלעבאַ“ (אַ שטיקל ברויט).

די יטשאט און אומגעגענט איז דערקלערט געווארן אין „פארשטארקטן אויסנאמס צושטאנד“

12. די ס״ד האט ארויסגעשטעלט א פאדערונג, אז מען זאל די ארבעטער צולאזן אין דער פאבריק איבגעשטעלט

אין דער געגנט פון גייערס מארק אטאקירן ארבעטער די פאליציי וואך. 2 ארבעטער זיינען דער׳הרג׳עט געווארן און 3 האבן באקומען וואונדן. דער סטרייק נעמט אן אן אלגעמיינעם כאראקטער. עס סטרייקן איבער 100,000 ארבעטער און די שטאט זעט אויס ווי אפגעשטארבן עס גייען ניט קיין טראמוואיען, די געשעפטן זיינען פארמאכט און צייטונגען דערשיינען ניט. דער סטרייק האט אויך ארומגענומען פאביאניץ.

## פעברואר

1. איבער 72,000 ארבעטער פון ארום 280 קלענערע פאבריקן האבן זיך צוריק געשטעלט צו דער ארבעט. מען האט זיי געהעכערט דעם לוין און פארקלענערט די ארבעטס צייט. עטוואר מענטשנוויסן מיט מיליטער פארמערן זיך.

די צאל פון פראטעסטירטע וועקסלען און באנקראטן וואקסט.

3. אין דער ווידזעווער מאנופאקטור פאבריק איז געקומען צו א בלוטיקן צוזאמענשטויס מיט קאזאקן. דריי זיינען דער׳הרג׳עט געווארן. מיליטער וואס איז אנגעקומען צו הילף די קאזאקן האט געשאסן אויף די ארבעטער און דער׳הרג׳עט ניין און פארוואונדעט צוואנציק. די פארשטאט ווידזעוו איז במעט אפגעשניטן פון שטאט.

עס האט זיך געענדיקט דער פאליטישער סטרייק און עס הויבן זיך אן עקאנאמישע סטרייקס. די ארבעטער פאדערן אויך ארבעטס לוין פאר דער צייט פון פאליטישן סטרייק. אין די פאבריקן פארטרייבן די ארבעטער די פארהאסטע מייסטערס. אין פיל פאבריקן האט מען די דאזיקע מייסטערס איינגעפאקט אין זעק און ארויסגעפירט פון פאבריק אויף באשטראפט

9. אויף א פארזאמלונג פון פאבריקאנטן אונטער דעם פארזיץ פון גובערנאטאר מילער איז באשלאסן געווארן צו פארקלענערן דעם ארבעטס טאג אויף 10 שעה און צו העכערן דעם ארבעטס לוין פון 5 ביז 15 פראצענט.

13. עס זיינען ווידער פארגעקומען צוזאמענשטויסן מיט מיליטער און ארבעטער. אין שטאט האט מען ווידער געבראכט מיליטער פארשטארקונגען און פייער הונדערט דאנער קאזאקן די פ. פ. ס. רופט די ארבעטער זיך צו באוואפענען.

15. בעת א צוזאמענשטויס צווישן דעם מיליטער און די ארבעטער פון הויגעל און קיניצעס און פון דער גאז אנשטאלט זיינען דער׳הרג׳עט געווארן 5 ארבעטער און 26 זיינען פארוואונדעט געווארן. צוליב דער שחיטה איז אויסגעבראכן א פראטעסט סטרייק מיט וועלכן עס האבן זיך סאלידאריזירט די ארבעטער פון זגערזש, פאביאניץ און טאמאשאוו.

21. לויט אפיציעלע ציפערן זיינען בעת 12 צוזאמענשטויסן צווישן מיליטער און ארבעטער אין דער תקופה פון 15טן ביזן 31טן יאנואר פארוואונדעט געווארן 83 פערזאן, 15 זיינען דער׳הרג׳עט געווארן און 12 זיינען געשטארבן פון וואונדן.

23. נאכפאלגנדיק דעם ביישפיל פון אנדערע באנען, האבן אויך פארסטרייקט די אנגעשטעלטע פון דער לאדזשער פאבריק באן.

עס פארמערן זיך די אנפאלן אויף פאליציי בעאמטע. די אנפאלן פירט דורך די פ. פ. ס

28. א גרויסע צאל פאבריקאנטן איז אוועקגעפארן אין אויסלאנד און זייערע פאבריקן זיינען פארמאכט געווארן.

## מערץ

3. צוליב א קאנפליקט פון די ארבעטער מיט דער אדמיניסטראציע פון פאזנאנסקי׳ס פאבריק, האט די לעצטע ארויסגערופן קאזאקן וועלכע האבן מיט שווערדן פארוואונדעט 14 ארבעטער

עס האבן פארסטרייקט די בעקער ארבעטער. אין שטאט געפינט זיך א רעזערוו פון 6 פיעכאטע פאלקן, 1200 קאזאקן, 2 קאמפאניעס דראגונער און 2 באטעריעס ארטילעריע. אין די טעאטערס האט מען נאך אן איבעררייס פון דריי וואכן ווידער אנגעהויבן שפילן.

4. באמבעס זענען געווארפן געווארן אין פאזנאנסקי׳ס פאלאץ און אויך אין זילבערשטיינ׳ס פאבריק ביורא.

9. די עקאנאמישע סטרייקס פון ליין־הענדלער, זעצער, פארמאציסטן און באנק אנגעשטעלטע האט זיך געענדיקט מיט א זיג פאר די ארבעטער.

15. ארטיגע פאבריקאנטן האבן באשלאסן אויף זייער היבגון אויסצוהאלטן דאס מיליטער אין שטאט

לויט אפיציעלע דאטן זיינען אין פארלויף פון לעצטן אלגעמיינעם סטרייק דער'הרג'עט געווארן 18 מענטשן און פארוואונדעט 62.

25. סטאטיסטישע דאטן ווייזן אז אין שטאט ארבעטן 50,530 ארבעטער אין 459 פאבריקן.

אין פיל פאבריקן ארגאניזירן זיך די ארבעטער צו באקעמפן שיבֿרות.

27. איבער 22,00 ארבעטער לעבן פון שטיצע וואס זיי באקומען פון פילאנטראפישע אנשטאלטן.

## אפריל

1. אויף דלוגא גאס, נים ווייט פון דער טורמע, האבן באיאוועצעס פון פ. פ. ס. מיט א כאסבע דער'הרג'עט דעם פריסטאוו פון 2טן אוטשאסטאק שאטאלאוויטש, וואס האט דעם 15טן יאנואר בעת א דעמאנסטראציע דערשאסן דעם פאנען־טרעגער מאמאיש כושענושאק. מאטעאוש באריאש, וואס האט אנגעפירט מיט דעם נקמה אקט אויף שאטאלאוויטש'ן, איז אין יאר 1908 אויפגעהאנגען געווארן אין טורמע אויף דלוגא גאס.

6. דער עקאנאמישער קריזיס פארשטארקט זיך. די באלעבאטים פון די אפרעטור און פארבעריי פאבריקן האבן זיך ארגאניזירט אין א סינדיקאט.

12. עס פארמערן זך די אנפאלן אויף פאליציי כאאמטע. די פאבריקאנטן האבן באקומען גרויסע באשטעלונגען פון רוסלאנד.

15. די הויז לאקאטארן האבן זיך ארגאניזירט אין א פאריין און באשלאסן צו פארקלענערן דאס דירה געלט. אויסצאלנע פערזאנען דרוקן אנאנסן אין די ציישונגען, נים צו דינגען די דירות וואו זיי וואוינען. אויב זיי וועלן דאס טאן, וועלן געגן זיי אנגענומען ווערן די געהעריגע מיטלען.

דער באיקאט אויף בראנפן פארברייטערט זיך צווישן ארבעטער.

22. אין דער ווידזעווער געגנט האבן זיך געגרינדעט א „פאטרול" פון באלעבאטים פון קליינע וועבער ווארשטאטן. דער דאזיקער „פאטרול" האט אין פארלויף פון עטלאכע טעג איבער־געגעבן דער פאליציי ארום 20 ארבעטער. אין דער ווידזעווער מאנופאקטור פאבריק איז דערקלערט געווארן א לאקאוט און קנאפע 5000 ארבעטער זיינען געבליבן ארבעטסלאז. די שוסטער ארבעטער איבעטער סטרייקן און פארערן צווישן אנדערן א 10 שעה'דיקן ארבעטס טאג

29. אויף פיל פאבריקן האבן זיך די פאבריקאנטן, אין צוזאמענהאנג מיט דעם עקאנאמישן סטרייק, אפגעזאגט צוריק צו נעמען צו דער ארבעט עטלאכע טויזנט ארבעטער צוליב דעם פארדאכט, אז זיי האבן אגיטירט פאר דעם סטרייק. די שטערבלאגקייט צווישן ארבעטער קינדער האט זיך ווייטער שטארק פארגרעסערט. סאציאליסטישע פארטייען גרייטן צו די ארבעטער צו דער פייערונג פון 1טן מאי.

## מאי

1. דעם ערשטן מאי האבן געסטרייקט די גרעסטע צאל פאבריקן. ערב דעם ערשטן מאי איז אויף זשעלאזנא גאס געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי בעת וועלכער עס זיינען געווען 5 קרבנות. א רעוואלווער איז שווער פארוואונדעט געווארן. אין עטלאכע פונקטן פון שטאט זיינען פארגעקומען גאסן דעמאנסטראציעס. בעת די דעמאנסטראציעס זיינען געווען 3 קרבנות. אויף גלובנע גאס האבן אויפגערעגטע ארבעטער אויסגעפירט א נקמה אקט אויף דעם געהיים אגענט אבטאני קאמינסקי. עטלאכע פאליציאנטן זיינען אויך פארוואונדעט געווארן.

2. בעת דער דעמאנסטראציע אויף וושכאדניע גאס (היינט פילסודסקי גאס) זיינען בעת א שיסעריי דורך קאזאקן פארוואונדעט געווארן א געוויסע ראפאפארט, פייגע בארנשטיין און הערצקאוויטש. מיט עטלאכע שעה שפעטער איז אויף דער זעלבער גאס פון רעוואלווער שאסן שווער פארוואונדעט געווארן דער רעווירעוואי וואסילי פאגיאטאווסקי.

3. בעת א דעמאנסטראציע, צוליב דעם פויליש נאציאנאלן יום טוב איז פארגעקומען א פאר טויטשע דעמאנסטראציע. מיליטער איז באפאלן די דעמאנסטראנטן און געשאסן. 15 מענטשן זיינען פארוואונדעט געווארן.

6. אין די פאבריקן קומט צו צוזאמענשטויסן מיט מיליטער וואס באוואכט זיי. אויף דריי געהיים אגענטן זיינען אויסגעפירט געווארן נקמת אקטן.

9. עס האט זיך ווידער פארגרעסערט די צאל עקאנאמישע סטרייקן. צווישן אנדערע סטרייקן די בלעכער, מויערער, שניידער, בעקער, לײַנ־וועבער, וועשערס און הויז וועכטער.

10. אויף דער געלט און אקציע בירזשע הערשט א פאניק. די רעגירונגס באנק האט געשיקט צום פראטעסט וועקסלען פאר איבער 30,000 רובל.

11. צוליב דעם וואס די פאבריקאנטן ווילן נים דורכפירן אין לעבן די צוגעזאגטע באריגונגען, האבן א סך ארבעטער אויפסניי פארסטרייקט

15. די פ. פ. ס האט דורכגעפירט עטלאכע אנפאלן אויף פאליציי באאמטע.

17. אויף לואיזא גאס איז דערשאסן געווארן דער רעוואלוציאנער סטעפאן פאלאדוכין.

20. אין די גרויסע פאבריקן פון שייבלער, גראמאן, זילבערשטיין און ריכטער האבן די ארבעטער ארויסגעשטעלט פאדערונגען דורכצופירן אין דער פראקטיק די אויסגעקעמפטע בעסערע ארבעטס באדינגונגען, און אויך די באפרייאונג פון די ארעסטירטע בעת דעם סטרייק.

26. בעת א צוזאמענשטויס מיט מיליטער איז אין גראמאנ'ס פאבריק דער'הרג'עט געווארן דער ארבעטער יעזשי גראבטשינסקי.

27. אין דער ווידזעווער מאנופאקטור פאבריק זיינען די סטרייקנדע ארבעטער צוליב דעם הונגער, וואס האט געהערשט צווישן זיי, געצוואונגען געווען צוריק צו גיין צו דער ארבעט אויף די אלטע באדינגונגען. אויף דער פאבריק האט מען פארשטארקט די מיליטער וואך און פיל פאבריק פארטרייבן די ארבעטער די פארהאסטע מייסטער.

28. טויזנטער ארבעטער, מיט געזאנג און רעוואלוציאנערע לידער, האבן זיך באטייליקט אין דער לויה דעמאנסטראציע פון ארבעטער יעזשי גראבטשינסקי וואס איז דורך מיליטער דערשאסן געווארן אין גראמאנ'ס פאבריק.

29. לויט דער סטאטיסטיק פון דער פאבריק'ס אינספעקציע סטרייקן אין שטאט איבער 30.000 ארבעטער.

31. דער עקאנאמישער סטרייק נעמט אן אן אלגעמיינעם כאראקטער.

# יוני

1. לויט דער אפיציעלער סטאטיסטיק סטרייקן אין 42 פאבריקן איבער 33,000 ארבעטער. אין די פאבריקן קומען פאר אגיטאציע פארזאמלונגען פון עטלאכע טויזנט פערזאן.

2. בעת צוזאמענשטויסן מיט מיליטער זיינען צוויי ארבעטער דער'הרג'עט געווארן. אין דער ווידזעווער מאנופאקטור פאבריק איז ווידער דערקלערט געווארן א לאקאוט.

3. די צאל סטרייקנדע אין 49 פאבריקן באטרעפט 34,332. דער סטרייק איז א רעזולטאט דערפאר וואס זיי ווילן ניט באצאלן פאר דער צייט פון פאליטישן סטרייק.

11. אין שייבלער'ס פאבריק איז דערקלערט געווארן א לאקאוט און עס זיינען געבליבן אן ארבעט ארום 5000 ארבעטער.

13. א דעמאנסטראציע איז פארגעקומען אויף א לויה פון אן ארבעטער וואס איז געשטארבן פון די וואונדן וואס ער האט באקומען בעת דער מאי דעמאנסטראציע.

15. דערקלערט אין שטאט באלאגערונגס צושטאנד און אלס דיקטאטאר פון שטאט איז באשטימט געווארן גענעראל שיטלאווסקי. אריף זיין באפעל האבן אלע טויערן פון די הייזער א גאנצן טאג געמוזט זיין געשלאסן, פרעמדע האבן זיך אין פארלויף פון דריי שעה געמוזט מעלדן ביי דער פאליציי; ארבעטער, וואס האבן ניט געקאנט נאכווייזן אז זיי האבן ארבעט, האבן אין פארלויף פון דריי טעג געמוזט פארלאזן די שטאט. פארזאמלונג און ד. ג. זיינען שטרענג פארבאטן געווארן.

18. א קאזאקן פאטרול איז אויף זאוואדזקא גאס אין באלוט באפאלן אן ארבעטער דעמאנסטראציע וואס איז אהין אנגעקומען פון לאגעווניקער וואלד. בעת דער שיסעריי זיינען געפאלן 11 טויטע און א סך פארוואונדעטע. עס איז דער'הרג'עט געווארן דער זשאנדארם איוואן פרימירענטשענקא, וואס האט דער ערשטער געשאסן אויף די דעמאנסטראנטן.

20. עס איז פארגעקומען די לויה פון די 5 קרבנות וואס זיינען אומגעקומען בעת דער זונטאגדיקער דעמאנסטרציע אין באלוט. צוליב דער לויה האבן פארסטרייקט אלע פאבריקן און איבער 50,000 ארבעטער האבן מיט רויטע און שווארצע פאנען אנטייל גענומען אין דער דעמאנסטראציע. אויף דעם צמענטאזש זיינען געהאלטן געווארן רעדעס פון פיל באוואוסטע סאציאליסטן. דעם זעלבן אוונט האט מען אויף שרעדניא גאס גע'הרג'עט א קאזאק און אויף שטייבלער'ס מארק צוויי סאלדאטן, א רעזערוויסט און א געהיים אגענט.

21. פון פאזנאנסקי־שפיטאל האט געזאלט פארקומען די לויה פון די אידישע קרבנות, וואס זיינען געפאלן בעת דער זונטאקדיקער דעמאנסטראציע. די ארבעטער, וואס האבן זיך פארזאמלט ארום שפיטאל, האבן זיך דערוואוסט אז די פאליציי האט די קרבנות ארויסגעפירט פון שפיטאל און אליין באגראבן. די פארזאמלטע האבן זיך פארמירט אין א דעמאנסטראציע און מארשירט דורך שרעדניא און נייען מארק אויף סטריקאווער גאס. די צאל דעמאנסטראנטן האט באטראפן ארום 100,000 אויף פוסטא גאס האבן קאזאקן פארהאקט די דעמאנסטראנטן מיט א ווילדער שיסעריי. עס זיינען פארוואונדעט געווארן עטלאכע הונדערט מענטשן און איבער הונדערט זיינען געפאלן טויטע אדער געשטארבן פון די וואונדן. דער טאג איז באצייכנט געווארן אלס דער „בלוטיקער מיטוואך”.

22. די סאציאליסטישע פארטייען רופן צו אן אלגעמיינעם סטרייק. אין אונגארן האט מען אין פאריזידענטע שטאט טיילן אנגעהויבן בויען באריקאדן און פארברענגען די שנאפס מאגאזינען אין פיל גאסן צוהאקט מען די גאז לאמטערנס. גרויסע שיסעריי קומען פאר ארום די באריקאדן אויף וואבאדניא און פאלודניאווע גאסן, וואס זיינען באוואוינט פון אידן און אויך אין די פאבריק געגנטן. עס ווערט ארויסגעוויזן א שטארקער־ווידערשטאנד דעם מיליטער און פאליציי. עס זיינען דא קרבנות פון ביידע צדדים.

23. עס דויערן ווייטער די באריקאדן קאמפן. דאס צעווילדעוועטע מיליטער שיסט און רעכטס און לינקס. די גאסן זיינען פול מיט פארוואונדעטע און טויטע. די שפיטאלן זיינען אזוי איבערפילט, אז מען לייגט שוין די פארוואונדעטע אויף דער ערד. קאזאקן שיסן אין די פענסטער פון פריוואטע דירות און עס פאלן ווידער קרבנות. די צאל טויטע און פאר־וואונדעטע קאן מען ניט פעסטשטעלן. אין שטאט איז דערקלערט געווארן קריגס־צושטאנד.

24. די לעצטע באריקאדן זיינען געפאלן און דאס מיליטער באהערשט די שטאט. עס קומען פאר הונדערטער לויות און קיינער אויסער די נאענטסטע קרובים טאר זיך אין זיי ניט באטייליקן. מען הויבט אן פארריכטן די צוהאקטע גאז לאמטערנס. די שטאט זעט אויס ווי אפגעשטארבן. נאך 8 אזייגער אין אווענט טאר מען זיך ניט ווייזן אין גאס. עס קומען פאר מאסן ארעסטן און די פאליציי פייניקט שרעקלאך די ארעסטירטע. איבער 15.000 מענטשן זיינען אנטלאפן פון שטאט.

25. לויט אפיציעלע ציפערן זיינען בעת די אומרוען געה׳רג׳עט געווארן 100 מענטשן. 152 זיינען פארוואונד׳עט געווארן.

20. אויף דעם קריסטלאכן בית עולם זיינען רעגיסטרירט געווארן ארום 100 און אויף דעם אידישן 82 טויטע, וואס זיינען אומגעקומען בעת די רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען.

27. עס האט זיך געענדיקט דער גענעראל סטרייק און אין די פאבריקן ווערט געארבעט נארמאל די צאר פון נקמה אקטן איבער פאליציי און מיליטער פארשטארקט זיך. איבער דעם גאנצן לאנד קומען פאר סטרייקן אלס פראטעסט געגן דער לאדזשער שחיטה.

## יולי

2. ניט קוקנדיק אויף דעם קריגס צושטאנד און אויף די שרעקליכע רעפרעסיעס, פירן די סאציאליסטישע פארטייען אן אן אקטיווע ארבעט. די ארבעטער בירזשעס האבן זיך אריבער־געטראגן אויף נייע גאסן און קומען פאר רעגולערע.

8. די רעגירונג האלט אין שטאט ארום 20.000 מיליטער לייט. די רייכע מענטשן האלטן אין פארלאזן די שטאט

10. די „גאזעטא ווארשאווסקא", דער ארגאן פון די נאראדאווע דעמאקראטן, רופט צו א פאגראם אויף אידן. דער רעדאקטאר פון דער צייטונג עשנאווסקי, וואס האט באזוכט די שטאט נאך די באריקאדן קאמפן, באשרייבט אז ניט א טאג פריער האבן אידן פארקויפט געווער צו קריסטלאכע ארבעטער „צו אויסערגעוויינלאך ביליקע פרייזן" און זיי געצוואונגען זיך צו באטייליקן אין די בלוטיקע קאמפן.

18. אין דער אינדוסטריע און האנדל הערשט א שטארקע אויפלעבונג צוליב דער גרויסער צאל באשטעלונגען וואס זיינען אנגעקומען פון די ווייטע רוסישע מקומות. סחורה ווערט פארקויפט נאר פאר מזומן. אין די פאבריקן, וווא מען סטרייקט ניט, ווערט געארבעט אין צוויי שיכטן.

27. אין גראמאנ׳ס פאבריק איז ווידער אויסגעבראכן א סטרייק.

## אויגוסט

2. צוליב די גרויסע באשטעלונגען אויף מאנופאקטור פילט זיך א מאנגל אין ארבעטער. דער דורכשניטלאכער פארדינסט פון א וועבער איז פון 54 ביז 80 קאפ. א טאג. פיל מענטשן פארן ארויס אין די איבערלענדישע קור ערטער.

5. טראץ די שרעקלאכע רעפרעסיעס ווערט געפירט אן אקטיווע סאציאליסטישע פראפאגאנדע אין די גרויסע פאבריקן פון פאזנאנסקי, שייבלער, גייער, גראמאן און אנדערע האט מען ביי די ארבעטער פראבירט צו רייסן דעם אויסגעקעמפטן העכערן לוין, אבער די ארבעטער האבן ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד. דריי מיליטער באלקן, אין וועלכע עס האט אריינ־געדרונגען די סאציאליסטישע פראפאגאנדע, האט מען איבערגעפירט אויף דער פראווינץ.

21. אין צוזאמענהאנג מיט דעם דעקרעט וועגן דער גאסודארסטווענע דומע איז אויסגעבראכן א פאליטישער סטרייק און עס האבן זיך אפגעשטעלט אלע פאבריקן, און עס זיינען אויך ניט ערשינען די צייטונגען.

27. צוליב די סטרייקס האבן די סוחרים געהעכערט די פרייזן פון סחורות.

## סעפּטעמבער

4. עס האָט אויסגעבראָכן אַן עקאָנאָמישער סטרייק. דאָס איז דער ערשטער סטרייק זינט דער צייט, וואָס אין שטאָט איז דערקלערט געוואָרן קריגס צושטאַנד. עס סטרייקן די אַרבעטער אין די פאַבריקן פון גראָמאַן, בעניק, ראַנקע און אַנדערע פאַבריקאַנטן.

7. אין דער נאַכט פון 7טן אויף דעם 8טן האָט מען אין וואַרשעווער ציטאַדעל אויסגעפירט דעם טויט אורטייל אויף מאַרטין קאַספּשאַק, וואָס איז געווען טעטיק צווישן די לאָדזשער אַרבעטער.

8. אין דער וועקרושער האַנדלס שול האָט מען אויסגענומען 82 שילער, וואָס מען האָט אויסגעשלאָסן פון דער לאָדזשער האַנדלס שול, וואו זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז די אונטעריכטס שפּראַך זאָל זיין פּויליש.

17 אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שלום טראַקטאַט מיט יאַפּאַן, הערשט אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין האַנדל און אינדוסטריע.

21. די גרויסע פאַבריקאַנטן האָבן דערקלערט אַ לאָקאַוט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם לאָקאַוט האָבן די פאַבריקאַנטן געהעכערט אויף 10 פּראָצענט דעם פּרייז פון די סחורות.

29. דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס אין צוזאַמענהאַנג מיט די מסירות פון די חסידים אויף די אַרבעטער.

30. אויף רוג גלובנאַ און נאַווראָט האָט מען אין אוונט אין טראַמוואַי דערשאָסן דעם פאַבריקאַנט יוליוס קיינער. פון די צוויי אַרבעטער, וואָס האָבן אויף אים געשאָסן, האָט מען איינעם, אדאָלף שולץ, אַרעסטירט.

## אָקטאָבער

2. מאַלעבאַטים פון קליינע וואַרשטאַטן, אין וועלכע די אַרבעטער און לערן אינגלאַך האָבן אויסגעקעמפט צו עסן אויף דער „פרייַ", צווינגען איצט די דאָזיקע אַרבעטער און לערן אינגלאַך, אַז זיי זאָלן עסן אין די וואַרשטאַטן.

3. אויף דעם געלט מאַרק פילט זיך אַ שטאַרקער מאַנגל אין מזומן.

26. אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן אין רוסלאַנד, ווי צ. ב. דער אויפשטאַנד אויף דער שיף „פּאָטיאָמקין" און אַנדערע וויכטיקע געשעענישן אאַז"וו איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער סטרייק. עס סטרייקן איבער 100,000 אַרבעטער. אַלע געשעפטן זיינען פאַרמאַכט. די טראַמוואַיען קורסירן ניט, עס פונקציאָנירן אויך ניט די אייזנבאַנען און די פּאָסט און טעלעגראַף. די שטאָט רוט און טויזנטער דעמאָנסטראַנטן מאַרשירן מיט רויטע פאָנען איבער די גאַסן. די רייכע אַנטלויפן ווידער אין פּאַניק פון שטאָט. צוליב דעם וואָס די באַנען שטייען, אַנטלויפט מען אויף דראָשקעס א. ז. ג.

28. פון ציטונגען, וואָס מען האָט געכאַפּט אויף פרייער פון וואַרשע, דערוויסט זיך די שטאָט וועגן די הערואישע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון די סאָציאַליסטן אין פיל רוסישע שטעט. דער אַלגעמיינער סטרייק האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

30. עס איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן דער מאַניפעסט וועגן אַ קאָנסטיטוציע. עס קומען אויך גליקלעכע ידיעות וועגן פּאָגראָמען אין אָדעס, קיעוו, יעליסאַוועטגראַד, בערסאָן און אין אַנדערע שטעט.

## נאָוועמבער

1. בעת אַ דעמאָנסטראַציע אויף פּעטריקאָווער גאַס איז ניט ווייט פון פּושעיאַזד גאַס געקומען צו אַ שיסעריי בעת וועלכער עס זיינען דער'הרג'עט געוואָרן בראָניסלאַוו זילבער און ישראל לעווקאָוויטש. עטלעכע פּערזאָן זיינען אויך פאַרוואונדעט געוואָרן.

1. אַן אויפגערעגטע, אָבער צוגלייך אַ געהויבענע שטימונג צוליב דער בלוטיקער שחיטה אין וואַרשע בעת אַ דעמאָנסטראַציע אויף דעם טעאַטער פּלאַץ. אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַרשעווער געשעענישן און די געשעענישן אין רוסלאַנד, ווי אויך אונטער דעם איינפלוס פון פּעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער דעלעגאַטן, זיינען אין שטאָט פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן מיליטער און דעמאָנסטראַנטן וואָס האָבן געפאָדערט אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע.

6. דער פּאָליטישער סטרייק דויערט ווייטער. פון די היגע טורמעס זיינען באַפרייט געוואָרן 49 פּאָליטישע אַרעסטירטע. אין וואַרשע איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע פעליקס דזשערזשינסקי, וועלכער איז געווען אַרעסטירט אין לאָדזש. אין גרויסן טעאַטער, גרויסן קאָנצערט און אַנדערע טעאַטערס און זאַלן קומען פאָר סאָציאַליסטישע מיטינגען.

7. היינט איז פארגעקומען א גראנדיעזע לויה דעמאנסטראציע פון בראניסלאוו זילבער און ישראל רעזיקאוויטש, וואס זיינען מיט צוויי טעג פריער אומגעקומען בעת א שיסעריי וואס איז פארגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט דעם מאניפעסט וועגן דער קאנסטיטוציע. פאליציי און מיליטער לייט, וואס האבן געזען פארביי מארשירן די דעמאנסטראנטן, האבן זיך פארהאלטן רואיק און אין פיל פאלן באגריסט די רויטע פאנען.

די פאבריקאנטן האבן נאכגעגעבן די פאדערונג פון די ארבעטער זיי צו באצאלן פאר דער צייט פון פאליטישן סטרייק, בעת זיי האבן נים געארבעט.

8. אין צוזאמענהאנג מיט דעם וואס מען האט זיך געשראקן, אז אויך אין לאדזש וועט די פאליציי, ווי אין פיל אנדערע שטעט, פירן צו א פאגראם, האט זיך אין שטאט געגרינדעט א זעלבסטשוץ. פון דער זעלבסטשוץ ווערן באוואכט די גאסן און אויך די הויפן. פיל מענטשן אנטלויפן אין שרעק פון שטאט. די סאציאליסטישע פארטייען האבן ארויסגעלאזט פראקלאמאציעס געגן די פאגראמען אויף אידן. אויף די צייטונגס קיאסקן האבן זיך באוויזן טעגלאכע און וועכנטלאכע צייטונגען וואס עס האבן עפנטלאך אנגעהויבן ארויסצוגעבן די סאציאליסטישע פארטייען.

9. היינט זיינען צום ערשטן מאל דערשינען די לאקאלע צייטונגען אן א פארצענזור.

10. אין גרויסן קאנצערט זאל איז פארגעקומען אן עפנטלאכער סאציאליסטישער מיטינג. דער זאל איז געווען איינגעשטופט אין רויטע פאנען פון אלע פארטייען.

15. פאליציי האט אנגעהויבן פארנאנדער טרייבן מיטינגען וואס זיינען אומגעשטערט פארגעקומען אין פארלויף פון די לעצטע צוויי וואכן.

16. די פאליציי האט פארבאטן דעם צייטונגס פארקויף אויף די גאסן. עס האבן זיך אנגעהויבן גרינדן לעגאלע פראפעסיאנעלע פאראיינען. דעם ערשטן אנהויב האבן געמאכט די טעקסטיל און די מעטאל ארבעטער. בעת דער גרינדונג פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען קומט צו א שטארקן פארטיי קאמף. טייל פארטייען זיינען דערפאר אז די פראפעסיאנעלע פאראיינען זאלן זיין נייטראלע און טייל אז זיי זאלן זיין פארטייאיש.

25. בעת רופן ארבעטער צו א סטרייק, וואס עס האבן געפירט די ס. ס., איז ביי ל. מאנדשיין אויף פעטריקאווער 83 געקומען צו א שיסעריי.

שילער פון די רעגירונג שולן איז פארבאטן געווארן און זייערע שילער מלבושים צו באזוכן קאפע הייזער, רעסטאראנען א. ד. ג.

30. די צאל פון פארשיקטע פאר פאליטישע טעטיקייט אין די טיפערע רוסישע גובערניעס פאר דער צייט פון קריגס צושטאנד האט זיך באדייטנד פארגרעסערט.

## דעצעמבער

1. דער קריגס צושטאנד איז אראפגענומען געווארן פון שטאט און אומגעגנט.

2. פון רוסלאנד זיינען געקומען צופארן א סך סוחרים און קויפן איין מאנופאקטור סחורות. עס פילט זיך א פארלייכטערונג אין קרעדיט.

4. אין דער גוידזעווער מאנופאקטור פאבריק איז ווידער דערקלערט געווארן א לאקאוט. די נאראדאווע דעמאקראטישע ארבעטער ארגאניזירן זיך אין א באזונדערן פארבאנד און שטעלן זיך געגן דער סאציאליסטישער אגיטאציע. אין צוזאמענהאנג דערמיט קומען פאר צוזאמענשטויסן אויף ארבעטער פארזאמלונגען.

7. עס גייען ארום קלאנגען אז אין שטאט גרייט זיך צו א פאגראם. די זעלבסטשוץ איז אויף דער וואך.

11. אויף דעם נייעם מארק האט מען געשאסן דעם פראוואקאטאר בענעדיקט קראטיוק.

12. אין טורמע אויף דלוגא גאס האבן די פאליטישע ארעסטירטע אויפגעהאנגען א רויטע פאן און געזונגען רעוואלוציאנערע לידער. די פאגראם שרעק אין שטאט פארשטארקט זיך.

פאליטישע ארעסטירטע האבן אין טורמע געמאכט א בונט.

עס ווידערהאלן זיך פאל וואס מיליטער זאגט זיך אפ פאנאנדער צו טרייבן דעמאנסטראציעס.

14. ארום 4 נאכמיטאג האבן פלוצלונג אנגעהויבן טרובען און פייפן אלע פאבריק סיגנאלן און די ארבעטער האבן זיך באוואפנטע געלאזט לויפן אין דער ריכטונג פון שייבלער'ס מארק, וואו מען האט געזאגט אז עס האט אויסגעבראכן א פאגראם. אין פארלויף פון א קורצער צייט איז די גאנצע געגנט ארום שייבלער'ס מארק באלאגערט געווען פון צענדליקע טויזנטער ארבעטער און אלע זיינען געווען באוואפנט. עס האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס איז בלויז געווען א פראבע אלארם פון דער זעלבסטשוץ.

16. ניעס, אז מען האט אין פעטערבורג ארעסטירט דעם ראט פון די ארבעטער דעלעגאטן. האט דא אנגעמאכט א שטארקן רושם. די סאציאליסטישע ארבעטער ווייזן ארויס א ווידערשטאנד דער „ביבגער מילין", וואס האט זיך געגרינדעט צו באקעמפן די סאציאליסטן.

18. אויף פעטריקאווער 86, אין הויף פון דער דייטשער „לאדזער ציימונג", איז געקומען צו א שיסעריי צווישן סאציאליסטן און פאליציי. די שיסעריי איז ארויסגעבראכן בעת די פאליציי איז באפאלן די דרוקעריי פון רעדאקציע וואס איז פארנומען געווארן פון די ס. ד., וואס האט דארט געדרוקט אומלעגאלע ליטעראטור, דארונטער דעם „פארווערטס" אויף דייטש און „דא וואלקי".

20. צוליב דעם סטרייק האט מען ארעסטירט פיל פאסט און טעלעגראף באאמטע.

21. אויף דעם טעלעגראף האט מען אנגעהויבן אננעמען טעלעגראמען אין דער פוילישער שפראך, וואס איז ביז איצט געווען פארבאטן.

22. עס איז דערשאסן געווארן דער רעדאקטאר ארויסגעבער פון דער דייטשער „לאדזער ציימונג" ראמאן פעטערזיקגע און מען שמועסט אז אויף אים איז אויסגעפירט געווארן א נקמה אקט פאר מעלדן דער פאליציי, אז אין זיין דרוקעריי ווערט מיט גוואלד געדרוקט אומלעגאלע ליטעראטור

אויף נאוראט גאס האט מען ביינאכט דער'הרג'עט דעם רעוויראווי פון דריטן אוטשאסטאק פיליפ איוואנאוו. איינער, עוואלד וואלע, וואס איז ארעסטירט געווארן, האט זיך מודה געווען אז ער האט דעם מארד אויסגעפירט צוזאמען מיט איינעם גרינבערג, וואס איז אנטלאפן, און אז געמאן האבן זיי דאס דערפאר וואס איוואנאוו האט זיך געגן געשטעלט דער זעלבסטשוץ, וואס איז צוועק איז געווען אפצוהיטן פון א פאגראם אויף אידן און אינטעליגענטן. וואלע איז פאר'משפט געווארן אויף 12 יאר קאטארגע.

גרויסע ארעסטן זיינען דא פארגעקומען בעת וועלכע עס זיינען ארעסטירט געווארן פיל ווילטיקע אגיטאטארן און צווישן זיי קאזיק און לעדער.

28. אינטער דעם איינדרוק פון רעוואלוציאנערן אויפשטאנד אין מאסקווע, וואס דויערט שוין דעם זעקסטן טאג, איז ווידער ארויסגעבראכן אן אלגעמיינער פאליטישער סטרייק. עס ווערט געפירט א גרויסע פראפאגאנדע צו ארגאניזירן א ראט פון ארבעטער דעלעגאטן וואס זאל אויסארבעטן אן איינהייטלאך פראגראם פון קאמף פאר פאליטישע פרייהייטן.

בעת דעם גענעראל סטרייק, וואס האט געדויערט עטלאכע טעג, האבן די נאראדאוועצעס זיך אנגעהויבן אנטקעגנשטעלן די סאציאליסטן. צוליב דעם איז דער סטרייק נאר טיילווייז געלונגען.

## יאנואר 1906

1. צווישן די ארטיקע אידן הערשט ווידער טרויער צוליב דעם פאגראם וואס איז אויסגעפירט געווארן איבער די אידן אין האמעל.

17. די פאליציי האט דורכגעפירט אבלאוועס אין רעסטאראנען און קאפע הייזער, וואו סאציאליסטישע פארטייען האבן געפירט פארטיי ארבעט.

20. לויט דער אפיציעלער סטאטיסטיק זיינען אין פארלויף פון יאר 1905 פארגעקומען אין פוילן זעקס אלגעמיינע סטרייקס וואס האבן געדויערט 6 ½ טעג, און אין זיי האבן זיך באטייליקט ארום 500,000 ארבעטער. אויף די באנען זיינען פארגעקומען פינף פאליטישע און עקאנאמישע סטרייקס וואס האבן צוזאמען געדויערט 33 טעג. אויף דער פאסט און טעלעגראף סטאנציעס האט מען געסטרייקט 36 טעג.

לאקאוטן זיינען פארגעקומען 16, וואס האבן צוזאמען געדויערט 512 טעג און האבן ארומגענומען 52,300 ארבעטער.

לויט דער זעלבער אפיציעלער סטאטיסטיק זיינען אין פארלויף פון פארגאנגענעם יאר פארגעקומען 51 צוזאמענשטויסן צווישן ארבעטער מיט פאליציי און מיליטער, בעת וועלכע עס זיינען אומגעקומען 755 ארבעטער און 1928 זיינען פארוואונדעט געווארן. די צאל קרבנות פון דער פאליציי איז אנגעגעבן בלויז 34.

די צאל ארעסטירטע פאר דעם יאר 1905 איז אנגעגעבן געווארן 2370.

25. צוליב א קאנפליקט מיט ארבעטער איז אויף שרעדניא גאס 67 דערשאסן געווארן דער פאבריקאנט הערש קראקאווסקי.

26. אין צוזאמענהאנג מיט א באשלוס פון צענטראל קאמיטעט פון דער פארטיי ס. ס. וועגן באיקאטירן די באנקעס פון דער ס. ס. אונטער דער אנפירונג פון נח שנייערסאן און שמואל הערש באראן דורכגעפירט אן איבערפאל אויף די גואל בעוראס און פארניכטעט די שוין אפגעגעבענע וואל צעטלען.

## פעברואר

26. אין פארלויף פון טאג זיינען אויסגעפירט געווארן עקספראפריאציעס אין 9 שנאפס מאנאפאל קראמען. עקספראפריאציעס פארמערן זיך אויך ביי פריוואט פערזאנען. די דאזיקע עקספראפריאציעס זיינען מייסטנס דורכגעפירט געווארן דורך די אזוי גערופענע „קאמבינאטארן" און אין פיל פאלן וואו מען האט ניי קיין געלט נים געוואלט געבן האבן זיי זיך באנוצט מיט געווער און אויך אונטערגעלייגט באמבעס.

31. אויף די ארבעטער, ספעציעל אויף די אידישע, האט געמאכט א זייער שווערן איינדרוק דער טויט אורטייל וואס איז אויסגעפירט געווארן אין ווארשא איבער שמחה מענדזעלעווסקי, אפראים גראומאן, משה סוגאטש, קאפעל איגאלבאן און ישראל בלומענפעלד, וואס האבן געהערט צו דער אנארכיסטישער גרופע „אינטערנאציאנאל".

## מערץ

10. אין פאביאניץ איז דערשאסן געווארן דער שעף פון לאדזשער און לאסקער קרייז וו. א. איוואנאוו.

12. דער ארבעטער אדאלף שולץ, וואס האט דערשאסן דעם פאבריקאנט קוניצער, איז פאר'משפט געווארן אויף 15 יאר קאטארגע. אין געריכט האט ער דערקלערט, אז ער איז א מיטגליד פון א „באיובקע" און האט וואלאנטירט צו דערשיסן קוניצער'ן פאר זיין פאליטיק פון ארבעטער.

14. אויף נייע צעגעלניאנא גאס 27 איז געעפנט געווארן א נייע טורמע פאר פאליטישע ארעסטירטע, ווייל אין דער אלטער האט אויסגעפעלט פלאץ.

28. די גרויס קאפיטאליסטן האבן ווידער פארמאכט זייערע פאבריקן און דערקלערט א לאקאוט די ארבעטער וואס האבן פארלאנגט באצאלט פאר דער צייט פון סטרייק.

## אפריל

8. אין פארלויף פון טאג זיינען אויסגעפירט געווארן עטלאכע אנפאלן אויף פראוואקאטארן.

11. אין עטלאכע פאבריקן איז געקומען צו געשלעגן צווישן ארבעטער צוליב די וואלן צו דער דומע.

עס פארמערן זיך פאלן ווען מען צווינגט פאבריקאנטן צו געבן שטיצע פאר די ארבעטסלאזע.

## מאי

1. ניט קוקנדיק אויף די רעפרעסיעס פון דער פאליציי און אויך די געגנערשאפט פון די ארבעטער פון דער נאראדאווער דעמאקראטיע איז דער אלגעמיינער ערשטער מאי סטרייק געווען א דערפאלג. אלע פאבריקן האבן ניט געארבעט און די געשעפטן זיינען געווען פארמאכט. צו קיין דעמאנסטראציע איז ניט געקומען, אבער די גאסן זיינען געווען איבערפילט מיט א יום טוב'דיק געשטימטער ארבעטערשאפט.

3. דער פוילישער נאציאנאלער יום טוב צוליב דער קאנסטיטוציע פון יאר 1791 איז געפייערט געווארן בלויז פון די נאראדאוועצעס.

24. אין בירנבאום'ס פאבריק אויף ניקאלאיעווסקא 3 (איצט שיענקעוויטש גאס) איז אויסגעבראכן אן אמת'ע שלאכט צווישן סאציאליסטן און נאראדאוועצעס, און אין דער שיסעריי, אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט איבער הונדערט פערזאן, זיינען עטלאכע ארבעטער אומגעקומען און עטלאכע זיינען פארוואונדעט געווארן. אן ענלאכע שלאכט איז דעם 30טן מאי אויך אויסגעבראכן אין אדאס אסער'ס פאבריק, און אויך דארט זיינען געווען קרבנות.

## יוני

3. די באיובקע פון פ. פ. ס. האט ארויסגעלאזט א פראקלאמאציע אין וועלכער עס ווערט געזאגט, אז לויט דעם באשלוס פון דעם קאמיטעט פון דער פארטיי וועט יעדערער, וואס וועט זיך באנוצן מיטן געווער, וואס מען האט איס אנפארטרויט, פאר פריוואטע צוועקן, ווערט פאר'משפט ווערן צום טויט.

10. צוליב דעם וואס אין א סך פאבריקן האט מען ארויסגעווארפן די ארבעטער און צוגענומען סטרייק-ברעכער, האבן די פאליטישע פארטייען באשלאסן די דאזיקע פירמעס צו באיקאטירן. די פארטייען שליסן אויס מיטגלידער פאר ברעכן פארטיי דיסציפלין.

19. די שטאט איז אויפגעציטערט געווארן צוליב דעם בלוטיקן פאגראם וואס די צארישע מאכט האט דורכגעפירט אין ביאליסטאק.

21. עס איז אנגעקומען א ידיעה, אז די רומע איז פארנאנדער געטריבן געווארן און אז 100 דעפוטאטן האבן זיך פארזאמלט אין וויבארג (פינלאנד) און האבן ארויסגעלאזט אן אויפרוף צום פאלק. דעם אויפרוף האבן פארשפרייט די סאציאליסטן.

30. מען האט זיך אין שטאט געגרייט צו א פאגראם. אבער אלעס איז אריבער רואיק. פאליציי האט ארעסטירט און שרעקלאך געפייניקט עטלאכע מיטגלידער פון דער זעלבסטשוץ וואס האט באוואכט די שטאט.

עס ווידערהאלן זיך פאלן ווען פאליטישע פארטייען לייגן ארויף א געלט שטראף אויף באלעבאטים, וועלכע ווערן באשולדיקט אין איבערגעבן זייערע ארבעטער אין די הענט פון דער פאליציי.

די צאל פון לעגאליזירטע פראפעסיאנעלע פאראייניגן פארגרעסערט זיך שטארק.

## יולי

7. אויף דעם שאסיי צווישן אלעקסאנדער און לאדזש איז געקומען צו א בלוטיקער שיסעריי צווישן א גרופע קאזאקן און באיאוועס פון פ. פ. ס., וואס זיי האבן נאכגעיאגט פון אלעקסאנדער, וואו זיי האבן אויסגעפירט אן עקספראפריאציע אויף א שנאפס מאנאפאר בעת דער שיסעריי זיינען עטלאכע פון די באיאוועס דערהרג'עט געווארן, דאורנטער דער איד אדאלף הויטמאן, וואס האט אנגעפירט מיט דער עקספראפריאציע.

9. דער פאליטישער סטרייק, צו וועלכן עס האט גערופן די פאראייניקטע קאנפערענץ פון סאציאליסטישע פארטייען, טרעדאוניקעס און פון אייזנבאן פארבאנד, האט זיך אין לאדזש נישט איינגעגעבן.

8. די פארטיי ס. ד. האט ארויסגעלאזט א מעלדונג אין וועלכער די באפעלקערונג ווערט געווארנט נישט צו געבן קיין געלט פערזאנען נישט באפולמעכטיקטע פון דער פארטיי. עטלאכע ווארנונגען זיינען אויך ארויסגעגעבן געווארן פון די אנדערע פארטייען. געבראכט דערצו האט דאס, וואס פיל אומפאראנטווארטלאכע פערזאנען האבן נאכגעמאכט די פארטיי שטעמפלען און אין נאמען פון דער פארטיי געקליבן געלט פאר אייגענע צוועקן.

15. אין צוזאמענהאנג מיט דעם באשלוס פון דער באיאווע פראקציע פון פ. פ. ס. זיך אפצור רעכענען מיט דער פאליציי, פאר איר בלוטיקן טעראר אויף די ארבעטער, איז אין לאדזש אין פארלויף פון טאג אזוי גוט ווי אין אנדערע שטעט פון פוילן, דורכגעפירט געווארן א גאנצע רייע אנפאלן אויף פאליציי באאמטע. פארנאכט צו איז אויך דורך באמבעס אויפ־ געריסן געווארן דאס הויז אויף ראזוואדאווסקא גאס, וואו עס האט זיך געפונען דער פאליציי אוטשאסטאק. פון אויפרייס זיינען אין הויז פארוואונדעט געווארן 7 סאלדאטן און 3 פאליציאנטן. אויף דער גאס זיינען בעת דער שיסעריי מיט קאזאקן אין צוזאמענ־ האנג מיט דעם באנקען אנפאל דערהרג'עט געווארן 3 קאזאקן. מיט דעם דאזיקן געוואגטן אנפאל האט אנגעפירט הענריק סענקאווסקי.

דער פאגראם אין שידלעץ האט ארויסגערופן גרויס טרויער צווישן די היגע אידן.

18. צווישן די ראדיקאלע עלעמענטן הערשט א פרייד צוליב דער ידיעה פון ווארשע, אז עס איז דארט אויסגעפירט געווארן א זייער געוואגטער אנפאל אויף דעם גענעראל גובערנאטאר סקאלאן.

## אויגוסט

25. צווישן די סאציאליסטן הערשט אן אויפלעבונג צוליב דעם געוואגטן באמבען אנפאל פון מאקסימאליסטן אויף סטאליפינ'ס זומער וואוינונג. די פרייד איז געווען א צוטרערטע צוליב דעם וואס דער פרעמיער מיניסטער איז ארוים אומבאשעדיקט. פון באמבען אויפרייס זיינען אומגעקומען 32 פערזאן און 30 הויכגעשטעלטע רעגירונגס באאמטע זיינען פאר־ וואונדעט געווארן.

## סעפטעמבער

1. לויט אן אפיציעלער סטאטיסטיק, האט די געלט הכנסה פון „בונד" פאר דער צייט פון סעפטעמבער 1904 ביז סעפטעמבער 1906 באטראפן איבער א מיליאן שווייצארישע פראנקן די צאלן אויפרופן וואס דער „בונד" האט ארויסגעגעבן פאר דער זעלבער צייט האט באטראפן ארום פינף מיליאן עקזעמפלארן.

3. פראוואקאציע עלעמענטן, דערהויפט די צארישע באאמטע, מאכן אנשטרענגונגען צו ארגא־ ניזירן אן אפטיילונג פון דער „געזעלשאפט פון אקטיוון קאמף מיט דער רעוואלוציע און אנארכיע".

# אקטאבער

9. די ערשטע קרבנות פון קריגס געריכט זיינען געווען 6 ארבעטער וואס מען האט פרא'משפט צום טויט. באלד אויף צו מארגנס פארטאג, נאכדעם ווי די ארבעטער זיינען פאר'משפט געווארן, זיינען זיי דערשאסן געווארן אין קאנסטאנטינער וואלד. מיט פרייהייטס אויסרופן זיינען זיי אומגעקומען, צוגעבונדענע צו בוימער, אונטער וועלכע עס זיינען פאר זיי געווען צוגעגרייט אפענע קברים. צום אנדיינקען פון די אומגעקומענע געפינט זיך איצט ארום ארט פון די קברים פון די אומגעקומענע א פרייהייטס מאנומענט וואס איז אויפגעשטעלט געווארן פון סאציאליסטישן מאגיסטראט.

18. די אידישע באפעלקערונג אין שטאט לעבט אין טרויער צוליב די [illegible] [illegible] אין אנדערע שטעט.

# נאוועמבער

1. צוליב די קריגס געריכטן וואס מען האט איינגעפירט אזוי אלס פראטעסט דערקלערט געווארן א גענעראל סטרייק.

8. אין דער פארגאנגענער נאכט איז אויף דער באן סטאנציע אין ראגאוו אויסגעפירט געווארן איינע פון די גרעסטע עקספראפריאציעס אויף א באן צוג. די דאזיקע עקספראפריאציע האט געפירט צו דער שפאלטונג אין דער פארטיי פ. פ. ס. דורך דער עקספראפריאציע, וואס איז אנגעפירט געווארן דורך יוזעף מירעצקי, וואס איז דעם 7טן אקטאבער פון יאר 1908 אויפגעהאנגען געווארן אין ווארשעווער ציטאדעל, איז ארייגעפאלן אין די הענט פון די באאווצעס א סומע פון איבער 100,000 רובל. בעת דער שיסעריי און באטבעס מיט וועלכע האט זיך בעת דער דרייסטער עקספראפריאציע באנוצט זיינען עטלאכע סאלדאטן וואס האבן באוואכט דעם געלט וואגאן פארוואונדעט געווארן. פון די ארום 50 באאווצעס, וואס האבן זיך אין דער עקספראפריאציע באטייליקט, זיינען כמעט אלע ארויס אומבאשעדיקט.

13. עס האט זיך געעפנט ד' יערישע גימנאזיע מיט פויליש אלס לערשפראך. דאס איז דערגרייכט געווארן נאך א לאנגן קאמף.

# דעצעמבער

6. אונטער דער אנפירונג פון יאן קוואפינסקי פון דער באיובקע פון פ. פ. ס. איז אויסגעפירט געווארן א באמבן אנפאל אויף דעם פארהאסטן פאליציימייסטער בזשאנאווסקי. דער אנפאל איז אויסגעפירט געווארן אויף קאליינע גאס בעת דער פאליציימייסטער איז אין א שליטן געפארן אין צירקווע.

21. אין טורמע הויף אויף דרוגא גאס האט מען אויפגעשטעלט צוויי תליות אויף וועלכע דער תליון פרעמעל הייגעט אויף די צום טויט פאר'משפט'ע רעוואלוציאנערן.

28. ארום 10 פרי איז אויף פאלודניאווא גאס, ניט ווייט פון ווסבאדניא גאס אויסגעפירט געווארן א געוואגטע ראנפאל אויף דעם זשאנדארמסקי נאטשאלניק זשארקא אנדרעיעוו, וואס איז אין באגלייטונג פון א גרופע סאלדאטן געגאנגען אהיים. די אנפאלער, אין צאל פון ארום 20, האבן אנדרעיעוו'ן דער'הרג'עט און דריי סאלדאטן שווער פארוואונדעט.

29. די ברודער מארדן צווישן די סאציאליסטן און נאראדאוועצעס האבן אנגענומען א מגפה כאראקטער. עס גייט ניט אריבער א טאג אן קרבנות. בעת א לויה פון צוויי דער'הרג'עטע סאציאליסטן האבן די נאראדאוועצעס געמאכט אן אמת'ע שחיטה בעת וועלכער 7 פערזאן זיינען דער'הרג'עט געווארן.

דער לאקאוט, וואס דויערט שוין עטלאכע חדשים, האט ארומגענומען איבער 25,000 ארבעטער, וואס די צאל פון זייערע פאמיליעס באטרעפט ארום 100,000 פערזאן.

דוד דובינסקי

# מיין פּראָלעטאַרישער דעביוט אין לאָדזש

(א בלעטל זכרונות)

לאָדזש איז געווען א גרויסער אינדוסטריעלער צענטער אין אַלטן רוסלאַנד. צענדליקער טויזנטער וועבער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געשמאַכטעט אין די דאָרטיקע פאַבריקן. פאַרשטייט זיך, אז צוליב אָט די אומשטענדן איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געוועזן שטאַרק פאַרשפּרייט אין אונזער שטאָט. א באַזונדערן אָפּקלאַנג האָט זי געפינען צווישן אידן און פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אויך געליטן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און האָבן זייערע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס חלומות פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַפרייאונגס באַוועגונג אין רוסלאַנד. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אָבער ניט רעגרייכט די ברייטע עפנטלאַכקייט צוליב פּאָליציייאישע טעמים. אונטער די צאַרישע באַדינגונגען האָט מען פון קיין מאַסן אַקציע פון אַרבעטער־קלאַס אפילו חלום'ען ניט געקאָנט. עס איז געווען א קאָנספּיראַטיווע קרייזל־באַוועגונג איינגעהילט אין ראָמאַנטישע סודות. ווען די רויטע פאָן האָט פון צייט צו צייט אומפאַרהאָפט אויפגעפלאַקערט אויף די גאַסן פון לאָדזש, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אן אימה אויף דער באַפעלקערונג און ספּעציעל האָבן פאַר איר מורא באַקומען די אונטערטעניקע אידן. אין די באַלעבאַטישע קרייזן האָט מען אויף די רויטע חברה־לייט געקוקט מיט צאָרן און ביטול. אויפ'ן שול־הויף און אין דער היים האָט מען אויף זיי געטייטלט מיט די פינגער. אין יענער שטאָט און געגנט האָט מען זיי באַצייכנט מיט אן אנדערן שפּאָט נאָמען. אין בריסקער געגנט האָט מען זיי גערופן „צער בעל חיים'ניקעס". ביי אונז אין שטאָט ווי אין א סך אנדערע געגנטן האָט מען זיי גערופן „אחדות'ניקעס". אין די רעוואָלוציאָנערע טעג פון 1905 זיינען די־ראָזיגע אחדות'ניקעס באַזונדערס טעטיק געווען און דער שרעק וואָס זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף דער אידישער באַפעלקערונג איז געווען באַזונדערס גרויס. מען האָט זיי באַשולדיקט, אז זיי ברענגען אַלע צרות אויף אידן, און אין דער זעלבער צייט האָט מען פון זיי אָפּגעשפּאָט זעט נאָר זעט — האָט מען אויף זיי געטייטלט מיט די פינגער — זיי ווילן דאָס זיך אנטקעגנשטעלן געגן דעם צאַר און זיינע משרתים. אין יענע טעג האָט מיינער א שול־חבר מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די דאָזיקע אחדות'ניקעס מיט דעם זעלבן שפּאָט און ביטול, וואָס די דערוואַקסענע. ער האָט זיך געוויצלט וועגן זייער העלדנטאַט. קוקט נאָר, האָט ער צו מיר געזאָגט, ווי זיי גרויסן זיך מיט דער רויטער פאָן. אָבער אַזוי שנעל ווי די קאָזאַקן באַווייזן זיך, אַנטלויפן זיי און אויס מיט זייער העלדנטום!

די רעוואָלוציע פון 1905 האָט געבראַכט די קאָנסטיטוציע. אמת א שיינבאַרע קאָנסטיטוציע, אָבער פונדעסטוועגן דאָך א קאָנסטיטוציע. די קאָנסטיטוציע האָט געבראַכט די ערשטע דומע. ווען די דומע איז אין 1906 אויפגעלעזט געוואָרן, האָט זיך אָנגעפאַנגען א וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאַסן־מיטינגען און אין שטאָט האָט זיך געטאָן אויף טיש און בענק. די אידן האָבן אויך ניט געשוויגן. דעמאָלט האָב איך געהאַט די ערשטע געלעגנהייט זיך דירעקט צו באַקענען מיט די פּראָבלעמען און לאָזונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג. אין ווינטער זאַל, אויף וסכאָדניע גאַס איז פאָרגעקומען א ריזיקער וואַל־מיטינג. מיין חבר און איך זיינען געווען נייגעריק צו הערן וואָס די אחדות'ניקעס האָבן צו זאָגן. און דאָס וואָס איך האָב פון זיי געהערט דירעקט איז שוין געווען גאַנץ עפּעס אנדערש, ווי דאָס וואָס איך האָב געהערט פון די שפּאָטערייען וועגן די רויטע אחדות'ניקעס. דער איינדרוק פון מיטינג איז געווען אן אומגעהייערער און איך האָב זיך גלייך אָנגעשלאָסן אן דעם לאָדזשער „בונד". אַלס א טאַטנס א קינד, וואָס קען האַלטן א פעדער אין האַנט, האָט מען מיך גלייך צוגעטיילט צו דער אַקטיוויטעט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. איך בין געוואָרן דער אַסיסטענט סעקרעטאַר פון דער בעקערס יוניאָן. דעם פולן פאַרטרויען

האט מען אבער צו מיר ניט געהאט און מען האט מיך געשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון א קאמיסאר פון ארטיקן קאמיטעט. מיין קאמיסאר איז געווען אן אינטעליגענט, חבר איוואן האט מען אים גערופן. מיין דאמאלדיקע אמביציע איז געווען צו ווערן גלייכבארעכטיקט אין די רעוואלוציאנערע קרייזן און געווינען דעם פולן צוטרוי פון ארטיקן קאמיטעט.

אזא געלעגנהייט האט זיך באלד געמאכט. צוליב א כטרייק אין בעקער פאך בין איך ארעסטירט געווארן. איך בין געווען צופרידן, וואס איך האב געפונען א געלעגנהייט זיך אויסצוקעמפן פולע בירגער־רעכט אין דער רעוואלוציאנערער משפחה. דער ארעסט האט מיך ווענג וואס געקימערט, אבי איך האב באקומען די געלעגנהייט צו ווערן א מארטירער פאר דער אידייע און געווינען דעם געווינשטן צוטרוי. איך האב טאקע געוואונען די בירגער־רעכט. אין דער זעלבער צייט בין איך אבער שטארק אנטוישט געווארן. ווען איך בין ארויס פון ארעסט, האב איך אויף פאלודניאווע גאס באגעגנט דעם אינטעליגענט, חבר איוואן. איך האב זיך מיט אים שטארק דערפרייט. איך האב דערוואַרט א שטארקן און ברייטן שלום עליכם. אויסגעלאזט האט זיך אבער, אז ער האט מיך גארניט געוואלט דערקענען. ווי א סך אנדערע אינטעליגענטן אין דער צייט פון דער רעאקציע, האט אויך ער באקומען קאלטע פיס, און האט מיט מיר, אן אקטיווען טוער וואס איז נאר וואס ארויס פון טורמע, ניט געוואלט האבן קיין שום געשעפטן. דאס איז פאר מיר געווען א גרויסע אנטוישונג. אין דערזעלבער צייט האב איך זיך אבער געפילט דערהויבן וואס מען האלט מיך פאר אזא געפערלאכן רעוואלוציאנער, אז אפילו איוואן האט שוין מורא מיט מיר זיך צו באגעגענען.

נאך מיין ערשטן ארעסט בין איך ווידער טעטיק געווען אין דער בעקער יוניאן, און אין 1908 בין איך נאך אמאל ארעסטירט געווארן ביי א בעקער פארזאמלונג אין ווארשאווער זאל אויף פאלודניאווע גאס. צוריקקומענדיק פון סיביר בין איך אפגעפארן קיין אמעריקע און זיך דא הויפטזאבלאך אפגעגעבן מיט דער פראפעסיאנעלער ארבעטער טעטיקייט. ווי עס שיינט האט דער „בונד" מיר אנגעוויזן דעם פאסענדן פלאן אין דער ארבעטער באוועגונג.

## פוילישע ארבעטער האבן געזוכט וועגן און מיטלען אפצושאפן פאגראמען אויף אידן.

אלע סאציאליסטישע פארטייען האבן געוואוסט, אז פינסטערע כוחות פון דער צארישער מאכט זוכן מיטלען און וועגן אפצואווענדן דעם געדעכטן ארבעטער צארן אויף די אידן און זיי, די סאציאליסטן, האבן דאס שטענדיק אין זינען געהאט און געזוכט צו פארמיידן.

אין א פראקלאמאציע, וואס איז אין נאמען פון'ס צענטראלן קאמיטעט פון דער פ. פ. ס. פארשפרייט געווארן אין יולי 1906 אין לאדזש, ווערן די ארבעטער אויפגעפאדערט צו לאזן וויסן „יעדן ציווילן אדער פאליציייאישן כוליגאן, אז ער וועט פאר דער מינדסטער פראוואקאטארישער פאגראם ארבעט געטויט ווערן" און „צו זיין אלע גרייט צו פארטיידיקן די באפאלענע".

אן אנדערע פראקלאמאציע פון דער פ. פ. ס. פונ'ס זעלבן חודש און יאר גיט אן אינסטרוקציעס, אז אין פאל פון א פאגראם דארפן אלע קריסטלאכע ארבעטער זיך אריינרייסן ווי א מאסע אין די אפגעגרעניצטע אידישע קווארטאלן און העלפן דער אידישער באפעלקערונג אינ'ם זעלבסטשוץ.

די ארבעטער קאמיטעטן פון צוויי לאדזשער פאבריקן האבן געלאזט וויסן, „אז ס'איז געשאפן געווארן אין די פאבריקן ש. און ל. א געמיינזאמע פאבריק מיליץ פון פ. פ.'סישע און סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער, וואס שטעלט אוועק יעדע שעה פיר ארבעטער ביי די טויערן פון דער פאבריק, וואס זאל אכטונג טאן צו ס'באווייזט זיך ניט קיין אויפהעצער, וואס וויל באאיינפלוסן די ארבעטער. טאמער טרעפט די וואך אן אזא איינעם, זאל זי אים באשטראפן אויפ'ן ארט".

אריה *)

# ב. באָראָכאָוו אין לאָדזש

ב. באָראָכאָוו איז געווען אין לאָדזש אָנהויב זומער 1907. הגם ס'זיינען שוין זייט דאַן פאַריבער 25 יאָר און פאַרשידענע פּרטים האָבן זיך שוין פאַרווישט אין מיין זכרון, איז דאָך נאָך ביז'ן היינטיקן טאָג פריש ביי מיר דער איינדרוק, וואָס זיין באַזוך האָט דאַן געמאַכט אין אונזער יונגער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע.

ס'איז געווען די צייט פון שאַרפער רעאַקציע — נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רעוואָלו־ציע איז געפאַלן די קאַמף־שטימונג ביי די אַרבעטער־מאַסן. דאָ און דאָרט האָט נאָך פון צייט צו צייט אויפגעפלאַקערט דער קאַמפס־ווילן פון'ס אַרבעטער־קלאַס, אָבער די צאַרישע מאַכט האָט מיט בלוט און אייזן אונטערדריקט יעטווידן פּרוּוו פון רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזירונג און אַרויסטרעטונג.

שיצנדיק זיך פאַר דער נקמה פון די צאַרישע סאַטראַפּן, פאַר טורמעס און פאַרשיקונגען, איז די גרעסטע צאָל רעוואָלוציאָנערע פירער אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד און פון דאָרט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד. אויך באָראָכאָוו איז נאָך'ן אַרעסט אין פּאָלטאַווע אין 1906 געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. אויפ'ן וועג קיין עסטרייך האָט ער טאַקע באַזוכט לאָדזש.

באָראָכאָווס נסיעה איז געווען אַן אומלעגאַלע. ניט וועלנדיק שטעלן באָראָכאָוו'ן אין אַ נייער סכנה, האָבן מיר זיין באַזוך געהאַלטן שטאַרק קאָנספּיראַטיוו און ניט דערלאָזט, אַז ער זאָל עפנטלעך אויפטרעטן. אָבער אין די רייען פון די חברים האָט זיך די ידיעה וועגן זיין קומען גיך פאַרשפּרייט און אַרויסגערופן אַ גרויסע פרייד. באָראָכאָוו איז שוין דאַן געווען דער אָנערקענטער פירער פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג. זיין באַזוך, הגם מיר האָבן אים ניט געקאָנט אויסנוצן, ווי דאָס וואָלט נייטיק געווען, האָט דאָך שטאַרק געהויבן אונזער זעלבסט־באַוואוסטזיין און אויך דעם אופן גאַנץ אַנזעעוודיק געווירקט אויף אונזער אַקטיוויטעט.

באָראָכאָוו איז געקומען קיין לאָדזש צוזאַמען מיט זיין פרוי, חבר'טע ליובע. גלייך נאָך זיין קומען האָט זיך פאַר אונז געשטעלט אַ זייער האַרבע פראַגע — וואו טוט מען אים אַהין? קיין שום קאָנספּיראַטיווע דירה איז ניט געווען גענוג זיכער. צו געפינען אַ זיכערן אָרט פאַר אַן אומלעגאַלן טוער איז געווען כמעט אוממעגלעך. די צאַרישע שפּיאָנען־נעץ איז געווען ברייט פאַרלייגט: די פּראָוואָקאַציע איז אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלאַך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער באַלעבאַטישער עולם, וואָס האָט געהאַט סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציע — אַמאָל אויסבאַהאַלטן אַ פּעקל ליטעראַטור אָדער געלאָזן איבערנעכטיקן אַ גערודפטן טוער — איז געווען שטאַרק טעראָריזירט און מער ניט געוואָלט העלפן.

*) אריה האַלענדערסקי.

מיר האט מען איבערגעגעבן אויסצוגעפינען א וואוינונג פאר באַראַבאַוו׳ן. ווי לאנג ער האט געזאלט פארווײלן אין לאָדזש איז נישט געווען באשטימט. מ׳האט זיך פארבונדן מיט די בענדינער חברים, וועלכע האבן געזאָלט צוגרייטן דעם ענין מיט׳ן אומלעגאלן איבערגיין די גרענעץ — אבער ווען ראב האט געקאָנט ארויסקומען איז נישט געווען קלאָר.

אין אט דעם קלעם האב איך זיך געווענדעט צו מיין מוטער — א פרוי, וועלכע האט מיט׳ן גאנצן הארצן מיטגעפילט דעם געדריקטן קאמף פון ארבעטער־קלאס. און דאָ טאקע געפונען, ווי געווײנלאך, די פריינטלאכע הילף. אגב, די דאָזיקע באציאונג פון מיין מוטער צו אונזער ארבעט האט געעפנט אונזער הויז פאר אלע צוגערייזטע חברים. שפעטער האט זיך א לאנגע צייט ביי אונז אויסבאהאלטן אויך דער ח׳ אדאלף א. (אראָנאָוו), וועלכער איז געוואָרן ממש א בן בית ביי אונז אין שטוב. און די עלטערן מיינע האבן זיך צו אים באצויגן ווי צו אן אייגן קינד צוליב די אפטע באזוכן אין אבער שוין די דירה נישט געווען אזוי זיכער. ס׳איז רעדיבער געבליבן אז חבר׳טע ליובע זאל וואוינען ביי אונז און פאר באַראַבאַוו׳ן האבן מיר ענדלאך אויסגעפונען א צווייטע דירה ביי א ברודער פון אונזערס א חבר, מאַרקסקי, וועלכער האט זיך געפונען אויף א זומער־וואוינונג. די גאנצע דירה איז געווען ליידיק; באַראַבאַוו האט דאָרט נאָר גענעכטיקט, די גאנצע טעג האט ער צוגעבראכט אין אונזער וואוינונג. לאנגע שעהן האט ער דאָ פארבראכט אין שמועסן מיט מיין פאטער, אן אלטן משכיל, וועלכער איז גוט געווען באהאוונט אין דער העברעאישער און אייראפעאישער ליטעראטור. איך דערמאָן זיך, ווי אזוי ס׳האט מיך איבערראשט, ווען איך בין דאס ערשטע מאָל געווען ביי אזא שמועס און צוגעהערט זיך צו די אינטערעסאנטע און טיפע באמערקונגען פון באַראַבאַוו׳ן וועגן די וויכטיקסטע און ערנסטע קולטור־פראגן. די אלזייטיקייט פון זיין וויסן און די אריגינאליטעט פון זיין דענקען איז דאָ געקומען אויף א בולטן אופן צום אויסדרוק. דערביי האט באַראַבאַוו פאר יעדן געהאט א ליב וואָרט: זיין גוטע, ריין מענטשלאכע צוגעלאזנקייט האט ממש באצויבערט מיין פאמיליע; און ווען עס איז געקומען די צייט און באַראַבאַוו האט געדארפט אוועקפאָרן, האבן עס אלע דערפילט ממש ווי א פערזענלאכן פארלוסט...

ביי אונז אין שטוב האט זיך באַראַבאַוו אויך געטראָפן מיט די חברים. הגם מיר האבן געהאלטן שטרענג בסוד דאס אויפהאלטס־אָרט פון ח׳ באַראַבאַוו און גאָר ווייניקע חברים האבן פון אים געוואוסט, פלעגט מען זיך פאָרט טאָג־טעגלאך צונויפקומען און שעהן לאנג פארברענגען ביים באטראכטן אלגעמיין פאליטישע און פארטייאישע פראגן. באַראַבאַוו האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט די פרטים פון אונזער ארבעט און גענומען א לעבעדיקן אנטייל ביים באהאנדלען די פראגן פון אונזער טאָג־טעגלאכער פראקטישער ארבעט.

דערווייל האבן אונז געמאָלדן די בענדינער חברים, אז אלץ איז צוגעגרייט צו איבערגיין די גרעניץ. גלייך נאָכדעם ווי מיר האבן באקומען די ידיעה איז באַראַבאַוו ארויסגעפאָרן; כדי ער זאל זיין מער כשר אין וועג האב איך אים געגעבן מיין פאס. מיר האבן זיך צונויפגערעדט מיט די בענדינער חברים, ווי זאלן אונז גלייך מעלדן, ווי נאָר באַראַבאַוו וועט זיין אויף יענער זייט גרעניץ. דערווייל זיינען פארביי טעג נאָך טעג, און מיר האבן קיין שום ידיעה נישט באקומען. אין אונזערע רייען האט מען אנגעהויבן צו ווערן אומרואיק. די דאָזיקע אומרואיקייט איז אזוי ווייט געשטיגן, אז מיר האבן זיך ענדלאך אנטשלאָסן ארויסצושיקן דעם ח׳ מילע קיין בענדין, ער זאל דאָרט אויפ׳ן אָרט דערגיין וועגן גורל פון באַראַבאַוו׳ס נסיעה.

אין בענדין האט ח׳ מוליע גארנישט נישט געקאָנט דערגיין. קיינער פון די חברים האט אים נישט געקאָנט געבן קיין גענויע אינפארמאציעס. נגם אייניקע בענדינער חברים האבן פאקטיש ארגאניזירט דעם איבערגאנג איבער דער גרעניץ. די ידיעות פון ח׳ מוליע האבן אונז נאָך מער באאומרואיקט. ערשט אין סאסנאָוויעץ האט ח׳ מוליע פעסטגעשטעלט, אז באַראַבאַוו איז בשלום אריבער די גרעניץ און געפינט זיך שוין אין קראָקע.

מיר האבן לייכטער אפגעאָטעמט.

(אלמאַנאַך)

בעני טראי

# זכרונות פון דער אידישער פראַקציע פ. ס.

ווען איך האב כיטפאַרשירט מיט דער ערשטער סאציאַליסטישער דעמאָנסטראַציע, בין איך איינגאַנצן אַלט געווען א יאָר 15. דאָס איז געווען אין די באַרימטע לאָדזשער יוני טעג ווען דער לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט איז אין א צאָל פון אַרום הונדערט טויזנט, אַרויס אין גאַס מיט זייערע פאָנען און לאָזונגען פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט.

איך האב נאָך דאַן צו קיין שום פּאַרטיי ניט געהערט, אָבער די באַגייסטערונג וואָס איך האָב אַהיים געטראָגן פון דער גרויסער דעמאָנסטראַציע, האָט מיך געטריבן צו זוכן א פלאַץ אין די רייען פון א אַרבעטער אָרגאַניזאַציע.

מיין יונג בלוט האָט געקאָכט פאַר אויפרעגונג צוליב דעם בלוט-באַד, וואָס די פּאָליציי האָט געמאַכט אויף דער גרויסער דעמאָנסטראַציע, בעת וועלכער איד און קריסט האָבן מאַרשירט אין געשלאָסענע רייען און געפאָדערט פאַר זיך בעסערע לעבנס-באַדינגונגען.

צו יענער צייט בין איך שוין געווען אַן אויסגעלערנטער שניידער און האָב געניי‌ט הויזן ביי מיין פאָטער יעקב אהרן (בענטקאָווער) טאַראַדאַיקא, וואָס האָט אין לאָדזש געפירט א שניידער ווארשטאַט. מיר האָבן דאַן געוואוינט אויף דער שול גאַס 24 (וואָלבאָרסקא) אין רעכטן געדיכטן אידישן קוואַרטאַל. און עס איז פאַר מיר היינט זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדעס, וועגן פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרימע אַרבעטער, וואָס איך האָב געהערט א שבת נאָכמיטיק אין קאָנסטאַנטינער וואַלד האָט אויך אויף מיר געהאַט די געהעריקע ווירקונג.

ביי מיר איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך מוז אָנשליסן א קאָנטאַקט מיט א סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אָנהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי איך אַרויס אין איר אַריינצוקומען. איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ניט ווייט פון מיין פאָטערס הויז אויף יאַקובאַ גאַס אין סטאַרי וויעש, קומט פאָר אַן אַרבעטער בירזשע. וועלכע פּאַרטיי עס פירט אָן די בירזשע איז מיר ניט באַקאַנט געווען, און מיך האָט דאָס, דעם אמת געזאָגט, אויך ניט אינטערעסירט. מיר איז געפעלן דער קאַמף וועלכן די סאָציאַליסטן האָבן געפירט און מיך האָט געצויגן אין דעם קאַמף אָנטייל צו נעמען.

איך האָב זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען אויף דער בירזשע און עס האָט גאָרניט לאַנג געדויערט ביז מען האָט מיך אַריינגענומען אין דער הבֿרה. שפּאַצירנדיק איבער דער גאַס הין און צוריק, האָט מיר אַן אַגיטאַטאָר דערקלערט די אויפגאַבן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אויך פאַר וואָס אידן געבוירענע אין פּוילן, דאַרפן נאָר פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי קעמפן.

אין א גאָר קורצער צייט בין איך געווען „אַן אויפגעקלערטער" און האָב אַליין גענומען אַגיטירן אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דאַן פון אַלע זייטן געצויגן צו דער בירזשע. איך בין גאָר נאָענט באַקאַנט געוואָרן מיט די דאַמאָלסדיקע פירער פון דער אידישער פראַקציע פון דער פּ. פּ. ס., דאָס זיינען געווען דער „שוואַרצער באָמעל", דער „געלער קאַדיש" און דער „ווייסער יוסל" (יוסף פינקעלשטיין) און האָב מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג אויסגעפירט יעדע אַרבעט וואָס די דערמאָנטע פירער האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט.

גליקלאַך, איבער-גליקלאַך בין איך געווען, ווען מען האָט מיר געגעבן צו פאַרשפּרייטן דאָס ערשטע פעקל פון אונזער אומלעגאַלער צייטונג „דער אַרבעטער". ניט קוקנדיק אויף דער געפאַר אַרעסטירט צו ווערן, האָב איך פאַרשפּרייט די צייטונג אין פיל שניידער וואַרשטאַטן וואו איך האָב געהאַט באַקאַנטע און אויך צווישן שניידערינס. אומעטום האָט מען מיך גערן אויפ-

גענומען און אויך געבעטן צו ברענגען נייע נומערן פון דער צייטונג. דאס האט מיר געגעבן א צוטריט צו פיל וואַרשטאַטן און א דאנק דעם, איז מיר שפּעטער מיט דער הילף פון אונזערע פירער געלונגען צוצוציען צו אונזער פּארטיי פיל שניידער ארבעטער.

בעת א סטרייק וואס מיר האבן שפּעטער געפירט ביי די שניידער און אויך שניידערינס, זיינען מיר געקומען צו א קאנפליקט מיט דעם „בונד" וואס האט געהאט א פיל שטארקערע ארגאניזאציע ווי אונזערע און צו וועלכער די גרעסטע צאָל נאָדל־ארבעטער האט אויך געהערט, דארונטער אויך „הברטע מלכה", וואס איז אין אמעריקא געווארן מיין פרוי.

צו א גרויסן קאנפליקט איז אונזער פראקציע אויך געקומען מיט דער פּארטיי ס. ס., וואס האט פון אונז געוואלט אפּרייסן דאס קעפּ־קעפּאך, וואס מיר האבן מיט שווערע אנשטרענגונגען ארגאניזירט.

אונזער אידישע פראקציע געדיינק איך, האט אויסער צווישן די אידישע ארבעטער, אויך געפירט א פּראפּאגאנדע צווישן די סטודענטן (הויז־וועבטער) פון דער אידישער געגנט און זיי געזוכט צו געווינען אויף דער זייט פון דער פּ. פּ. ס. מיט דער צייט איז אונז אויך געלונגען צו צוציען פיל סטודענטן אין די סאציאליסטישע רייען און א דאנק דעם, זיינען פיל סאציאליסטן אפּגעהיט געווארן פון ארעסטן בעת פּאליציי איז ביינאכט געקומען מאכן הויז רעוויזיעס.

פון א גאר גרויסן נוצן האט זיך אונזער אגיטאציע צווישן די הויז וועבטער ארויסגעוויזן אין דער צייט ווען אין שטאט האבן זיך אנגעהויבן ארומטראגן קלאנגען וועגן א פּאגראם אויף אידן. צו יענער צייט האבן די הויז וועבטער געבראכט גרויס נוצן דער זעלבסטשוץ וואס האט באוואכט די הויפן און גאסן. אין פיל הויפן געדיינק איך, זיינען געווען הויז וועבטער וואס האבן, ניט נאר געהאלפן דער זעלבסטשוץ נאר האבן אליין ארגאניזירט גרופּן פאר דער זעלבסטשוץ.

די אידישע פראקציע פון דער פּ. פּ. ס. האט אין דער זעלבסטשוץ געארבעט אין א געמיינזאמען קאמיטעט פון דער פּ. פּ. ס. וואס האט געפירט א ברייטע אנטי־פּאגראם פּראפּאגאנדע און האט אויך ארויסגעגעבן וועגן דעם ספּעציעלע פּראקלאמאציעס. אונזער זעלבסטשוץ געדיינק איך האט איר הויפּט קווארטיר געהאט אויף בזשעזשינער גאס און פון דארט אויס זיינען מיר ארויסגעשיקט געווארן באוואכן די שטאט.

אומפארגעסלאך וועט מיר בלייבן אין זכרון דער ברודערקאמף, וואס האט זיך צופלאקערט אויף דער ארבעטער גאס, ווען די רעאקציע האט אנגעהויבן זיגן איבער די סאציאליסטישע ארבעטער. די „ענדעקעס" (נאראדאווע דעמאקראטיע) האט זיך אפּן געשטעלט אין דינסט פון דער פּאליציי, און עס איז ניט אריבער א טאג, אז פון זייערע הענט זאל ניט פאלן א סאציאליסטישער ארבעטער.

צו פארטיידיקן זיך געגן די „ענדעקעס", האט די פּ. פּ. ס. פארשטארקט איר קאמף דרוזשינע און צו איר צוגעצויגן אויך פיל מיטגלידער פון דער אידישער פראקציע. צו יענער צייט האב איך אויך באקומען א רעוואלווער און בין אריין אין דער קאמף־דרוזשינע.

אומגעפער אין יענער צייט, ארום סוף יאר 1906, האט אונזער בירזשע געהאט אפטע באזוכן פון די פּראוואקאטארן די ברידער פרעמעל און דעם משוגענעם נח (גרינבערג) וואס האבן געווארפן א שרעק אויף די סאציאליסטישע ארבעטער. איך געדיינק ווי איינמאל איז געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט זיי און זיי האבן זיך פון דער בירזשע געמוזט אפּטראגן. די דרייסטקייט פון די דאזיקע פּראוואקאטארן איז אבער געוואקסן מיט יעדן טאג און זיי האבן אנגעהויבן קומען אויף אונזער בירזשע אין באגלייטונג פון מיליטער און ארעסטירט אונזערע בעסטע חברים. דאס איז געווען דער אנהויב פון סוף. מיט דעם וואוקס פון דער רעאקציע איז אונזער פּארטיי כמעט ווי צופאלן. די ארבעט איז געווארן א זייער באשרענקטע און דאס ביסל ארבעט וואס איז יא געטאן געווארן, איז געטאן געווארן אויף א זייער קאנספּיראטיוון אופן.

אויף מיין וועג קיין אמעריקא האט מיר דער לאדזשער קאמיטעט פון דער אידישער פראקציע פון דער פּ. פּ. ס. מיטגעגעבן א רעקאמענדאציע בריוו צו די אמעריקאנער חברים,

אבער איך האב דעם בריוו קיינמאל ניט באנוצט. אין אמעריקא בין איך געווארן אקטיוו אין דער קלאוקמאכער יוניאן און דאן ארונטערגעפאלן אונטער דעם איינפלוס פון די פועלי ציון און דאס האט מיר געפירט צו ווערן איינער פון די גרינדער פון אידיש־נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד.

היינט צו טאג בין איך טעטיק אויף אנאנדער פעלד. אבער עס בענקט זיך נאך די שיינע טעג פון פריי־הייטס־קאמף פאר א בעסערן און ליכטיקערן מארגן.

אידישע ארבעטער, וואס האבן אויסגעוואנדערט פון לארדזש, האבן אין פיל לענדער אין שטעט אויפגעשטעלט גרויסע ארגאניזאציעס און גענומען א גרויסן אנטייל אויך אין רעוואלוציאנערע קאמפן.

מאיר לאקס

# שיינע רייזל די נייטאָרקע

(אביסל זכרונות)

עס איז געווען אין יאר 1897 אדער 1898. צו יענער צייט האט א וועבער־געזעל אין לאדזש געארבעט פון שבת אויף דער נאכט ביז פרייטיק נאכמיטיק. ער האט באדארפט אויפשטיין יעדן טאג 5 אזייגער אינדערפרי, געארבעט ביז 12 אזייגער ביינאכט, און ווען עס איז געקומען 12 אזייגער ביינאכט האט מען זיך געדארפט ארייננעמען דעם שיעניק, וועלכער איז א גאנצן טאג געלעגן אין קארידאר, וואו אלע מינים שרצים האבן געהאט א מעגלאכקייט ארומצוטאנצן גאנצע טעג.

אט אין יענער צייט, ווען די לאגע פון לאדזשער אידישן ארבעטער איז געווען אזא שרעקלאכע, זיינען זיך צוזאמענגעקומען 8 אידישע וועבער־געזעלן און א מיידל מיט'ן נאמען (שיינע רייזעל די נייטארין) אין דעם הויז אויף טארגאווע גאס נומער 11, אין הויף אויף דער לינקער זייט אויפ'ן לעצטן שטאק, אין א צימערל אין וועלכן עס איז געשטאנען א קליין אויפשטעל־בעטל, א קליין טישל און א פאמעראנצן קעסטל, וועלכעס האט געדינט פאר א טישל וואו זיך צו זעצן. אין אזא שטיבל זיינען זיך צוזאמענגעקומען 8 אידישע ארבעטער אין לאדזש צו פייערן דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער יום טוב.

געפייערט האט מען, פארשטייט זיך, זייער אויף א גרויסארטיקן שטייגער. יעדער וועלכער האט נאר געהאט. און פארשטייט זיך, אז ניט יעדער האט געהאט, האט געגעבן א פאר גראשן און פאר דעם געלט האט מען געקויפט 2 אדער 3 פונט ברויט, א הערינג, פאר א פאר גראשן צוקער און טיי, און מען האט אפגעהוליעט ביז איינס אזייגער ביינאכט, געגעסן און געטרונקען און געזונגען רעוואלוציאנערע לידער, און פארשטייט זיך, איך געהאלטן א רעדע וועגן ערשטן מאי, און דוקא פון דער מיידל, ש י י נ ע ר י י ז ע ל די נייטארין. איינס אזייגער ביינאכט איז זיך יעדער צוריקגעגאנגען צו זיין לוין־וועבער שלאפן, מיט דער אויסנאמע פון דער מיידל, וועלכע איז געבליבן שלאפן אין דעם פראלעטארישן פאלאץ.

אהיימגייענדיק האבן מיר געמוזט גיין יעדער באזונדער. איך מיט נאך איינעם, וועלכער לעבט שוין ניט און איז שפעטער געווען א גוט־באקאנטע פיגור אין דער לאדזשער ארגאניזאציע „בונד", זיין נאמען איז געווען יחיאל רעקע, זיינען געגאנגען דורך שרערניע גאס.

אויף שרעדינע גאס זיינען אונז אנטקעגן געפארן 3 דראזשקעס מיט זשאנדארן, וואס זיינען געפארן אין דער ריכטונג פון טארגאווא גאס. קיינער פון אונז האט שוין מער שיינע רייזעל די נייטערין ניט געזען. א געוויסע צייט שפעטער, ווען עס איז אנגעקומען די אויסלענדישע צייטונג פון „בונד", „דער אידישער ארבעטער", איז אין דער כראניק געווען א מעלדונג, אז שיינע רייזעל איז אין יענער נאכט ארעסטירט געווארן און פארשיקט געווארן קיין סיביר.

לויט ה. א. טאביאש

# צווישן אַרבעטער־ציוניסטן אין לאָדזש

כדי צו פארפילן דאס בילד פון דער ארבעטער באוועגונג אין לאָדזש אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון 1905־6, ברענגען מיר עטלאכע עפיזאָדן פון לעבן צווישן די ציוניסטיש־געשטימטע ארבעטער, ווי עס באשרייבט עס מיט פיל אומפינקטלאכקייטן ה. א. טאביאש אין אלמאנאך פון די פועלי ציון. — רעדאקציע.

„די ארבעטער ארום 90 פראָצענט וועבער אינטער דער אָנפירונג פון ליפמאן און פנחס ווראזשאנסקי (געשטארבן אין מלחמה־צייט) פלעגן זיך גרופירן אין א פאראיין „תקות ציון". דער וועבער פנחס ווראזשאנסקי, א איד מיט א גאנץ לאַנגער באָרד און עלטער פון א יאָר פערציק האט געהאט א שטארקן איינפלוס אויף דער ארבעטער יוגנט פון יענער צייט. אונטער זיין איינפלוס איז געגרינדעט געוואָרן א ציוניסטישער יוגנט פאראיין „ענכי ציון" פון לויטער ארבעטער. דער פאראיין האט זיך געפונען אין לאָקאל פון „תקות ציון" אויף זרעוונאָווסקא גאס. זיין אויפגאבע איז געווען יעדן שבת צו דאווענען מיט א באזונדער מנין און צו פארשפרייטן דעם ציוניזם צווישן דער ארבעטער־יוגנט. סוף 4טן יאָר. אונטער דער ווירקונג פון די אָפטע סטרייקן און אויך צוליב דעם, וואס מיר האבן זיך שטענדיק געפונען צוזאמען מיט ארבעטער פון אנדערע ריכטונגען, האט אונז דער אלגעמיין־ציוניסטישער אידעאל שוין ניט באפרידיקט אינגאנצן, ניט געלעזט אלע אונזערע פראגן און מיר האבן אָנגעהויבן זוכן עפעס א סינטעז צווישן ציוניזם און סאָציאליזם. די ס. ס., כאטש זיי זיינען אויך אויסגעהארעוועט געוואָרן אין דער שטוב פון דעם אויבנדערמאנטן פנחס, יעדן שבת נאכמיטאג אָפגעהאלטן פארזאמלונגען אין „תקות ציון" און געווען מיט אונז אלע פערזענלאך באפריינדעט, האבן אויף אונז קיין השפעה ניט געהאט, ווייל זיי האבן צו יענער צייט שוין איבערגעריסן מיט פאלעסטינע און געפרעדיקט אוגאנדע.

די פאריינס־פארשטייער פלעגן זיך טרעפן אויך די זיצונגען פון לאָדזשער ציוניסטישן קאָמיטעט, און אָט דאָרטן פלעגן שוין פארקומען ריבונגען צווישן די ארבעטער און באלעבאטים. איך געדענק, ווען איינער א חבר האט גערעדט וועגן הונגער און נויט, האָט זיך דר. יעלסקי, דער דאמאלסטיקער פרעדיקער אין דער לאָדזשער סינאגאָגע, אָפגערופן צו איינעם אויפ'ן אויער: „יא, דער מאַן איז הונגעריק, זאגן זי אים, פיליכט וויל ער עסן אונטערבראָט ביי מיר". דאָרט האבן מיר זיך באקענט מיט די „קדימה"־מיטגלידער און מיט אייניקע פון זיי האָבן מיר געשלאָסן חברשאפט. זיי האבן אונז און מיר זיי אויסגענוצט געגנזייטיק. די „קדימה" האָט געהאט א ביבליאָטעק, וועלכע האט פארמאגט בסך הכל א 50 ביכער. די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען ביים ה' אריה האלענדערסקי. איך האב דאמאלסט נאך געדאווענט אין א חברה בחורים און הי־ זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו מאכן די בחורים פאר ציונים. צו דעם צוועק פלעג איך נעמען ביכער און זיי געבן צו לייענען די בחורים.

מיר האבן זיך באקענט מיט דער אינטעליגענץ פון „קדימה" און באשלאָסן זיך צונויפצוקומען 2־3 מאָל אין דער וואָך. די אינטעליגענטן זיינען געווען שמואל ערדעלמאן (באקאַנט אלס מולע), אריה האלענדערסקי, לייבל, דאמאלסט א באקאַנטער אין דער ריגער קאָמערץ־באַנק (יאקוב באבינעק), שולמאן שלמה — א דענטיסט, בנימין זאק — א וועבער־מייסטער, וועלכער האט דאמאלסט געלערנט דאס פאַך, אברהם טענענבוים, אדער ווי ער האָט שפעטער געהייסן, אברהם שלאסער פון „צעירי מזרחי" — דער מחבר פון די סטאַטוטן, וועלכע האבן געהאט א פונקט: „מתערבים אם שונים לא יקובלו לאגודתנו". דער טייטש דערפון: די וואָס מישן זיך אין פאָליטיק, קאָנען ביי אונז קיין מיטגלידער ניט זיין. — דאמאלסט האט נאך דער ציוניזם ניט געפירט קיין פאָליטישע ארבעט.

פון די אינטעליגענטן, וועלכע האבן זיך באטייליקט איין מאָל און באלד עוקר געווען, ווייל אונזערע סאָציאליסטישע אנשויאונגען האָבן זיי פאַריאָגט, געדענק איך בלויז דעם היינט באַקאַנטן אין לאָדזש הר. וואָלפזאָן, א ציוניסט, דאמאלסט נאָך א סטודענט.

פון די ארבעטער האבן זיך באטייליקט פישל, א קאמאַנדיר־שטעפער, א ענטוזיאַסט, א יונגער בחור 16-17 יאָר אַלט יושב ראש פון „ענבי ציון“, אַוועק נאָך ארץ ישראל, מרדכי ראַקאַווסקי, א שניצער, און דער שרייבער פון די זכרונות, א וועבער, מזרחיסטיש געשטימט.

מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען ס'רוב ביי דעם חבר לייבל (איצט אלי אקאַטשינסקי) אויף סבאַמענאַזע 21, אין זיין קאַוואַלערסקע צימער. יעדער פון אונז פלעגט זוכן צו דערקלערן, פאַרוואָס ער וויל צונויפבינדן דעם ציוניזם מיט דעם סאָציאַליזם. דאָס זיינען געווען אייגענע פערזענלאַבע מיינונגען. מיר האבן אויף די צוזאַמענקונפטן גאַרניט געלעזן נאָר גערעדט.

עס זיינען אריבער עטלאַבע חדשים ביז אין א שיינעם זומער־טאָג איז געקומען צו אונז צופארן ח' שמעון (פייגעלע) און מיר האָבן זיך דערקלערט פאַר „פּועלי־ציון“. די אינטעליגענץ האָט אנגעהויבן איינצוקומען אין אונזערע קרייזן. מיר האָבן געגרינדעט אייניקע גרופּן, מיט דער העכסטער גרופּע האָט אנגעפירט ח' שולמאַן. פון די בראָשורן, וואָס ער האָט מיט אונז געלעזן, געדענק איך בלויז די בראָשור „וואָס איז אזוינס א נאַציאָן“? פון פיליפּ קראַנין. דער ערשטער פרעמדער רעדנער, ריבטיקער געזאָגט אָרגאַניזאַטאָר איז געווען דער חבר שמעון פּרושיצקי. זיינע פאַרלעזונגען זיינען געווען וועגן קאָנסטיטוציע, רעפּובליק און ד. גל. די פאַרלעזונגען פלעגן איז מיין גרופּע פאָרקומען שבת אין דער פרי. איך מיט נאָך א חבר, חיים מרדכי, א באָגאַבטער און באוואוסטזיניקער ארבעטער (געפאַלן אין קריג), האָבן באַשלאָסן צו ראַווּנען השכמה און דערנאָך גיין צו דער פאַרלעזונג. איך האָב זיך געקלאָגט פאַר א חבר, הלמאי ח' שמעון שרייבט און היכערט אום שבת אויף דער פאַרלעזונג און איז מחלל שבת בפרהסיה, דער חבר האָט מיר געענטפערט: אמת, דאָס אידישקייט קריגט א פּגם דורך דעם פּועלי־ציוניזם. דערפאַר קריגט אבער דער ציוניזם אַן אנדער פּנים. ווען מיר קומען זיך צוזאַמען מיט די בונדיסטן, קאָנען מיר זיך אויסטענהן מיט זיי, זיי וועלן שוין ניט זיין אונזערע סטרייק־פירער, מיר וועלן זיך אליין אויסקעמפן עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג. און דאָס האָט געווירקט ניט נאָר אויף מיר, נאָר אויף די אַלע גרופּן, וועלכע זיינען באשטאַנען פון אמת'ע פּראָלעטאַריער און האָבן דאָך ניט געפונען קיין אָרט און באַפרידיקונג אין די בונדישע, ווי אויך אין די ס'רישע רייען.

צוזאַמען מיט די „ענבי ציון“ האָבן מיר מיטגעריסן אויך דעם שוועסטער פאַראיין „בת ציון“, וועלכער איז אויך באשטאַנען פון לויטער ארבעטערינס אינטער דער אָנפירונג פון דער משוגענער לייטשע (לייטשע וואַלינסקאַ), די ווייסע לאה (היינט טאַביאַש), דעם שרייבער פון די שורות און ח' פישל.

די צייט איז דאַמאָלסט געווען א שטורמישע. די בירזשעס זיינען געווען יערן אָוונט מאַסנהאַפט באַזוכט און די ארבעט איז געווען א פּרוכטבאַרע. אין א שיינעם העלן טאָג גיט מיר דער ח' פישל — וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען אונזער פונקציאָנאַר — מזל־טוב! וואָס איז געשען? מיר האָבן היינט דעם ערשטן סטרייק געפירט ביי 10 שטאָפּערינס און געזיגט. אויף מיין פראַגע: ווער האָט דעם סטרייק אָנגעפירט, ענטפערט מיר פישל: אָנגעפירט האָב איך, נאָר אַזוי ווי אייניקע מיידלאך האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן די ארבעט, איז ארויפגעגאַנגען דער ח' יאָסל קצב און ער האָט זיי געצוואונגען צו סטרייקן. הייסט עס, אז מיר האָבן שוין א „באַוועגונג“ אויך, איז מיין פרייד געוואָרן נאָך גרעסער. א פּאַרטיי אָן א באַוועגונג האָט דאַמאָלסט געהאַט א פּנים, ווי א גביר אָן געלט.

אונזערע רייען האָבן זיך מיט יעדן טאָג פאַרגרעסערט; עס האָבן זיך אויך פאַרגרעסערט די רייען פון דער אינטעליגענץ. אַזוי האָבן אָנגעהויבן ארבעטן די חברים שבת, היינט היינריך צימערמאַן, אן אסימילירטער רייטיש, א מיטאַרבעטער פון דייטשע קונסט־צייטונגען — ראַ ארויסגעגעבן א בראָשור „די טעאָריע און פּראַקטיק פון דער אידישער ליטעראַטור“, שמואל מייזעל, א אָנגעשטעלטער (היינט אין אדגענטינע) די חבר'טע שולמית (די פרוי פון ח' מאַקאַרסקי) און שפּעטער, נאָך א לאַנגן ישוב הדעת חבר הלל מיימאַן, וועלכער האָט אפשר מער ווי אַלע געבראַכט נוצן דער פּאַרטיי מיט זיין אומדערמידלאַכער פּאָפּולאַריזאַטאָרישער ארבעט.

אונזערע ערשטע עפנטלאכע אַרויסטרעטונגען זיינען פאָרגעקומען סוף 5טן יאָר. די אַקטאָבער־טעג, ווי אויך די פאָגראָמען נאָך דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט, האָבן אויפגעטרייסלט די געזעלשאַפטלאַכע כוחות פון אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג. אויסער די גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט, האָבן מיר אויך אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ, וועלכע איז באַשטאַנען פון איניקע הונדערט מיטגלידער.*) די געלט־מיטלען דערויף האָט די פּאַרטיי געגומען פון באַשטייערונגען אויף זאַמל־ליסטעס. דער עולם האָט געגעבן מיט אַן אָפענער האַנט. די זעלבסטשוץ איז געווען איינגעטיילט אין גרופּן אין פאַרשידענע שטאָטטיילן, פיל מאָל איז אונז אויסגעקומען אויף צו זיין אַ גאַנצע נאַכט אין וואַרטן אויף פּאָגראָמשטשיקעס. אָבער זיי זיינען ניט געקומען, טיילמאָל האָט זיך אונז געדאַכט, אַז אָט גייען זיי און מיר זיינען געווען גרייט זיי מקבל פּנים צו זיין מיט אונזער געווער, וואָס איז באַשטאַנען פון 3-2 רעוואָלווערן אין יעדער גרופּע — איניקע מעסערס, לאַנגע מיט אַ האָלצערנעם שטיל, און שטעקנס לרוב. נאָך דעם מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען שוין פרייער אָטעמען און מען האָט גענומען טראַכטן וועגן שאַפן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער „בונד“ האָט גערופן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־פאַרזאַמלונג פון טעקסטיל־אַרבעטער אין דעם גרויסן זאַל פון יאַראָטשינסקיס „תלמוד־תורה“. דער „בונד“ האָט שוין צו יענער צייט געפירט דיקט פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; מיר, פאַרקערט, זיינען שוין דאַן געווען פאַר אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער שרייבער פון די שורות איז אַרויסגעטראָטן אַלס אַפּאָנענט און פאַרטיידיקט אונזער שטאַנדפּונקט. דער סוף איז געווען, אַז דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן; האָבן מיר אויך געגרינדעט אַ פאַראיין פון טעקסטיל־אַרבעטער, מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, און שוין אומלעגאַל. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין „עטרת־ציון“. אין דער פאַרזאַמלונג האָבן אָנטייל גענומען ביז 100 פּערזאָן. עס איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון די חברים: פאָרזיצנדער — איטשע בער לעווקאָוויטש, אַ שערער סעקרעטאַר—מאַנאַסטירסקי, אַ שערער, היינט אין נה״י א״י, קאַסירער — דוד בלימבוים, אַ שערער, געשטאָרבן אין קריג. ה. א. טאַביאַש, אַ וועבער. חיים מרדכי, אַ וועבער. פייגע, אַ שטאָפּערין און באַטיטשע, אַ שטאָפּערין. דער פאַראיין האָט געפירט אַ ברייטע אָרגאַניזיר־אַרבעט, ניט קוקנדיק אויף זיין אומלעגאַליטעט. די אַפּצאָלונגען זיינען רעגולער איינגעפלאָסן. סטרייקס זיינען געפירט געוואָרן, און — דער עיקר — געוואונען געוואָרן. צו יענער צייט האָט דאָס געשפּילט די הויפּט־ראָלע: ווער עס האָט געוואונען אַ סטרייק, האָבן זיך די אַרבעטער אין דעם פאַר באַלד פאַרשריבן אין דעם פאַראיין און מפילא אין דער אָרגאַניזאַציע. דער פאַראיין האָט געציילט ביז 400 מיטגלידער. פּראָפ. פאַראיינען זיינען געווען פון אַלע ריכטונגען, און דאָס האָט געבראַכט צו אָפטע סכסוכים. האָט איינער געהייסן סטרייקן, האָט דער צווייטער דעם סטרייק ניט אָנערקענט. מיר האָבן פאַר די אַרבעטער יעדן טאָג אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין די גרעסערע פאַבריקן, און פון די קלענערע פלעגט מען פאַרזאַמלען איניקע אין איין לאָקאַל אַריין. די פאַבריקאַנטן האָבן אונז ניט געשטערט, ווייל אַלע האָבן געהאַסט די צאַרישע רעגירונג און געוואָלט זען איר מפּלה. אַ כאַראַקטעריסטישער קוריאָז, ביי עטינגערן האָבן געאַרבעט ביז 80 מיידלאַך קניפּערינס, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער אונזער איינפלוס, פלעגט ער (עטינגערן) אויף די פאַרזאַמלונגען דערגאַנצן אונזערע רעדעס...

מיר האָבן סוף כל סוף געוואונען עטלאַכע בונדיסטן, וועלכע זיינען מסכים געווען מיט אונז וועגן דער שאַפונג פון אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. מיר האָבן צוזאַמען מיט די בונדאָוועצעס יאַנקעל פוקס, היינט אַ פירער פון אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק אין כאַרקאָוו, הייכל שערער, (היינט אין אַמעריקע), משה וואָלעצקי, אָנגעהויבן צוגרייטן די אָרגאַניזירונג פון אַן אומפּאַרטייאישן פאַראיין. זומער 1906, בערך אין יוני אָדער יולי, האָט זיך אָרגאַניזירט דער טעקסטיל פאַראיין פון פּ. פּ. ס. מיר האָבן באַקומען אַן איינלאַדונג צו דער גרינ־

*) די צאָל שיינט צו זיין שטאַרק איבערטריבן. — רעדאַקציע.

דונגס־פאראזמיטונג. עס זיינען רעליגירט געווארן די חברים פישער און בנימין זאב, די פאר־זאמלונג איז פארגעקומען אין פאזנאנסקיס פאבריק. באלד נאך דער גרינדונג האבן מיר אנגע־קניפט מיט זיי נענטערע באציאונגען און אנגעהויבן אונטערהאנדלונגען וועגן פאראייניקן זיך מיט זייער פאראיין. די פאראייניקונג האט געזאלט פארקומען גלייכצייטיק פון אונז מיט די ס. ס.

· במעט אין דערזעלבער צייט זיינען מיר אלארמירט געווארן טעלעגראפיש פון טאמאשאוו, מיר זאלן אריבערשיקן א מענטש, א פאכמאן אין דער טעקסטיל־בראנזשע, ווייל עס קומט דארט פאר אן אלגעמיינער סטרייק פון האנט־וועבער. איך בין גלייך ארויסגעפארן און פארפארן צום ח׳ ישוב, א העברעאישער לערער, דער שפעטער באקאנטער ח׳ כתריאל אדער לעאן באזאנא־וויטש. געסטרייקט האבן עטלאכע צענדליק וועבער. די לעצטע מאהיקאנער פון די האנטוועבער אין טאמאשאוו.

דער סטרייק איז געווען א הארטנעקיגער פון ביידע צדדים. געהאנדלט האט זיך ווי גע־וויינלאך: די ארבעטער האבן געפאדערט א הוספה, און די פאבריקאנטן האבן ניט געוואלט געבן. אין טאמאשאוו איז אבער די לאגע געווען א סך ערנסטער, ווייל די האנט־וועבעריי האט שוין געהאלטן ביים אונטערגאנג, און די פאבריקאנטן, ביי וועלכע מען האט געסטרייקט האבן בלויז געזוכט די געלעגנהייט פטור צו ווערן פון די פאר אידישע וועבער. אזוי, אז ס׳איז געווען במעט ווי אויסזיכטלאז צו פירן דעם סטרייק. ח׳ כתריאל און איך זיינען באפולמעכטיקט געווען וואו צו פירן די אונטערהאנדלונגען מיט די פאבריקאנטן און גלייכצייטיק האבן מיר א שמועס געהאט מיט זיי וועגן אריינגעמען אידישע וועבער אין די מעכאנישע וועבערייען. ווי ס׳האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, האט אונזער אינטערווענץ געהאט דערפאלג.

ווי געזאגט האב איך געוואוינט אין דעם קליינעם ראך־שטיבל ביים ח׳ כתריאל. איינמאל שטיי איך אויף אינדערפרי און זוך מיין פאלטן — והילד איננו! אוועקגעקומען.

— וואס איז געשען? א גנבה?

— ניין, ענטפערט ח׳ כתריאל און לאכט.

— וואס לאכט איר? פרעג איך, איך בין דאך געבליבן אן א קאפאטע.

נעמט מיך ח׳ בתריאל ביי דער האנט און פירט מיך אריין צו א שכן, א שניידער. די קאפאטע ליגט ברייטלאך אויף דעם טיש און איז אנגעצייכנט מיט קריידע, ווי ווייט מען זאל איר ארומהאקן... אזוי האט באזארגט ח׳ כתריאל. קוים מיט מאטערניש האב איך די קאפאטע מיינע ארויסגעראטעוועט פון צו ווערן „פארגואישט".

לאדזש האט אנגעפירט מיט דער ארבעט אויך אויף דער פראווינץ. איינער פון די בעסטע פראווינץ־טוער איז געווען חבר מרדכי ראקאווסקי. א לענגערע צייט האט ער געארבעט אין בענדין, פאביאניץ, לאסק, זאווערטשע און פרזשעדבארזש. דאס לעצטע — א געוואלטיק פאב־ריקס שטעטל. ווי אין א סך אנדערע שטעטלאך, איז אויך אין פרזשעדבארזש געקומען צו געשלעגן צווישן אונזערע חברים און די „שטערער פון דער ארבעטער זאך", ווי מען פלעגט זיי דעמאלסט רופן. במעט דאס גאנצע שטעטל, אנהייבנדיק פון די פורמאנעס ביז די תשוב׳סטע סוחרים, אריינגערעכנט אויך דעם איינציקן אינטעליגענט, דעם לערער, האט אונז געדרופט. די טאטעס האבן געשלאגן די קינדער אינדערהיים, און אין דער גאס זייענען זיי געשלאגן געווארן פון די ווילדע יונגען, פון פורמאנעס און גלאט אזוי פון יעדן, וועמען אונזערע חברים זיינען ניט געפעלן.

די פרזשעדבארזשער חברים האבן זיך געווענדט צו אונז וועגן הילף און מיר האבן זיי די הילף צוגעשטעלט אויף צוויי אופנים: מיר האבן אריבערגעשיקט צוויי פון אונזערע באוואוסטע קיין פרזשעדבארזש, די חברים יוסל קצב און דעם שווארצן וואלף (איז אין אמעריקע). מיר און לאדזש האבן זיך גענומען טעראריזירן די פורמאנעס. אויך ביי די סוחרים, וועלכע זיינען גע־קומען קיין לאדזש האבן מיר קאנפיסקירט זייערע סחורות. נאך א באיקאט איבער׳ן שטעטל און א לאנגן מאמד איז געקומען צו אן אויסגלייך. יענער צד האט באצאלט 400 רובל קנס און אפגעשטעלט נעגן אונז די רדיפות.

* * *

דער ערשטער ארעסט ביי אונזערע חברים אין לאדזש איז פארגעקומען סוף יאר 1906 אין דער קאוויארניע פון אונזער חבר ישראל טאבאקסבלאט, ווסבאדניא 21. פאליציי האט ארומגערינגלט דאס הויז און ארעסטירט ארום 100 פערזאן, די פאליציי האט אויך געמאכט א גרינטלאכע רעוויזיע אין דער פריוואטער וואוינונג פון ח׳ טאבאקסבלאט. צום גליק האט מען אין א פאר שעה פריער פון דארטן ארויסגענומען א סך געווער, וואס מיר האבן דארט גע־האט ליגן. די ארעסטירטע זיינען נאך א פאר טעג זיצן באפרייט געווארן, בלויז איין חבר איז געבליבן זיצן אדמיניסטראטיוו דריי חדשים; חבר אברהם פינקלשטיין, אפגעזעסן איז ער די שטראף אין לענטשיץ, און איז ארויס פון טורמע א קראנקער, א צובראכענער.

אונזערע אונטערהאנדלונגען מיט די פ. פ. ס. זיינען געווען אויף א גוטן וועג און מיר האבן זיך גענומען גרייטן צו דער ענדגילטיקער פאראייניקונג. מיר אין די ס. ס. האבן צונויפ־גערופן א געמיינזאמע פארזאמלונג און אויסגעוויילט דריי דעלעגירטע אין צ. ק. פון די פראפ־פאראיינען, ווייל דער פאראיין איז געווען ניט א לאקאלער, נאר ארומגענומען גאנץ פוילן און די לאדזשער פארוואלטונג איז געווען גלייכצייטיק דער צ. ק. די וואלן זיינען געווען לויטן מעדר־הייטס־סיסטעם און מיר האבן מאדריזירט די ס. ס. און דורכגעפירט דעם שרייבער פון די שורות, בנימין זאב און דעם בונדיסט יאנקל פוקס. אונזער פארמעגן 300 רובל און 100 פון די ס. ס. האבן מיר אריינגעגעבן אין דער אלגעמיינער קאסע.

איך בין נאר געגאנגען לאנג געקליידט, און נאך דער ערשטער זיצונג פון דער פארוואלטונג, האט מען מיר געלאזט זאגן דורך דעם חבר בנימין זאב. אז ס׳איז ניט נעוואונשן, א לאנג גע־קליידעטער זאל זיך באטייליקן אין די זיצונגען, וועלכע קומען פאר ס׳רוב אין פאבריקס־לאקאלן, אדער אין די פאמיליע־הייזער ביי די פאבריקן אין א זונטיק־פארמיטאג. האב איך זיך אנגע־הויבן קליידן קורץ.

די ארבעט אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג איז אוועק לעבעדיק. אונזער פאראיין איז געוואקסן און מיר זיינען געווארן א שטארקער קאנקורענט פאר׳ן בונד. די צאל פון אונזערע מיטגלידער (אידישע) איז געשטיגן ביז 1500, דער בונד האט אראפגעבראכט קיין לאדזש זיינע בעסטע כחות אפצושלאגן אונזערע אטאקעס. עס האט זיך אים ניט איינגעגעבן. אונזער פאר־איין איז אויסגעקומען צו פירן א פארטיידיקונגס־קאמף געגן דעם באוואוסטן לאקאוט, וועלכער האט געדויערט איניקע חדשים און ארומגעכאפט העכער 20 טויזנט ארבעטער. פון אונז דריי איז האט נאר איינער, בנימין זאב, גערעדט פויליש. איך און דער ח׳ יאנקל פוקס האבן גערעדט אידיש, וואס א טייל האט פארשטאנען און א. רזשעווסקי, דער שפעטערדיקער לאדזשער פרע־זידענט, האט זאגאר זיך געפלייסט אליין צו רייבן מיט אונז אידיש. די גאנצע פארוואלטונג איז באשטאנען פון ארבעטער און מייסטער. צייטנווייז פלעגט אויף די זיצונגען קומען אן אינזשיניער (אן שטיט־רעכט) א פ. פ. ס., א איד, זיך צוקוקן צו אונזער ארבעט און מיטהעלפן מיט אנווייזונגען. איינמאל האט ער אריינגעטראגן א פארשלאג, מען זאל אויסבארגן דער פארטיי 300 רובל. מיר, אידן, זיינען געווען דערפאר און די פוילישע חברים געגן; זיי האבן עס מאטיווירט דערמיט, וואס אזוי ווי מיר באשטייען פון דריי פארטייען, און עס קאן טרעפן, אז א אידישע פארטיי וועט אויך וועלן בארגן, און מיר וועלן ניט אויב זי קאן ניט אמאל דורכ־פאלן, וועלן מיר אונזערע אויך ניט בארגן, כדי ניט מאכן קיין אויסנאם איינע פאר דער צווייטע.

אין יאר 1907 איז דער פאראיין לעגאליזירט געווארן און אנגעהויבן פירן א ברייטע טע־טיקייט, ארויסגעגעבן א צייטונג אין פויליש, און געשטיצט א אידישן פראפעסיאנעלן ארגאן. אבער דאס האט ניט לאנג געדויערט און דער פעראיין איז פארמאכט געווארן. די גאנצע פאר־וואלטונג, ווי אויך א גרויסע צאל מיטגלידער, וועלכע זיינען צופעליק געווע[ן] אין פאראיין, זיי־נען ארעסטירט געווארן, א גרויסער טייל איז פארשיקט געווארן קיין סיביר. אזוי האט זיך געענדיקט א בלעטל געשיכטע פונ׳ם אידיש־פוילישן ארבעטער־לעבן.

אַדוואָקאַט פּיאָטר קאָן (לאָדזש)

# די קריגס געריכטן אין לאָדזש אין די יאָרן 1909—1907

די רעפּרעסיעס פון דער רוסישער מאַכט אין די יאָרן 1905, 1906 און 1907 קעגן אַלע די וואָס האָבן געדיינקט, אַז „אַזוי ווייטער לעבן ווי ביז איצט איז אוממעגלאַך", האָבן דער־גרייכט דעם מאַקסימום אָנגעצויגנקייט, אין דער ערשטער העלפט אויגוסט 1907, וואָס האָט געדראָט צו ליקווידירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אַז אַרבעטער מיט'ן נאָמען פּעלער האָט דערהאַרגעט מיעטשיסלאַוו זילבערשטיין, די־רעקטאָר פון אַקציען געזעלשאַפט פון מאַרקוס זילבערשטיין. זילבערשטיינ'ס טויט האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די פּאַבריקאַנטן פון דעם גרויסהאַנדל, און די אַרטיקע מאַכט האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה טאָן און איז ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. דריי טעג נאָך זילבער־שטיינ'ס טויט זיינען פון וואַרשע געקומען צופאָרן קיין לאָדזש דזשאַנדאַרמישע באַאַמטע בראש מיט'ן גענעראַל אוטהאָף, דער געהילף פון'ם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אין פּאָליטישע פראַגן. אין די סאַלאָנען פון'ם „גראַנד" האָטעל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קריגבאַראַטונג, צו וועלכער ס'זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַלע אָנפירער פון די פּאָלקן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם קרייז פון די פּעטריקאָווער און קאַלישער גובערניעס. דער גענעראַל אוטהאָף האָט געפאָדערט פון דעם צייטווייליקן גענעראַל־גובערנאַטאָר פון דער פּיעטריקאָווער גובערניע אָנ־צונעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן די אַרבעטער, ווי טויט־שטראָף, קעגן די שולדיקע אָן אַ משפּט.

ווען אַלע אָנוועזנדע ביי דער זיצונג, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו די שרעקלאַבקייטן פון קריגס־צושטאַנד, האָבן אויפגעציטערט פון איבעראַשונג, און דער גענעראַל ראַדקעוויטש האָט זיך אָפּגעזאָגט באַלד אויפ'ן אָרט פון'ם אַמט אַלס צייטווייליקער גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט זיך פון זיין אָרט אויפגעהויבן דער פירער פון דער קאַלישער פוסגייער דיוויזיע, גענעראַל קאַזנאַקאָוו און דערקלערט, אַז אָן וועלכע ס'איז ניט איז באַוואָרעניש נעמט ער אָן די געשטעלטע תנאים און איז גרייט גלייך אָנצונעמען דעם אַמט פון גענעראַל־גובער־נאַטאָר.

אויף צו מאָרגנס האָבן די אַרטיקע צייטונגען אָפּגעדרוקט אַ ידיעה, אַז דער גענעראַל קאַזנאַקאָוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס צייטווייליקער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון די פּיעטרי־קאָווער און קאַלישער גובערניעס. דער נייער גרויס־רעגירער האָט נאָכ'ן איבערנעמען זיין אַמט תיכף געהייסן אַרעסטירן אַלע אַרבעטער, אָן אַן אויסנאַם, פון דער אַקציע געזעלשאַפט מ. זילבערשטיין. אַלע אַרעסטירטע, אַרום טויזנט פּאַרשוין, האָט מען איינקוואַרטירט אין די יעקאַטערינענבורגער קאַזאַרמעס און דאָרט איז אויך אָנגעפירט געוואָרן די פּאָליציייאישע אויספאָרשונג. און בלויז אויפ'ן גרונט פון פּאָליציייאישע פּראָטאָקאָלן, וואָס זיינען צוזאַמענ־

געשטעלט געווארן פון אומדערפארענע מענטשן. פון מענטשן וואס האבן דאס געזעץ ניט געקאנט, פון רעוויראוועס און געהילף־קאמיסארן, האט גענעראל קאזנאקאוו פארמשפט צום טויט אבט מענטשן פון דער ערשטער גרופע אויסגעפארשטע. דאס זיינען זייערע נעמען: אבסט, האבט, בלאר, ראניעלסקי, פובאלא, קונעק, קאשובא און אלבינא מילער.

דעם 20טן סעפטעמבער 1907, 3 אזייגער פארטאג זיינען די דערמאנטע מענטשן אין א געריכט אומגעבראכט געווארן דורך דערשיסן זיי אין דעם שטאטישן וואלד, ניט ווייט פון דער קאלישער סטאנציע.

צו מהמת דעם הערדישן טויט פון אלבינא מילער, וואס האט געהוזקט פון די תלינים שטייענדיק שויז צוגעבונדן צום בוים ווי זי וואלט געגאנגען אויף א חתונה, צי דערפאר וואס ס'האבן זיך ארומגעטראגן קלאנגען, אז אבסט איז אינגאנצן אומשולדיק אומגעקומען, האט דער גענעראל קאזנאקאוו אויפגעהערט די אדמיניסטראטיווע עקזעקוציעס און באשלאסן אויף ווייטער איבערגעבן די שולדיקע צו דעם קריגס־געריכט. דאס איז געווען די לעצטע עקזעקוציע דורך דערשיסן. ביז דעמאלט זיינען אויפ'ן גרונט פון אורטיילן פון קריגס־געריכטן דערשאסן געווארן 20 מענטשן (אין 1905־1906).

ווען די ביקסן ווי געריכטלאכע אויספיר ־ ארגאנען האבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן, איז איבער לאדזש געהאנגען אן אנדערער שאטן פון טויט — טויט דורך הענגען. די קריגס־געריכטן האבן באשטענדיק אנגעהויבן צו פונקציאנירן אין פעברואר 1908. די קריגס־געריכטן האבן געמישפט ווענן אנגעהעריקייט צו דער פ. פ. ס., (פוילישע סאציאליסטישע פארטיי) און צום „בונד", און אין די מערסטע פאלן פארמשפט צו שווערער ארבעט פון 4 ביז 8 יאר.

די קריגס־געריכטן האבן פארמישפט צו שווערער ארבעט בסך הכל 180 מענטשן. א ריזיקע ארבעט האבן געהאט די אדמיניסטראטיווע מאכטן מיט דער זשאנדארמעריע אין דער שפיץ. ס'איז גענוג צו זאגן, אז במשך פונ'ם ערשטן יאנואר 1908 ביז'ן ערשטן אקטאבער 1909 זיינען פארשיקט געווארן אין מער אדער ווייניקער דערהווייטערטע גוברניעס פון לאדזש, זגיערזש און פאבאניעניץ פאר אזוי־גערופענע פאליטישע אומ'בשר'קייט קנאפע זיבן טויזנט מענטשן. די צאל וואלט נאך געווען באדייטנדיק גרעסער, ווען ניט די פארהעלטניסמעסיק יושרדיקע און טאקטישע האנדלונג פון נאטשאלניק פון דער זשאנדארמעריע, פאלקאווניק גלאוואטשעוו, וואס האט מיט זיין אייגענער מאכט באפרייט א סך הונדערטער מענטשן.

היינט, נאך אזויפיל יארן, קאן דער שרייבער פון די שורות קאטעגאריש באשטעטיקן, אז אין יענער שרעקלאכער צייט האבן די אויטיקע פראפעסיאנאלן, ווי אדוואקאטן, דאקטוירים, אינזשינירן, לערער און זשורנאליסטן, זיך געפונען אין א שטארק אומזיכערער לאגע. כדי אראפ־צורייסן דעם קאפ פון דער רעוואלוציאנערער הידרע, פלעגט מען שמועסן אין די ארטיקע „ספערן", ראריף מען שיטערער מאכן די רייען פון די געבילדעטע מענטשן און צו דעם איז פאראן איין מיטל — ארויסציִשיקן גאנצע מחנות אין די פארשידענע פינעגעס, וואלאגדעס און אנדערע ליבע שטעטלאך. דאס ענערגישע ארויסטרעטן פונ'ם פאלקאווניק גלאוואטשעוו האט געדא־טעוועט די סיטואציע און דער פראיעקט איז פארגעסן געווארן.

די אנגעזעענע שרייבערין גאבריעלא זאפאלסקא, וואס איז אזוי גלענצנד אינפארמירט געווען וועגן דער טעטיקייט פון דער זשאנדארמעריע אין אונזער לאנד, האט אונז געוויזן אין איר פיעסע „טאמיטען" און „ערלאבן" זשאנדארם, פאלקאווניק קארנילאוו. אט אזא קארנילאוו פאר לאדזש איז געווען פאלקאווניק גלאוואטשעוו.

נאכ'ן אפשאפן דעם קריגס־צושטאנד אין לאדזש האט פאלקאווניק גלאוואטשעוו געקראגן א העכערן אמט אין ווארשע, אבער ער האט זיך דארטן ניט לאנג געהאלטן, ווייל ער האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין צו ווייך. קורץ, נאך פאלקאווניק גלאוואטשעוו האט אויך גענעראל קאזנאקאוו פארלאזט לאדזש.

# מאיר וואַרשאַווסקי

# זכרונות פון טורמע לעבן *)

דאָס האָט פּאַסירט מיט 22 יאָר צוריק. צווישן די יאַרזשער דרוקער־אַרבעטער האָט זיך געפירט אַן אינטענסיווע אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיקייט אונטער דער פירערשאַפט פון׳ם בונדישן „פּאַפּיר בראַנזשע פאַראיין". דעם 28טן מײַ 1908, האָט מען גערופן אַ מאָביליזאַציע־פאַרזאַמלונג פון די דרוקער און איינבינדער אַרבעטער אין „ענגלישן זאַל". הגם דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין איז געווען אַ לעגאַליזירטער און פאַר דער פאַרזאַמלונג האָט מען געקראָגן די נויטיקע דערלויבעניש פון דער „מאַכט" (ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, מיט אַ באַשטימטער כונה), האָבן מיר זיך נאָך ניט באַוויזן „אָנצואָזאָגן־עמען", ווען מיר זײַנען אַרומגערינגלט געוואָרן פון פּאָליציי. אָן שאלות ומעלות האָט מען אונז אַלעמען אַרעסטירט. גלײַכצײַטיק האָט מען אויך אַרעסטירט דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון „בונד". וועלכער האָט גראָד געהאַט אַ זיצונג אין דער זעלבער געבײַדע. פיל פון אונז זײַנען געווען נײַ אין דער באַוועגונג, נאָך יונג, אומדערפאַרן אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט — נאַטירלאַך, האָט דער פאַל געמאַכט אויף זיי אַ שווערן איינדרוק.

ווען מען האָט אונז אַרײַנגעפירט אין דער טאַרגאָווע גאַס טורמע, האָט דער נאַטשאַלניק יעגאַראָוו, אַ בעסטיע אין אַ מענטשלאַכן געשטאַלט, אונז מקבל־פּנים געווען אויף אַ ברוטאַלן אופן מיט אונזערע אייגענע שפּאַציר־שטעקלאַך; ער האָט צוזאַמען מיט זײַנע משרתים זיך איזדעקעוועט איבער אונז. ס׳האָט, פאַרשטענדלאַך, ניט געפעלט דער באַקאַנטער „מי־שברך", ווי אַ צאַרישער טשינאָווניק האָט געקענט. ס׳איז באמת שוין געווען אַ דערלייכטערונג ווען מ׳האָט אונז אײַנגעשפּאַרט אין די קאַמערן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאַמערן זײַנען שוין געווען פון פריער אָנגעגרייט, אויסגעליידיקט פון אַנדערע אַרעסטירטע. זיי זײַנען אָבער באַלד געוואָרן איבערגעפּאַקט. אַ טייל האָט אפילו ניט געהאַט קיין פּלאַץ אויף די נאַרעס. האָבן זיי אוועקגעלייגט זייערע בינטלאַך ביינער ווי ס׳איז אויפ׳ן דיל. אָבער די פאַרפּעסטעטע לופט און דער עיפּוש פון די „פּאַראַשקעס" האָט אַזוי שלעכט געווירקט, אַז ס׳איז אוממעגלאַך געווען איינצושלאָפן...

פּלוצלונג, צו אונזער איבעראַשונג, מיט׳ן ערשטן שטראַל פון׳ם אָנקומענדיקן טאָג, דערהערן מיר פון אַ ווײַטער קאַמער אַ באַקאַנטע שטימע זינגענדיק די דעמאָלט־באַקאַנטע פאָלקסלידער: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא", „וואָס וועט זײַן אַז משיח וועט קומען". דאָס האָט געזונגען אברהם קאַבאַנסקי.

די חברים און חבר׳טעס פון פילע קאַמערן זינגען מיט. מען גייט אַריבער צו רעוואָלוציאָנערע און איבערטער־לידער. דעם טאָן האָט אַלעמאָל געגעבן אברהם קאַבאַנסקי, אויך דניאל, דער הויבער יוסף, סאַשע און אַנדערע פלעגן אים אַקאָמפּאַנירן. דאָס האָט געהאַט אַ גוטע

---

*) דעם 28טן מײַ פון יאָר 1908, איז לאָדזש אויפגערודערט געוואָרן צוליב אַ גרויסן אַרעסט וואָס איז פאָרגעקומען אין „ענגלישן זאַל" אויף פּאַסאַזש שילער 2 (איצט אַלעיאַ פּיערווסזעגאָ מאַיאַ). וועגן אָט דעם אַרעסט, געפינען מיר אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 15טן יולי 1930, אַ אינטערעסאַנטע באַשרײַבונג פון מאיר וואַרשאַווסקי, איינער פון די אַרעסטירטע. צוליב דעם אינטערעס פון דער דאָזיקער באַשרײַבונג פאַר אונזער בוך, ברענגען מיר דאָ עטלאַכע עפּיזאָדן מיט קליינע אויסבעסערונגען פון אומפּינקטלאַכקייטן וואָס אונז איז געלונגען פעסטצושטעלן:—

כמעט אַלע אַרעסטירטע האָט די צאַרישע מאַכט פאַר׳משפּט פּאַרטיקט צו ווערן אויפ׳ן אַדמיניסטראַטיוון אופן, און מיר ברענגען ווייטער, עטלאַכע פון וואַרשאַווסקי׳ס עפּיזאָדן וועגן אַרעסט און פון וועג צו דער פאַרשיקונג.



## א גורפע פּאָליטישע ארעסטירטע
## פון דרוקער פאַך

פאָטאָגראפירט אין לאָדזש
אין 1908

---

דאָס בילד האָבן מיר באַקומען דורך דער פריינטלאַכקייט פון ל. דעמבינסקי.

די ארעסטירע זיינען: אין דער 1טער רייע זיצנדיק זיינען פון לינקס צו רעכטס: 1) מאיר בערמאן, 2) הערש דימאנד, 5) דאָס קליינע בערישל, 6) הניכער יוסיל, 7) אהרן סטאַלינסקי אין דער צווייטער זייט זיצן 1) אפּאָטאָווסקי, 4) שיינדעל, 6) סאַשא 7) פרידא 10) ישראל בער ביילין און שמואל זילבערשטיין. אין דער דריטער רייע טייל זיצנדיק און טייל שטייענדיק זיינען: 1) דער טורמע נאַטשאַלניק יעגאראָוו, 4) אַסטראָמאָגילסקי, 6) משה לאַמאַניען, 7) לעמעל דעמבינסקי, 11) נ. צעדערבוים און 12) לענטשיצקי שטייענדיק זיינען: 5) א קאַבאַנסקי, 6) ישראל יודל פעפער, 7) ראַזענצווייג, 8) נ ווייזענבערג, 10) מאיר וואַרשאַווסקי, 11) מ. פריש און 12) אברהם לוצקי. אין דער לעצטער רייע לעצטער רייע שטייענדיק זיינען: 1) קאַלסקי, 2) דאַניעל עליא רייך, 4) אלטמאַן, 5) פיעקאַרסקי און 6) לוזערסאָן

ווירקונג אויף אונז. עס האט אונז אינספּירירט צו זיין דרייסטער און מוטיקער אין אונזערע ווייטערדיקע האנדלונגען אין פארלויף פון אונזער ארעסט.

די טורמע אדמיניסטראציע מיט יעגאדאָוו'ן אין דער שפּיץ, האָט פארשטענדלאך ניט געשוויגן. מען האט נאך שטדרייננגער געמאכט דעם אזוי אויך שווערן רעזשים — פון קארצער איז שוין אפגערעדט, עדגער איז געווען ווען מען פלעגט אונז צוטיילן און אריינזעצן אין די קאמערן פון די נידעריקסטע, געפּעדלאכסטע, קרימינעלע פארברעכער. די לעצטע פלעגט מען העצן געגן די פּאָליטישע.

אונזערע חבר'טעס שיינדל, צירל און פרידע האָט מען אויך ניט געשאנעוועט. אויך זיי האט מען צוזעצט צווישן קרימינעלע פארברעכערינס און פּראָסטיטוטקעס, א זאך וואָס איז זעלטן ווען פּראקטיצירט געווארן אין אנדערע טורמעס. דער נאטשאלניק האָט געהאט א סאדיסטישן געפיל און א בעסטיאלישע הנאה צו פּייניקן פּאָליטישע ארעסטירטע. די ווירקונג אויף די פּאָליטישע איז אבער געווען א פאדקעדטע. מיר פלעגן ווייטער מאכן מאניפעסטאציעס, באזונדערס אברהם קאַבאַנסקי. ער פלעגט אפט אדויסרופן צו זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

ס'איז קיין וואונדער ניט ווארום אברהם קאַבאַנסקי איז געווען באליבט ביי אונז אלעמען. ער איז געווען אן אמת'ער טיפּ פון א מאַסאָוויק. פון זיין פרידעסטער יוגנט האָט ער שוין געמוזט טראגן דעם יאך פון מפרנס זיין די פאמיליע, ווייל ער איז געווען דער איינציקער שפּייזער — זיין פאטער איז געשטארבן ווען ער איז נאָך געווען א קינד. אלס ליטאָגראפער איז ער געווען שטארק טעטיק אין דער פאפיר בראנזשע. זייענדיק אן אקטיווער מיטגליד פון „בונד“, פלעגט ער זיך באטייליקן אין יעדער רעוואלוציאָנערער אקציע, אגב פלעגט ער אויך זיך שטארק אינטערעסירן מיט קולטורעלע טעטיקייט און איז געווען טעטיק אין דער „הארפע“ און אנדערע קולטורעלע ארגאניזאציעס.

מיט דער צייט האט מען פיל פון די ווייניקער פארדעכטיקע באפרייט. אונז האָט מען איבערגעפירט אין א קאַזאַרמע אויף לואיזע גאס, וואָס איז ווי פילע אנדערע הייזער פארוואנדלט געווארן אין א צייטווייליקער טורמע. דער טורמע־רעזשים איז שוין דא געווען פיל לייכטער. דא פלעגן די פּאָליטישע האבן זייערע פּריווילעגיעס און זיצן צוזאמען אין איין גרויסער קאמער. מיר פלעגן זיך גרופּירן אין קאמונעס. דאס לעבן דאָ איז געווען אינטערעסאנטער. מיר פלעגן שוין האבן באריזונג מיט דער אויסערלאכער וועלט. פלעגן אריינקריגן אויף פארשידענע וועגן „טריפה'נע“ ליטעראטור. אין די אוונטן פלעגן געפירט ווערן פארשידענע שמועסן, יעדערער אויף זיין אופן פלעגט זיך טיילן מיט זיינע זכרונות פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

א באזונדערן איינדרוק האָט געמאכט אויף אונז אלעמען סאשע'ס איבערלעבונגען. סאשע איז געווען דער באליבטסטער פארשטייער ביי די פאפיר בראנזשע ארבעטער. אויך אין טורמע פלעגט ער זיך אפּגעבן מיט קולטורעלער אויפקלערונגס־ארבעט, — אנפירן א קלאַס פאר עלעמענטארע בילדונג.

סאשע האָט געהאט א רייכע רעוואָלוציאָנערע פארגאנגענהייט. אלס רעזולטאט פון זיין אקטיווער אנפירנדער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין ווילנע, איז ער געשטאָכן געוואָרן פון אונטערגעשיקטע אונטערוועלט חברה. ער איז געבליבן לעבן, אָבער פיזיש איז ער געווען צעבראכן, און ניט קענענדיק איבערטראגן מער די פיזישע ליידן, איז ער באגאנגען זעלבסטמאָרד.

אינטערעסאנט זיינען געווען אויך דניאל'ס (עליע דייך) זכרונות. ער האָט געהאט אן אויסערגעוויינלאכן טאלאנט איבערצוגעבן איבערלעבונגען. ער איז אויסגעזעסן אלע „באַרימטע“ טורמעס און געזעסן מיט די אָנגעזעענסטע טוערס פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, אריינגערעכנט טוער פון דער „נאראדנאיא וואליא“ און „זעמליא“. ער איז אויך געווען איינער פון די אנטייל נעמער אין דער „באַרימטער יאקוטסקער“ דראמע, וועלכע האָט צו יענער צייט אויפגעשטורעמט די גאנצע פּראָלעטארישע וועלט.

איך וויל נאָר איבערגעבן איניקע עפּיזאָדן פונ'ס לעבן פון אברהם קאַבאַנסקי.

„מיר געפינען זיך שוין אין ווארשעווער פּערעסילנער טורמע אויפ'ן וועג צו אונזער פארשיקונג. איינמאל אין אוונט טראגן זיך פּאַנאַנדער איבער דער טורמע אויסגעשרייען פון רעוואָ־

לוציאָנערע לאָזונגען: „פּרעטש ס צאַריאַטעם“, „ניעך זשיע רעוואָלוציא“ א. אז. וו. פין אלע קאַמערן ענטפערט מען אין א מעכטיקן אפּרוף: „דא ווידזעניא נא באַריקאַדאַך“. מען שיסט איז די קאמערן. קאַבאַנסקי'ס שטימע דונערט: „נא פּאָדלאָגע“ און ליגנדיק אויפן דיל זינגען מיר די „רויטע פאָן“ און „אויף די באַריקאַדן“. קאַבאַנסקי הייבט פון אלעמען, מיט א באַזונדערער התלהבות — ראָס האָט מען זיך אזוי צוזעגנט מיט א פּאַרטיע פּאָליטישע, וואָס זיינען אוועק אויף קאַטאָרגע, אדער סיביר“.

„מען פירט פון באַן צו דער מאָסקווער פּערעסילנע. בייס וואָקזאל האָט אונז שוין אָפּגעוואַרט א גרויסע מאַסע, וועלכע האָט אונז באַגריסט מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. עס קומט צו צוזאַמענשטויסונגען צווישן די דעמאָנסטראַנטן און דער מאַכט. די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן ווערן אינספּירירט פון דעם חבר'שן קבלת פּנים פון דער מאָסקווער אַרבעטערשאַפט. מיר ענטפערן אויף די לאָזונגען מיט רעוואָלוציאָנערע אויסרופן. ווען ניט די גרויסע וואַך פון קאָנוואָי וואָלט עס אויסגעקוקט ווי א מאַסן־דעמאָנסטראַציע. מיר מאַרשירן זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער אין א געמיש פון פאַרשידענע שפּראַכן. די קייטן פון די הענט און פיס קלינגען צום טאַקט. עס איז געווען א הערלאַך און אומפאַרגעסלאַך בילד.“

## קאָזאַקן מאַכן א פּאָגראָם אויף א אידישער פאַבריק.

דעם 17טן מאַי, 1907, האָט די „באָיעוואַקא“ פון דער פּ. פּ. ס. דורכגעפירט אויפ'ן ראָג פּאָדלעשנע און לאַנקאָווע אן עקספּראָפּריאַציע אַטאַקע אויף א פּאָסט וואָגן, וואָס האָט געפירט געלט און ווערט־פּאַפּירן. און איז באַגלייט געוואָרן פון פיר קאָזאַקן. בעת דעם אָנפאַל איז איינער פון די קאָזאַקן דערהרגעט געוואָרן. די „באָיעוואַקא“ איז געלונגען צו פאַרכאַפּן צוויי הונדערט טויזנט רובל און ווערט־פּאַפּירן פאַר אכציק טויזנט רובל.

אין דער סומאַטאַכע וואָס איז אנטשטאַנען בעת'ן שיסעריי האָט זיך דאָס פערד פונ'ם דערשאָסענעם קאָזאַק דערשראָקן און איז אנטלאָפן אליין א פאַרבלוטיקטס אין דער קאָזאַרמע. ווען די קאָזאַקן אין דער קאָזאַרמע האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי דערצאָרנטע ארויס אין גאַס מיט דער אבזיכט צו רעוואַנזשירן דעם טויט פון זייער חבר.

צעווילדעוועטע זיינען די קאָזאַקן אריין אין דער פאַבריק פון קוטנערן און ווי חיות גענומען שיסן רעכטס און לינקס און האַקנדיק מיט זייערע שווערדן וואו כ'האָט זיך זיי נאָר געלאָזט אומשולדיקע אַרבעטער זיינען געפאַלן ווי די פליגן. צענדליקער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די וואָרשטאַטן און די איינאָרדנונגען פון דער פאַבריק זיינען צושטערט געוואָרן און 21 מענטשלאַכע לעבנס, צווישן זיי דער דירעקטאָר אלעקסאַנדער הירשבערג, זיינען געפאַלן קרבנות.

## אן אָנפאַל אויף דער פּאָליציי.

אין מיטן פון יאָר 1906 האָט זיך די צאַרישע מאַכט באַרנומען פאַרשטאַרקן אירע רעפּרעסיעס געגן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אויף אן אומדערהערטן אופן. די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע האָבן געבושעוועט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט. די „באָיעוואָקעס“ פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן באַשלאָסן, אז דער באַגייטער און פאַרשטאַרקטער טעראָר מצד דער צאַרישער מאַכט קאָן נאָר אָפּגעשוואַכט ווערן דורך אן אויסערגעוויינלאַכן קאָנצענטרירטן טעראָר אויף דער פּאָליציי.

דעם 16טן אויגוסט 1906 האָבן די „באָיעוואָקיס“ דערשאָסן 42 פּאָליציאַנטן, זשאַנדאַרמען און שפּיצלס. דער אויסערגעוויינלאַבער טעראָריסטישער אַקט האָט אזוי אנגעשראָקן די צאַרישע מאַכט, אז באַלד צו מאָרגנס איז די פּאָליציי צוגענומען געוואָרן פון די גאַסן און מיליטער האָט פּאַטראָלירט איבער דער שטאָט.

בעת אויף דער שענקעוויטש גאַס איז דורכגעגאַנגען א פּאַטרול האָט ווער פון א פענסטער געשאָסן אויף אים. באַלד איז ארויסגערופן געוואָרן א גרעסערע אָפּטיילונג מיליטער, וואָס האָט זיך גענומען באַשיסן דאָס הויז אזוי לאַנג, אז עס האָט איבערגעלאָזט א חורבה.

י. מ. פליאַט

# די אידישע אַרבעטער אין לאָדזש בעת דער דייטשער אָקופּאַציע

ווי נאר די מלחמה האט זיך אנגעהויבן האט דער שאטן פון צושטערונג זיך פלייסיק גענומען צו דער ארבעט. פון דעם גרויסן אינדוסטריע־צענטער איז אין א קורצער צייט געווארן א תל. די אינדוסטריע האט זיך אפגעשטעלט; די פאבריקן זיינען געשלאסן געווארן; ווארשטאטן זיינען געבליבן פוסט און צענדליקער טויזנטער ארבעטער זיינען געבליבן אן ברויט.

די מלחמה האט געשאפן אן אומגעהויערע ארבעטסלאזיקייט. די נויט איז געוואקסן צווישן די ארימע ארבעטער־פאמיליעס. אין פארשיידענע טיילן פון דער שטאט זיינען אויף גיך געעפנט געווארן אומזיסטע קיכן, אין וועלכע מען האט טעגלאך אויסגעטיילט מאלצייטן צו הונגעריקע פאמיליעס; באזונדערס טעטיק זיינען געווען די קיכן פאר ארימע קינדער.

די אומזיסטע קיכן האבן אבער ניט געקאנט לייזן דאס פראבלעם, וואס די נויט האט ארויפגעצוואונגען אויף דער באוואוסטזיניקער ארבעטערשאפט — דאס פראבלעם פון זעלבסט־הילף.

דער שטאטישער קאמיטעט האט אויסגעטיילט קליינע וועכנטלאכע געלט־אונטערשטיצונגען צו ארימע ארבעטער־פאמיליעס ווי אויך צו פאמיליעס פון רעזערוויסטן, וועלכע זיינען צוגענומען געווארן אין דער רוסישער אַרמיי. צו קויפן אפילו די נויטיקסטע פראדוקטן זיינען די געלט־אונטערשטיצונגען ניט געווען גענוג, באזונדערס צוליב דעם וואס דער יקרות האט געהאלטן אין כסדר שטייגן. עס איז דעריבער געווארן קלאר, אז כדי די ארימע ארבעטער־פאמיליעס זאלן כאטש ווי עס ניט איז קענען דורכקומען מיט דער קליינער געלט־שטיצע, איז געווען נויטיק אויפצונעמען א קאמף קעגן יקרות. דער איינציקער מיטל אין דעם קאמף איז געווען (און איז אלעמאל) זעלבסט־הילף — קאאפעראציע.

די ערשטע צו עפענען קאאפעראטיוון זיינען געווען די קריסטלאכע ארבעטער. די פראפעסיאנעלע פאראיינען האבן געעפנט א ריי קאאפעראטיוון פאר זייערע מיטגלידער. אין גיכן האט זיך אויך געעפנט א גרויסער קאאפעראטיוו „ראבאטניק", אנגעפירט פון דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ. פ. ס.). אין דאזיקן קאאפעראטיוו זיינען אריינגענומען געווארן קריסטלאכע און אידישע ארבעטער אלס מיטגלידער. קיין באלעבאטים זיינען ניט אריינגענומען געווארן.

נאכפאלגנדיק דעם ביישפיל פון די קריסטלאכע ארבעטער, האבן די אידישע ארבעטער זיך פלייסיק גענומען צו שאפן קאאפעראטיוון. דער „בונד" איז געווען זייער טעטיק אין דער

קאאפעראטיווער באוועגונג. צוויי קאאפעראטיוון זיינען געווען אונטער דעם קאנטראל פון „בונד", איינע פון די צוויי קאאפעראטיוון (ביים פאראיין פון אידישע האנדל־אנגעשטעלטע) איז געווען דער גרעסטער אידישער קאאפעראטיוו. אנדערע קאאפעראטיוון זיינען געעפנט געווארן דורך די פועלי־ציון (ארבעטער־הייס) און די ס. ס. די ציוניסטן האבן אויך געעפנט א קאאפעראטיוו ביי זייער פאראיין „בית־עם" און די אידישע וואיאזשארן (טרעוולינג סיילסמען) זיינען ניט אפגעשטאנען פון דער נייער באוועגונג.

די אידישע ארבעטער־קאאפעראטיוון האבן אין אנפאנג געהאט א שווערן קאמף מיט דעם שפייז־קאמיטעט פון מאגיסטראט (סיטי האל), וועלכער האט געמאכט דיסקרימינאציעס. די שטאט־פארזארגער האבן זיך אפט אפגעזאגט צו צושטעלן שפייז־פראדוקטן צו די אידישע ארבעטער־קאאפעראטיוון אונטער'ן אויסדייד, אז זיי (די אידישע ארבעטער־קאאפעראטיוון) זיינען נעסטן פון סאציאליסטישער פראפאגאנדע! די ארבעטער האבן אבער יערעס מאל צעשלאגן די נארישע און בייזוויליקע טענות פון די „פארזארגער", וועלכע האבן אפט געמוזט אויסהערן הארבע ווערטער פון די ארבעטער־פארטרעטער אין שטאט־ראט. באזונדערס האבן זיך אויסגעצייכנט אין געבן א ריי הארבע לעקציעס פון דער אריגע אין שטאט־ראט די בונדיסטישע ראט־מענער ב. מילמאן און דער פארשטארבענער יצחק ליכטענשטיין.

אחוץ די קאאפעראטיוון האבן די ארבעטער־פאראיינען געעפנט ביליקע טיי־האליעס, אין וועלכע די ארבעטער האבן פארבראכט א טייל פון זייער פרייער צייט, דיסקוטירנדיק ביי א גלעזל טיי די מלחמה־געשעהעענישן.

די דייטשע מיליטערישע אקופאציאנס־פארוואלטונג האט געהאלטן א וואכזאם אויג אויף די אידישע ארבעטער־פאראיינען. די דייטשע פארוואלטונג האט וויזט אויס גאנץ גוט גע־וואוסט, אז איר באלעבאטעווען האט ניט ארויסגערופן קיין באגייסטערונג ביי די אידישע אר־בעטער. כדי זיך צו באווארענען קעגן א מעגלאכן בונט, האט די דייטשע מיליטערישע פאר־וואלטונג פארבאטן אויפ'ן שטרענגסטען אופן וועלכע ניט איז פאליטישע טעטיקייט.

אין אפריל 1917 האט דער קאמיטעט פון די בונדישע ארגאניזאציעס אין פוילן ארויסגע־לאזט א פראקלאמאציע, רופנדיק די אדבעטער צו פייערן דעם ערשטן מאי. צווישן אנדערן ווערט אין דער פראקלאמאציע געזאגט:

„ווייניק איז וואס עס ווערן פארהונגערט און דערפרוירן אויף טויט הונדערטער מענטשן אויף דער נייער דייטשער קאטארגע — אין די ארבעטס־באטאליאנען פון דער צוואנגס־ארבעט. אליין איז ווייניק פאר איר. דערשטיקן און דערדריקן וויל זי דעם ארבעטער־קלאס. און זי שיקט ארויס איז דאס נייע דייטשע סיביר — אין אירע געפאנגען־לאגער — די טוער פון דער ארבע־טער־באוועגונג. זי זעצט אריין אין געפענגניש פאר א סטרייק. זי באשטימט א טויט־שטראף פאר דאס פשוטע רופן צו א סטרייק אין די אייזנבאן־ווערקשטאטן. און מיט אן עכט פראוואָ־קאטארישן שפיצל נעמט (זי) זיך צו ארעסטירן די פירער פון לעגאלע ארבעטער אינסטיטוציעס, וואס זי האט אליין „גענעמיגט"...

די דייטשע אקופאציאנס־מאכט האט געשאפן א גהינם פאר די אידישע ארבעטער. באַ־וואפנטע סאלדאטן פלעגן ארומרינגלען דעם שטאט־טייל וואו עס האבן געוואוינט אידישע אר־בעטער און אראפכאפן פון די גאסן יונגע און עלטערע ארבעטער, וועלכע זיינען פארשיקט געווארן אויף צוואנג־ארבעט.

אין אנהויב האבן זיך פיל ארבעטער פרייוויליק פארשריבן אויף ארבעט. אין דער שטאט איז קיין ארבעט ניט געווען. מיט דער געלט־שטיצע פון שטאט־קאמיטעט האט מען קוים גע־קאנט דורכקומען אפילו קויפנדיק אין די קאאפעראטיוון. זיינען פיל ארבעטסלאזע אידישע אר־בעטער געווען צופרידן זיך צו לאזן אין וועג אריין. זיי האבן זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיין

שום שווערע ארבעט, ווי קוילן־מינען, שאסייען, אייזנבאנען. אפילו אידישע ארבעטער מייראך זיינען אוועק ארבעטן אויף שאסייען און אייזנבאנען.

באטש די אידישע ארבעטער האבן קיינמאל ניט געארבעט ביי אזעלכע שווערע אונטער־נעמונגען, האבן זיי זיך פונדעסטוועגן גיך צוגעפאסט צו די אומגעהייער שווערע ארבעטן. זיי האבן זיך אבער ניט געקאנט צופאסן צו די שלעכטע באדינגונגען און צו דער ברוטאלער עכט־דייטשער באהאנדלונג.

מען האט די ארבעטער געהאלטן אין באראקן, וועלכע זיינען ניט גערייניקט און געהייצט געווארן. מען האט די ארבעטער געגעבן די ערגסטע שפייזן, וועלכע זיי האבן ניט געקאנט עסן און זיינען פון זיי קראנק געווארן. און מען האט די קראנקע ארבעטער געצוואונגען צו ארבעטן. די ארבעטער האבן געארבעט שווער און זיי האבן געליטן אי הונגער אי קעלט. רערצו נאך האבן זיי געמוזט אויסשטיין די גרוביאנסקע, ברוטאלע באהאנדלונג פון די דייטשע מיליטערישע אויפזעהער און פארלייט.

דער קלאנג וועגן דער נויט, קעלט און ברוטאלער באהאנדלונג פון די אידישע ארבעטער אין די דייטשע ארבעטס־באטאליאנען האט זיך צוטראגן איבער לאדזש, און ארבעטער האבן זיך אפגעזאגט פון דער דייטשער „טובה“. די דייטשן האבן אבער געמוזט האבן ארבעטער. האבן זיי זיך גענומען צו כאפן... אזוי זיינען אנטשטאנען די בארימטע אבלאוועס אין אידישע ארבעטער־קווארטאלן פון לאדזש. די פוילישע ארבעטער האבן די דייטשן געלאזט צורו, ווייל די דייטשן האבן זיך געוואלט איינשמייכלען אין חנפה'נען צו די פאליאקן. אום צו געווינען דעם צוטרוי פון פוילישן פאלק האבן די דייטשן אפילו פראקלאמירט א „זעלבסטשטענדיקע פוילישע מלוכה“. וועגן דער דייטשער „מתנה“ צום פוילישן פאלק ווערט צווישן אנדערן געזאגט אין א פראקלאמאציע פון „בונד“ אין נאוועמבער, 1916: „און אין דערזעלבער צייט, ווען אין ווארשאווער שלאס ווערט פראקלאמירט א „פרייעס פוילן“ און די פוילישע משרתים פון דער דייטשער מאכט לעקן דעם שטיוול פונ'ם גענעראל פאן־בעזעלער. אין דער זעלבער צייט לויפן איבער די גאסן פון די פוילישע שטעט די דייטשע זעלנער, יאגן זיך נאך די ארבעטער, כאפן מאסנווייז, ווער עס פאלט אריין אין זייערע הענט, און פירן אוועק אויף צוואנג־ארבעט“.

דעם 19טן אפריל 1916, האט דער לאדזשער דייטשער פאליציי־פרעזידענט פאן אפפען ארויסגעגעבן פאלגנדע באקאנטמאכונג:

„אלע פערזאנען, וועלכע מען וועט באגעגענען אויף די גאסן פון דער שטאט לאדזש אזוי אפגעריסן אדער פארשמוצט אדער פארלייזט, אז זייער פארווארלאזטער צושטאנד וועט ארויס־רופן עפנטלאכן פארדרוס (עקעל?), וועלן אין דער צוקונפט אן טענות ווערן פארהאלטן און מען וועט ביי זיי אפשערן די האר און די בערד, דאן אנטלויזן און מען וועט זיי ניט ארויס־לאזן פריער ביז זייערע מלבושים וועלן ניט זיין פולשטענדיק גערייניקט און אין ארדנונג. די קאסטן פאר דעם אלעם וועלן געדעקט ווערן דורכ'ן ארויפלייגן אויף די באטרעפנדע פערזאנען צוואנג־ארבעט“.

עס איז איבעריק צו זאגן, אז די דאזיקע נידערטרעכטיקע פאראָרדנונג איז געווען געצילט הויפטזאכלאך געגן אידישע ארבעטער, וועלכע זיינען צוליב ארימקייט ארומגעגאנגען אין טראנ־טעס. די דייטשע יונקערס האבן פארקרומט מיט די נעז, און דער פאליציי־פרעזידענט האט זיך גענומען אפצורייניקן די גאסן פון לאדזש פון די „שמוציקע פערזאנען“ (לייען אידן!), וועלכע מען האט „געפירט אין באד אריין“ צו אנטלויזן און פון דארט — אויף צוואנג־ארבעט.

דאס איז אייגנטלאך געווען דער צוועק פון דער באקאנטמאכונג: כאפן וואס מער אידישע ארבעטער צו צוואנג־ארבעט! דאס אראפכאפן פון די גאסן צוליב „פארווארלאזטן צושטאנד“ איז בלויז געווען א פארענטפערונג, א מיטל פאר'ן צוועק.

קיין וואונדער ניט, וואס די אקופאציאנס־מאכט האט געפילט, אז די אידישע ארבעטער האבן זי פיינט און די דייטשע מיליטערישע פארוואלטונג האט געהאלטן א וואכזאם אויג אויף די אידישע ארבעטער־פאראייניגן. דאס האט אבער ניט אפגעהאלטן די ארבעטער פון א געהיימער פאליטישער טעטיגקייט און דעם ערשטן מאי איז פארגעקומען א גרויסע גוט־ארגאניזירטע דעמאנסטראציע. בעת וועלכער די אומצופרידענע אידישע און פוילישע ארבעטער האבן אויסגעדריקט זייער העפטיקן פראטעסט געגן די „מעשים טובים" פון די דייטשן.

די אידישע ארבעטער איז אויסגעקומען צו לעבן אונטער שווערע עקאנאמישע און פאליטישע באדינגונגען אונטער דער מאכט פון די דייטשע אקופאנטן. אבער דעם מוט האבן זיי ניט פארלארן. זיי האבן געגלויבט, אז א בעסערע צייט וועט קומען, פון דעם פינסטערן, שווערן לעבן האבן זייערע ברענענדיקע אויגן ארויסגעקוקט צו א ליכטיקער צוקונפט, און פאר דער צוקונפט האבן זיי זיך געגרייט ווירטשאפטלאך, פאליטיש און געזעלשאפטלאך.

האבנדיק אנטוויקלט א ברייטע ווירטשאפטלאכע זעלבסט־הילף, האבן די אידישע ארבעטער זיך הויפטזעכלעך גענומען צו א צווייטער וויכטיקער טעטיקייט: בילדונג. די צייטונגען האבן יעדן טאג געבראכט נייס פון פארשידענע לענדער: נייע געמען, נייע אומבאקאנטע ווערטער, נייע באגריפן. די ארבעטער האבן געוואלט פארשטיין, וויסן. עס איז געבוירן געווארן דער לאזונג „וויסן איז ליכט". די אידישע פראפעסיאנעלע פאראייניגן האבן אויפגעכאפט דעם לאזונג און האבן אנגעהויבן א ברייטע קולטורעלע טעטיקייט.

די בונדיסטן און די פועלי־ציוניסטן האבן געעפנט קורסן פאר ארבעטער. א גרופע אידישע יונגע לייט האט געגרינדעט אן אומפארטייאישן בילדונגס־פאראיין, וועלכער האט געעפנט א גרויסע שול פאר דערוואקסענע. איבער טויזנט אידישע יונגע ארבעטער — יונגעלייט און מיידלאך — האבן באקומען עלעמענטארע בילדונג אין דער שול פון בילדונגס־פאראיין. די לימודים אין אלע קורסן און שולן פאר דערוואקסענע זיינען באשטאנען פון געאגראפיע, קולטור־געשיכטע, שפראכן, אריפמעטיק און וויסנשאפטן.

די אלע קורסן זיינען געווען די ערשטע שפראצונגען אויפ׳ן געביט פון דער אידישער שול־באוועגונג, וועלכע איז שפעטער אויסגעוואקסן אין דער פוילישער רעפובליק.

די פוילישע רעפובליק האט גע׳ירש׳נ׳ט א פיינעם דענקמאל פון דער דייטשער אקופאציאנס־מאכט — דעם „פראים לוזער פארק".

אפריס „לוזער" וועלמאנאוויטש איז א וויכטיקער בינדישער טוער אין לאדזש. אלס ראטמאן האט ער אפט געדונערט אין שטאט־ראט און אויף עפנטלאכע פארזאמלונגען, אז די אידישע ארבעטער, וואס וואוינען אין דער „אלטער־שטאט" האבן ניט אפילו קיין פארק צו באפן פרישע לופט. האבן זיך די דייטשן מרחים געווען און האבן אויסגעבויט א פארק אויף דער „אלטער שטאט". האט מען דעם פארק א נאמען געגעבן „פראים לוזער פארק". אי די אידישע ארבעטער האבן וואו צו כאפן לופט, אי דער נאמען פון א וויכטיקן בונדיסט אין לאדזש איז פאראייביקט געווארן...

# דאָס קולטור לעבן אין לאָדזש

פראָפ. ה. גליצענשטיין

## פרישמאַן און הירשענבערג

עס איז געווען מיט א יאָר 40 צוריק, אין פרילינג פון 1887, בין איך דאס ערשטע מאָל אריינגעקומען, א בחור'ל דעמאָלט פון 17 יאָר, אין הויז פון די הירשענבערגס אין לאָדזש. מיט 12 קינדער האָט מען געוואוינט אין צוויי נאסע פינסטערע צימערן. דאָס אינגסטע איז געווען כמעט נאך ביי דער ברוסט, די עלטערע האבן געמאכט זייער שול־ארבעט, די נאָך עלטערע זיינען געזעסן ביים וועב־שטול און געוועבט. דער טאַטע איז געווען ביים טיש, אן איינגעבויגענער, געקוקט מיט מורא אין דער ווייטקייט אריין, געשראָקן זיך פאר עפּעס...

די מאַמע איז געווען אן אויסערגעוויינלאך שיינע פרוי. געגאַנגען שוין אַנגעטאָן נאָך, אבער אָן שום צירונג. קענטיג, אז זי האָט איבערגעלעבט א סך בעסערע צייטן. אויף אלעס און אויף אלע איז געלעגן אן אומעט, א מרה־שחורה...

מען האט מיר געוויזן בילדער וואָס זיינען געהאנגען אויף די ווענט וועגן וועלכע מ'האָט גערעדט מיט שטאָלץ... די צוויי עלטערע קינדער אין הויז האָבן מיך ארומגעפירט און מיר געוויזן די בילדער -- לעאָן, האלבּ־מאָלער, האלב־וועבער, און הינדע־גיטעלע, האלב־קינד, האלב בעל־הבית'טע, האָט געפּלעגט די קלענערע קינדער, אויפגעפּאסט אין הויז און געקאָכט. דאָס זיינען די בילדער, האָבן זיי מיר געזאָגט, פון אונזער ברודער שמואל וואָס ער איז איצט אין מינכען און פריער איז ער געווען אין קראקאו ביי פאטייקא. צוויי פון אונזער פאמיליע זיינען אין אויסלאַנד, שמואל און הודזשע. דודזשע האָט שוין ארויסגעגעבן א בוך אויף העברעאיש...

און איך, וואָס איך האב גע'חלומ'ט אז איך וועל אמאָל ווערן א קינסטלער, איך האָב אויפ־געציטערט הערנדיק ווי די שיינע שוועסטער פונ'ס מאָלער דערציילט מיר וועגן איר ברודער אין מינכען און וועגן איר קאזין דוד פרישמאַן, וואָס שרייבט ביכער אויף העברעאיש, און איך האב דעמאָלט ניט געוואוסט, אז מיר איז באשערט צו ווערן דער דריטער אין דער משפחה און צו שליסן דעם דריי־בונד, הירשענבערג, פרישמאַן, גליצענשטיין...

עס איז געווען ניט לאנג נאָך דעם קלאַפּ, וואָס האָט געטראָפן די הירשענבערג־פרישמאַן־פאמיליע. זיי איבערנאכט איז געקומען דער שטורעם און געמאכט א חורבה פון זייער בעסטער פאבריקאנטן־פּאזיציע. צוגראָבן און פארביטערט, זיינען די צוויי שותפים און קוזינס, דער פאטער פרישמאַנ'ס און דער פאטער הירשענבערג'ס אוועק אויף באַזונדערע וועגן. יערערער האָט

באשולדיקט דעם צווייטן אין דער ידידה, און די צוויי טיילן פון דער משפחה זיינען זיך צו־גאנגען און מער זיך ניט צונויפגעטראפן. און פארביטערטקייט און נויט איז דאס איבעריקע לעבן אוועק.

הירשענבערג׳ס טאטע, דער אלטער ר׳ דוד הירשענבערג ז״ל, איז געווען א מענטש מיט אן אומדרואיקן קינסטלער־טעמפעראמענט. ער האט אייביק געזוכט, געמאכט ערפינדונגען, נייע מאשינען, נייע שטיקעדייען, און שטענדיק האט מען איס געענטפערט אז זיי זיינען צו פרי, ניט צוגעפאסט צו די באדערפעניש׳ן פון מאמענט, און שפעטער האבן אנדערע אויסגענוצט זיינע ערפינדונגען. ער אליין האט דערפון גארניט געהאט. זיין פאמיליע האט דערפון גארניט גע־האט. אָרימקייט און דחקות איז צו זיי אין הויז אריין אין די צוויי פינסטערע נאסע צימערן און אויף די ווענט זיינען געהאנגען די בילדער פון שמואל הירשענבערג. וואס איז געווען אין מינכען, און אין הארצן איז געווען דער שטאלץ צוליב איס און צוליב דעם קוזין דוד פרישמאן. וואס איז געווען אין אויסלאנד און האט געשריבן ביכער אויף העברעאיש.

און דארט אין אויסלאנד זיינען געזעסן שמואל הירשענבערג און דוד פרישמאן, און די נויט און די פארביטערטקייט פון דער תיס האט זיך אריינגעגעסן אין זייערע ביינער, און גע־לייגט דעם יסוד פון די קראנקהייטן, וואס האבן זיי געפלאגט זייער גאנץ לעבן לאנג און זיי צום סוף ביידע געלייגט אין קבר אדיין.

ווען איך האב געזען דאס ערשטע מאל שמואל הירשענבערג׳ן, איז עס געווען אין לאדזש, ביי די עלטערן זיינע אין הויז. ער איז געקומען אהיים פון מינכען אויף וואקאציע אין 1888, א יאר נאך מיין באקאנטשאפט אין הויז. א יונגער אריסטאקראטיש אויסזעענדער בחור. שיין געקליידעט מיט א לייכטן ווייכן שמייכל אויפ׳ן פנים. ער האט מיר געוויזן א רעפראדוקציע פון זיין ביי ביכל „די ישיבה״ און ער האט מיר דערציילט וועגן זיין לעבן אין מינכען.

איך דערמאן זיך, ער האט מיר דערציילט ווי מיטאגצייט. ווען אלע שילער זיינען אוועק עסן איז ער געבליבן דער לעצטער אין דער אקאדעמיע, און ער איז אדויסגעגאנגען און האט צונויפגעקליבן דאס הארטע רונדל פון ברויט, פון וועלכע די שילער האבן געהאט אדויסגע־נומען די ברייזענס אום צו מעקן די ליניעס פון זייערע קויל־צייכנונגען. און ער איז אוועק מיט׳ן רונדל אויף די לאנדשטראסע און איז צוריקגעקומען אין דער אקאדעמיע, און עס האט געהייסן, אז ער האט געגעסן אין בעסטן רעסטאראן אין מינכען. שטענדיק איז ער געגאנגען שיין אנגע־טאן, געשמאקפול און קיינער האט ניט געוואוסט פון דעם הונגער וואס האט איס אויסגעגעסן זיין מאגן. אינוויניק האט דער ווארים גענאגט — פון דרויסן האט קיינער ניט געזען. אזוי האט זיך שמואל הירשענבערג זיין גאנץ לעבן געפלאגט מיט הונגער און קראנקהייט, ביז ער איז אוועק קיין אדיו ישראל אין דער בצלאל־שולע און דארט איז ער געשטארבן — פון א מאגן־קראנקהייט...

פרישמאן האט דורכגעמאכט ענלאכע צייטן — הונגער און אָרימקייט, און זיין הארץ איז אין איס פאר׳סמ׳ט געווארן. ער האט זיין כעס און זיין פארביטערטקייט אויסגעגאסן אין א קוואל פון צארן און שפאט — דאס איז געווען זיין סארקאזם, זיין ביטול צו אלעס... אבער אין הארצן האט עס געביינקט און געצויגן נאך ליבע און פרייד.

אייביק ניט־באפרידיקטע זיינען זיי ביידע ארומגעגאנגען אין לעבן, הירשענבערג און פרישמאן, איינזאמע מענטשן, צובראכענע.

און אט די ניט־באפרידיקטעיט, די שטענדיקע אומצופרידנקייט מיט זיך און מיט אלעם איז געווען דער עיקר פון זייער ביידנס שאפן.

די צוויי טיילן פון דער פאמיליע זיינען זיך ווי צוגאנגען. אבער דאס ביינקען איינער נאך דעם צווייטן איז געבליבן. אין פרילינג פון 1914 ניט לאנג איינער די מלחמה האט זיך אנגעהויבן ביז איך נאך פיל יארן געקומען פון רוים צוריק קיין פוילן צו מיינע עלטערן. פרישמאן האט געהערט, אז איך ביז דא, האט ער גלייך געשריבן צו מיר קיין טורעק, א ער וויל מיך זען.

עס איז נעווען דאס יאר פון פרישמאנ'ס 50 יאריקן יובילעאום. ער איז געקומען פון ווארשא קיין לאדזש מיך צו טרעפן. גאנצע טעג זיינען מיר געזעסן צוזאמען און מיר האבן גערעדט. ער האט מיר געלייענט זיינע שריפטן. איך האב אים געצייכנט איך ווייס ניט וויפיל מאל.

עס האט אים נעצויגן צו מיר זיין ליבע צו דער קינדהייט, צו דער פאמיליע פון זיין פרוי, צו איר ברודער שמואל הירשענבערג און צו די איבעריקע פאמיליע. ארום אים האט זיך געקאכט. ווען איך אים אין וועגן זיין יום־טוב און ער איז געזעסן שטילע־הייט מיט מיר און האט גע'חלומ'ט וועגן זיינע קינדער־יארן.

ער האט פיינט געהאט די גאנצע פייערונג און די עפנטלעכקייט. ער האט קיין חשק ניט געהאט צו שטיין פאר די אלע מענטשן און הערן די לויב־געזאנגען וועגן אים. שטענדיק איז ער פון דעם רעש געקומען צו מיר צוריק אין די שטילקייט אריין און ער האט זיך באהאלטן מיט מיר אין אינטימע גליקלאבע זכרונות. די גאנצע צייט זיינען מיר אזוי געווען צוזאמען.

דאס זעלבע יאר האב איך פרישמאנ'ען ווידער געטראפן, דאס מאל אין ווארשא. ס'איז נעווען ווינטער־צייט. די מלחמה איז שוין לאנג געווען. איך האב אים געטראפן ביי זיין שוועסטער אין הויז. און ווידער זיינען מיר גאנצע טעג צוזאמען געווען.

מיט איינמאל איז מיר פרישמאן ווידער נעלם געווארן — מ'האט מיר געזאגט, אז ער איז ביי זיך אין הויז. דארט האב איך אים טאקע געפונען ליגן אין בעט א קראנקן. אזוי איז ער יארן־לאנג געווען א צוזאמענגעבראכענער, א קראנקער. געמוטשעט זיך איינער אליין און בלויז די קורצע צייט וואס ער האט זיך געקאנט צונויפריידן מיט מיר וועגן זיין גליקלאכער יוגנט, איז ער געווארן אביסל האפנונגספולער.

א צובראכענער, א קרענקליכער מענטש איז ער די גאנצע צייט ארומגעגאנגען א אומצופרידענער, אומבאפרידיקטער... אויך אין זיין שרייבן איז ער קיינמאל ניט צופרידן געווען, נטי דאס וואס ער האט געוואלט פלעגט ער זיך קלאגן, נאר דאס וואס ער האט געמוזט, האט ער אנגעשריבן. און גע'חלומ'ט האט ער אבער מיט פארדרוס און מיט ביטערקייט, וועגן די ווערק וואס ער האט געוואלט אנשרייבן...

און איצט איז ער טויט. אין אדעס, אין מאסקווע און אין בערלין איז ער נעווען נאך רעכט וואס איך האב אים דאס לעצטע מאל געזען. אומעטום געליטן, אומעטום צוגעשמירט מער און מער צו דער קראנקהייט און צובראכנקייט. דער פונדאמענט דערפון איז געלייגט געווארן באלד און אנהויב. ווען דאס גליק איז אוועק פון זיין פאמיליע. און אים און הירשענבערג'ן איז איינגעקומען צו הונגערן, פלאגן זיך אין אויסלאנד. און אין דער היים האט מען געלעבט אין די צווייפינסטערע נאסע צימערן אין מ'האט גע'חלומ'ט וועגן וואס גרויסע, וואס די צוויי קינדער וועלן אמאל שאפן.

הירשענבערג איז געשטארבן אין ירושלים אין דער בצלאל־שולע פון א מאגן־קראנקהייט

פרישמאן איז בערלין, אז א געזונטן אבער, דער גאנצער גוף אויפגעגעסן, קיין האפנונג ניט געווען...

ביידע ארימע קינדער, ביידע פארביטערטע און געשטרויכלט אויף זייער וועג, און ביידע, ניט זייענדיק קיין ציוניסטן, האבן רינסטן פאר דעם ציוניסטיש־שטרעבענדן טייל פון פאלק — הירשענבערג האט געמאלט בילדער וואס ווערן פארברויכט אלס ציוניסטישע פראפאגאנדע און געשטארבן איז ער וואו ס'האט געזאלט זיין א נאציאנאלע קונסט־שולע — אין ירושלים.

און פרישמאן האט געשאפן אויף העברעאיש, אין דער שפראך פון דער ציוניסטישער ארץ־ישראל'דיקער קולטור... געשאפן און געשטארבן — הונגעריקע, פארביטערטע, ניט באפרידיקטע.

ארימע קינדער... איינער אין ירושלים, דער צווייטער אין בערלין.

# י. ל. פרץ וועגן אַ לאָדזשער גביר׳ס לויה

פון י. ל. פרץ׳ס סעריע „שטעט און שטעטלאך“ נעמען מיר ארויס דעם פאלגענדיקן אינטערעסאנטן עפיזאד, וואס גיט אן אויסגעצייכנט בילד פון א לאָדזשער גביר׳ס לויה.

דעם דאזיקן עפיזאד האט דער גרויסער דיכטער פרץ אנגעשריבן דעם 8טן מאי פון יאר 1902. עס איז נים אויסגעשלאסן אז פרץ האט געהאט אין זינען די לוית פון דעם פאבריקאנט ישראל קלמן פאזנאנסקי, דעם גרינדער פון דער מיליאנערסקער ארטיען געזעלשאפט, וועלכער איז צו יענער צייט געשטארבן.

ניט קיין קלענערע מה נשתנה פרעגט מען פון לאָדזש.

אין לאָדזש איז געשטארבן א איד א גביר, מן־הסתם א בעל־צדקה, מן־הסתם א פיינער מענטש, מן־הסתם א וויכטיקער מענטש – קומט אים א שיינע לויה...

מילא, א שיינע לויה איז א שיינע; ווער עס איז א גביר מקנא מיט א שיינער לויה, איז אויך קיין גרויסער חכם ניט.

רייט מן־הסתמא פאראויס זשאנדארמעריע: אז גאנץ לאָדזש וועט גיין, מוז מען דאָך קומען. רייטן זיי אין שיינע מונדירן, אויף שיינע גרויסע פערד, די געפוצטע שטיוול גלאַנצן — א מחיה. דערנאך גייט א פיינע מטה: מיט בלומען, מיט סטענגעס, מיט אלערליי קרענץ, אז ביי מאנכע גבירים איז שטארק נאס געווארן, ווען ניט די אויגן, וויניקסטנס אין מויל... דערנאָך גייט ערשט דער שיינער עולם. לאָדזשער מיוחסים, לאָדזשער פאבריקאנטן, לאָדזשער באנקירן, לאָדזשער בעלי־בתים, ועקער גאלר, זעקעד קעלט! שווארצע רעק, צילינדער — כל טוב!

נאכ׳ן עולם פאר׳ן ערשט נאך קארעטן, גלאנצנדיקע, בליצנדיקע קארעטן, בלאנקע שויבן, פיינע קוטשערס...

און צווישן דעם עולם — א דרייסיק תלמוד תורה קינדער...

און די תלמוד־תורה־קינדער האבן געבאד בלאסע פנימ׳ער — מן־הסתם פאר גרויס הארץ־ווייטיק, וואס דער גביר איז געשטארבן; צוריסענע קליידער — פון שטארקן קריעה־רייסן — און וועלטן א פאר גאנצע שטיוועלאך.

פרעגט „פייוול באקולין“ (און עס זעט אויס, ניט קיין אויסגעטראכטער נאָמען צו זיין) „מה נשתנה“ — פיר אייזערנע קשיות.

די ערשטע קשיא איז:

אויב לאָדזשער קהל איז אימשטאנד געוועז אויפצושטעלן פאר תלמוד־תורה א געביידע פאר צענדליקע טויזנטער רובל, פארוואס האט די אייגענע רייכע לאָדזשער קהלה קיין כח ניט, צו מאכן דרייסיק פאר שטיוועלאך על כל פנים פאר די דרייסיק קינדער, וואס מען שיקט אויף גביר׳ישע לויות?

צווייטנס פרעגט ער:

אויב קהל האט נערעבנט, אז די געביידע באשיינט די גאנצע קהלה, ווייל עס שטייט ברייט און הויך גרויס און אפן איז גאס פאר דער גאנצער וועלט, אלע זאלן עס זען, בשעת די תלמוד־תורה קינדער האלט מען אין תלמוד־תורה און ווען קיינער קוקט ניט אויף זיי, אויב אזוי

נאָר וואָס שיקט מען זיי אַרויס אויף לויות, זיי זאָלן גיין — און דווקא גראָד אין אַ קאַלטן, כמעט נאָך ווינטער־טאָג, צווישן צילינדערס, ווייסע האַנטשוך, קרענץ מיט ביכערנע קעלנער — קריעה כליעה און באַפּן דערביי אַ ציטער?

דריטנס פרעגט ער:

צי וואָלט ניט אַ יושר געווען, אויפ'ן אָרט פון אַדורכוואַרפן געלט אויף קרענץ, אויף סטענגעס מיט בלומען, מען זאָל געווען קויפן פאַר די אָרימע תלמוד־תורה קינדער, וואָס זיי איז שויז באַשערט געווען צו באַשיינען די גביר'ישע לויה. מאַכן קאַפּאָטקעלאַך אָדער כל הפחות שטיוועלאַך?

און די פערטע אויך אַ שטאַרקע קשיא:

פאַרוואָס האָט די חברה צער בעלי חיים, וואָס מישט זיך אַריין, אויב עמיץ וואַרפט אויף אַ הונט אַ שטיין צי אַ בעזים, אָדער טרייבט אַ קראַנק פערד, אָדער יאָרט עס איבער מיט לאַסט, זיך ניט אַריינגעמישט, זעענדיק, ווי מען טרייבט, ווי צו אַ שחיטה, דרייסיק אָרעמע, נאַקעטע אויסגעהונגערטע, אויסגעמוטשעטע תלמוד־תורה־קינדער, אין אַ קאַלטן כמעט ווינטער־טאָג, צו אַ לויה, וואָס גייט טריט ביי טריט, לאַנגזאַם דורכ'ן גרויסן עולם און לכבוד דעם געשטאָרבענעם גביה אַזאַ גרויס שטיק וועג?

און ה' באַקולין ענטפערט אויך: עבדים היינו צו די לאָדזשער גבירים, צו די גרויסע געלט־ביטל, און ניט מיר אַליין, נאָר אפילו אונזערע קינדער און בפרט תלמוד־תורה־קינדער!

---

ג. א.

# אונזערע קלאַסיקער אויף אַ באַזוך אין לאָדזש

אין משך פון אַ קורצער צייט האָט לאָדזש געהאַט דאָס גליק צו זען און צו באַגריסן אונזערע דריי קלאַסיקער: מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ און שלום עליכם.

י. ל. פּרץ וואָס האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין וואַרשא, האָט אונזער שטאָט באַזוכט צענדליקע מאָל, און אים איז אין לאָדזש אויך אפשר צוגעטיילט געוואָרן מער כבוד ווי אין וואַרשא, וואָס איז נאָך זאַמאַיסטיש געוואָרן זיין צווייטע היימשטאָט

איך קען מיך ניט דערמאָנען אַז מען האָט י. ל. פּלין'ן געמאַכט אַזעלכע פייערדיקע אויפנאַמעס, ווי לאָדזש האָט געמאַכט שלום עליכם'ען און מענדעלע מוכר ספרים. די סיבה דערפון איז וואָס י. ל. פּרץ איז געקומען קיין לאָדזש דער ערשטער פון אונזערע דריי גרויסע קלאַסיקער, און אויך צוליב דעם, וואָס ער איז געקומען אין דער נאָך פריער צייט, איידער די פאַרשידענע פּאַרטייען האָבן זיך אַנטוויקלט און געהאָלפן אויסבילדן אין די אידישע אַרבעטער מאַסן די ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור און אַכטונג פאַר שאַפער און בויער.

אַז אמת האַרציקע און פייערלאַכע אויפנאַמע האָט י. ל. פּרץ געהאַט אין לאָדזש ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז געווען אַן אָפטער גאַסט מיט פאָרלעזונגען אָדער ביי פאַרשיידענע אַנדערע געלעגנהייטן. אַלס נאָנטער שכן פון לאָדזש האָט מען י. ל. פּרץ'ן אָפט געלאָדן צו פּרעמיערעס אין אידישן טעאַטער, צו אויפפירונגען פון פאַרשיידענע ליטעראַריש־דראַמאַטישע קרייזן א. ד. ג.

דעם ערשטן עפנטלאַכן אַרויסטריט פון פּרץ'ן אין לאָדזש געדיינק איך פון סוף 1904 אָדער 1905. איך האָב דאַמאָלס געאַרבעט אין אַבאַ קאַסמאַנ'ס בוך־געשעפט אויף פּעטריקאָווער 36. אין צוזאַמענהאַנג מיט י' ל' פּרץ'ס אויפטריט געדיינק איך, האָט קאַסמאַן באַשטעלט פון וואַרשא

א גרעסערע צאל עקזעמפלארן פון י. ל. פרץ'ס יום טוב בלעטער און אויך אנדערע כתבים זיינע. די אויסגעשריבענע ביכער זיינען טאקע אויך פארקויפט געווארן אין זאל קארסא, אויף קאנסטאנטינער גאס 6, וואו די פארלעזונג איז פארגעקומען. ווער עס האט די פארלעזונג איינגעארדנט געדיינק איך ניט, אבער עס איז ביי מיר ניט דער קלענסטער צווייפל, אז די ארגאניזאטארן זיינען געווען מענטשן פון דער סאציאל סטישער באוועגונג.

אין יאר 1908 האבן אין לאדזש געפירט א ברייטע קולטורעלע טעטיקייט צוויי אינסטיטוציעס: דער דראמאטיש־מוזיקאלישער פאראיין „הארפע", ארום וועלכער עס האבן זיך גרופירט די אידישע סאציאליסטישע עלעמענטן דערהויפט בונדיסטן, און דער פעראיין „דראמאטישע קונסט". צווישן די דאזיקע פאראיינען איז פארגעקומען א אמת'ע דייסעגייט צוליב פרץ'ן. יעדער פון זיי האט געוואלט, אז פרץ זאל אויפטרעטן אויף זייערע אונטערנעמונגען און יעדער האט געוואגט פאר זיך האבן דעם כבוד פון האבן פרץ'ן ביי זיך.

איינמאל האט אפילו געפירט דערצו, וואס דער פאראיין „דראמאטישע קונסט", האט געוואקט אויסבאפן ביי דער „הארפע" א פארלעזונג וועגן טעאטער וואס י. ל. פרץ האט צוגעזאגט פריער דער „הארפע". דער סוף איז געווען, אז פרץ האט דורכאויס פארלאנגט, אז די פארלעזונג זאל זיין בשותפות און דערפאר האט ער צוגעזאגט צו קומען א צווייטן מאל אויף א בשותפות'דיקע אונטערנעמונג.

די אונטערנעמונגען פאר י. ל. פרץ זיינען אויך אפט פארגעקומען אין גרויסן טעאטער, וואס איז שטענדיק געווען איבערפולט בעת זיינע פארלעזונגען. פון אט די אלע טעטיקייטן האט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט א אונטערנעמונג, וואס איז פארגעקומען אין פרילינג פון יאר 1912 און ווי מיר דוכט זיך, אין צוזאמענהאנג מיט פרץ'ס 60־יאריקן געבוירן־טאג. די דאזיקע אונטערנעמונג וואס איז אריבער באזונדערס פייערלאך, האט זיך געענדיקט מיט א באנקעט, וואס האט זיך פארצויגן ביז פארטאג. פון אט דעם באנקעט זיינען מיר א גרופע פריינט מיט פרץ'ן אוועק אין א שטאטישן פארק און דארט פארבראכט ביז דער צייט ווען פרץ האט געמוזט אוועק צום באן און נעמען א צוג קיין ווארשא. ווי באוואוסט איז פרץ געווען א אנגעשטעלטער אין דער ווארשעווער אידישער גמינע, און צוליב אט דער שטעלע זיינער האט פרץ ניט געקענט פארבלייבן א טאג לענגער אין לאדזש און האט פון זיין יובילי פייערונג א אויסגעמאטערטער געמוזט נעמען א צוג און פארן צו זיין טאג־טעגלאכער ארבעט.

אין צוזאמענהאנג מיט אט דער יובילי פייערונג געדענקט זיך מיר דער פאלגנדער אינטערעסאנטער פאל:

צו יענער צייט בין איך געווען דער לאדזשער קארעספאנדענט פון ווארשעווער „היינט". יעדן אוונט האב איך טעלעפאנירט אין „היינט" די וויכטיקע לאדזשער נייעס. דעם פארלויף פון פרץ'ס יובילי פייערונג, האב איך אויך געהאלטן פאר א וויכטיקער פאסירונג אין לאדזשער אידישן לעבן און האב דעריבער געוואלט איבערגעבן וועגן דעם דעם „היינט". צו מיין ערשטוינונג האט אבער דער נאכט רעדאקטאר פון „היינט" ג א ר ו ז ע די דאזיקע נייעס ניט געוואלט איבערנעמען און איבערגעריסן מיט מיר דעם טעלעפאן־שמועס בעת וועלכן איך האב אים פרובירט צו איבערצייגן, אז עס וועט ניט זיין שיין ניט צו געבן א נאטיץ וועגן אזא פאסירונג. שפעטער האב איך מיר דערוואוסט, אז ג א ר ו ז ע האט זיך אפגעזאגט אויפצונעמען די נייעס פון מיר צוליב דעם וואס פרץ האט געהאט איבערגעריסן מיט דעם „היינט".

דעם צווייטן קלאסיקער אונזערן, שלום עליכם, האט אונזער היים־שטאט אויפגענומען דריי מאל אין פארשיידענע צייטן און יעדעס מאל מיט דער גרעסטער באגייסטערונג.

צום ערשטן מאל איז שלום עליכם געקומען קיין לאדזש אין פרילינג פון יאר 1905 און איז דאמאלסט אויפגעטראטן צוויי מאל. דאס ערשטע מאל דעם 14טן מאי, צוזאמען מיט ספעקטאר'ן איז זאל געבן גרויסן טעאטער און דאס צווייטע מאל, דעם 2טן מאי, אין גרויסן קאנצערט זאל.

די דייטשע און אויך די פוילישע פרעסע האט שלום עליכם'ען געגעבן א זייער ווארעמע אויפנאמע און שלום עליכם — האט מיט שטורם גענומען דאס לאדזשער פובליקום. א גאנץ באזונדערן דערפאלג האט ער געהאט בעת זיין אויפטריט אין קאנצערט זאל, וואו ער האט פאר־געלייענט זיין „בעטער פיניע און מומע רויזע". צוזאמען מיט שלום עליכם'ען איז אויף דעם ראויקן אוונט אויך אויפגעטראטן דער קאמיקער פון פוילישן טעאטער נ ל א ג ע ר.

צום צווייטן מאל איז שלום עליכם געקומען קיין לאדזש אין יוני פון יאר 1908, ווען מען האט געפייערט זיין 25 יאריקע ליטעראדישע טעטיקייט. דאס מאל איז שלום עליכם געקומען אין שטאט וואו ער האט שוין דערוואדבן טויזנטער פארערער, און צו זיינע ארויסטרעטונגען האט ער שוין ניט געדארפט האבן קיין שותף א פוילישן קאמיקער.

שלום עליכם איז דאמאלס געקומען לויט דער איניציאטיווע פון פאראיין „דראמאטישע קונסט", וואס האט שוין צו יענער צייט אנטוויקלט א ברייטע קולטורעלע טעטיקייט. דער דאזיקער פאראיין האט דאס מאל אויך איינגעארדנט פאר שלום עליכם'ען צוויי אוונטן. ביידע אויפטריטן זיינען פארגעקומען אין גרויסן טעאטער און ביידע מאל איז דאס טעאטער געווען איבערפולט און א גרויסע צאל מענטשן איז געבליבן אין דרויסן.

דער ערשטער אוונט איז פארגעקומען דינסטיק, דעם 9טן יוני, און דער צווייטער אין צוויי טעג ארום. בעת דעם ערשטן אוונט איז דורך דער „דראמאטישער קונסט" אויסגעפירט געווארן „די עצה" און בעת דעם צווייטן אוונט — שלום עליכם'ס קאמעדיע „דער גט" אונטער זיין אייגענער רעזשי.



שלום עליכם אין לאדזש אין יאר 1914. צוזאמען מיט שלום עליכם'ן זיצן צווישן אנדערע זיין פרוי, י. אונגער, א. טענענבוים, ע. האמבורסקי און מאשקאוויטש. צווישן די וואס שטייען זיינען פון לינקס צו רעכטס ל. קאהאן, מ. קרישעק, ווינבערג, מארגענשטערן, ג. אייזנער, י. מ. נייומאן, ש. ניסאן, און י. מ. פלואט.

צום דריטן (און לעצטן מאָל) איז שלום עליכם געקומען קיין לאָדזש אין אַפּריל פון יאָר 1914, ווען ער האָט פאַרלאָזט איטאַליע, וואו ער האָט געמוזט פאַרברענגען צוליב זיין געזונט.

די אידישע וועלט איז דאַמאָלס געווען באַזאָרגט וועגן דעם געזונט צושטאַנד פון איר באַליבטן דיכטער און דעריבער איז אויך פאַרשטענדלאַך געווען די פרייד, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז שלום עליכם פילט זיך שוין אויף אַזוי פיל בעסער, אַז ער קען שוין קומען האַלטן אַ פאַרלעזונג.

קיין קאַלושקי איז אַרויסגעפאָרן אַ גרויסע דעלעגאַציע פון אָנגעזעענע געזעלשאַפטלאַכע טוער, וואָס האָט באַגעגנט דעם דיכטער צוזאַמען מיט זיין פרוי און פון דאָרט צוזאַמען געקומען קיין לאָדזש.

אויף דער באַן סטאַנציע אין לאָדזש איז שלום עליכם'ען און זיין פרוי געמאַכט געוואָרן אַ וואַרעמע אָוואַציע און זיי זיינען אויך באַגריסט געוואָרן דורך פיל דעלעגאַציעס פון פאַרשיידענע פאַראיינען און אינסטיטוציעס. מיט שוועריקייטן איז דעם דיכטער מיט זיין פרוי געלונגען אַריינצוזעצן זיך אין אַ קאַרעטע און אָפּצופאָרן אין האָטעל.

אַלע צייטונגס־רעפּאָרטער איז ביז דאַמאָלס אויסגעקומען צו זיין נעבן שלום עליכם'ען און איך האָב געהאַט אַ שיין שטיקל אַרבעט נאָכצופאָלגן אים מיט זיין פרוי אין די אומצייליקע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן אין וועלכע מען האָט אים געבעטן צו קומען. מען האָט זיי אומעטום אויפגענומען מיט גרויס פרייד. יעדע אינסטיטוציע האָט אַלס אָנדיינקען געוואָלט האָבן אַ פאָטאָגראַפיש בילד מיט שלום עליכם'ען און דער דיכטער האָט זיך מיט פאַרגעניגן געלאָזט פאָטאָגראַפירן מיט די פאַרוואַלטונגען פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, שולן, רעדאַקציעס א. ד. ג.

שלום עליכם'ס אויפטריט איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אין גרויסן קאָנצערט זאַל, און די נאָמען אַרום זיינען פול געווען מיט מענטשן וואָס האָבן אין זאַל ניט געקענט אַריין. מענטשן זיינען געשטאַנען און געוואַרט כדי באַטש דאָס גליק צו האָבן און בלויז זען זייער ליבלינג.

ווען שלום עליכם איז אַרויף אויף דער בינע איז דער עולם אויסגעבראָכן אין אַ שטורם פון באַגייסטערונג. אַ יום טוב'דיקע שטימונג האָט געהערשט און אַלע האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון דיכטערס מויל.

צום סוף פון דעם אָוונט זיינען געהאַלטן געוואָרן באַגריסונגס רעדעס און דער דיכטער איז באַשאַנקען געוואָרן מיט פיל מתנות, צווישן זיי אויך מיט אַ גאָלדענע פעדער, איבערגעגעבן פון י. אונגער, דעם רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער טאָגבלאַט".

אַן אימפּאָזאַנטע אויפנאַמע האָט לאָדזש געגעבן דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים. דאָס איז געווען אַ אויפנאַמע וואָס קען אפילו ניט פאַרגליכן ווערן מיט דער גראַנדיעזער אויפנאַמע וואָס דער גרויסער פּוילישער שריפטשטעלער הענריק שיענקעוויטש, האָט געהאַט אין לאָדזש.

געווען איז דאָס וומער צייט פון יאָר 1911, ווען מענדעלע מוכר ספרים האָט געפייערט זיין 75 יאָריקן יובילייַ. דאָס „לאָדזשער טאָגבלאַט" האָט צוגעגרייט דעם עולם צו דער געהעריקער אויפנאַמע וואָס דאַרף דעם גאַסט געגעבן ווערן, און דער עולם אין שטאָט, האָט זיך טאַקע צוגעגרייט צו אַ קבלת פנים, וואָס לאָדזש האָט קיינמאָל ניט געזען.

דער טאָג פון מענדעלע מוכר ספרים'ס אָנקומען קיין לאָדזש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אמת'ן יום טוב. אומעטום זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַראַטונגען ווי אַזוי אויפצונעמען דעם זיידן. אַלע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטלאַכע, קולטורעלע און אַנדערע, האָבן אויסגעקליבן דעלעגאַציעס צו גיין באַגריסן דעם גאַסט. מיטגלידער פון די דעלעגאַציעס, צווישן זיי דער רעדאַקטאָר י. אונגער. דער דראַמאַטורג מ א ר ק א ר נ ש ט י י ן און דער פאָרשטייער פון „בונד" מ. א נ ד ר ע ס זיינען געפאָרן קיין קאַלושקי באַגעגענען דעם זיידע, וואָס איז געפאָרן קיין לאָדזש אין באַגלייטונג פון זיין פרוי, זיין טאָכטער און די שריפטשטעלער יעקב דינעזאָן און הוד פרישמאַן.

ביי דער באַנסטאַנציע אין קאַרזש האָט זיך דערהויך צונויפגעקליבן א עולם פון טויזנטער מענטשן וואָס האָבן מיט אומגעדולד דערוואַרטעט דאָס אָנקומען פון דעם געחובֿענעם גאַסט.

ענדלאַך איז אָנגעקומען דער צוג און מענדעלע איז אַרויס פון וואַגאָן צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט מיט באַגייסטערטע שטימען גענומען רופן שלום עליכם זיידע, „עס לעבע דער זיידע ר׳ מענדעלע“ א. ד. ג. עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין „הידד“ אויסרופן.

מיט שוועריקייט האָט מען דעם זיידן צוגעפירט צו א קאַרעטע, וואָס האָט אים געזאָלט אָפּפירן אין האָטעל אַריין. אייניקע פון דעם עולם האָבן ספּאָנטאַן אויסגעשפּאַנט די פערד פון דער קאַרעטע און זיי גענומען אַליין שלעפּן.

די גרויסע מאַסע פון אַרום דער באַנסטאַנציע האָט דעם זיידן מיט זיינע באַגלייטער אָפּגע־געפירט אין האָטעל אַריין און אויף דעם גאַנצן וועג געלאָזט הערן באַגייסטערטע אויסרופן. די גאַסן דורך וועלכע מען האָט דעם זיידע אַריינגעפירט אין שטאָט אַריין, זיינען אויך געווען באַ־לאַגערט מיט מענטשן וואָס זיינען נייגעריק געווען כאָטש כאַפּן א בליק אויף דעם גרויסן שריי־בער. קריסטן האָבן זיך געוואונדערט ווען מען פירט דאָס אין א אויסגעשפּאַנטער קאַרעטע און די אידן האָבן זיי דערקלערט, אַז דאָס פירט מען דעם „רזשישאַרעק“ פון דער אידישער ליטע־ראַטור.

אין קאַרזש האָט מענדעלע מוכר ספרים פאַרבראַכט עטלאַכע טעג, און די גאַנצע צייט איז זיין האָטעל באַלאַגערט געוואָרן פון נייגעריקע מענטשן.

פייערלאַכע אויפנאַמען האָט מען דעם זיידע אויך געגעבן אין אַלע אַנשטאַלטן, וועלכע ער האָט באַזוכט. מיט באַזונדער אינטערעס האָט ער זיך אָבער באַצויגן צו די שולן און גאַנץ באַזונדערס מיט דער האַנטווערקער תלמוד תורה וואו ער איז מיט גאָר וואַרעמע באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון די לערער און שילער.

צום אמת׳ן יום טוב האָבן זיך געגרייט דער פאַראיין „האַרפע“ און די „דראַמאַטישע קונסט“. דאָס כאָר פון דער „האַרפע“ אונטער דער פירונג פון מ. בענסמאַן האָט איינשטודירט א באַגריי־סונגס מאַרש מיט ספּעציעלער אָנגעשריבענער מוזיק פון דעם דיריגענט. די „דראַמאַטישע קונסט“ ווידער האָט צוגעגרייט די אויפפירונג פון עטלאַכע סצענעס פון מענדעלעס „דער פריזיוו“.

ענדלאַך איז אָנגעקומען דער דערוואַרטעטער אָוונט און דעם זיידע איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער אָפיציעלער קבלת פנים. אויסער דעם פּראָגראַם האָט געלייענט דער זיידע אַליין און אויך יעקב דינעזאָן און דוד פרישמאַן. געענדיקט האָט זיך דער אָוונט מיט באַגריסונגען פון פאַר־שיידענע אינסטיטוציעס און פאַראיינען. דער דערפאָלג פון אָוונט איז געווען אַזאַ גוואַלדיקער, אַז מען האָט דאָס פּראָגראַם באַלד אויף צו מאָרגנס נאָכאַמאָל געמוזט דורכפירן.

פאַר זיין אָפּפאָרן האָט מען לכבוד דעם זיידע איינגעאָרדנט א גרויסן באַנקעט און ביי דער באַנסטאַנציע, האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט פיל דעלעגאַציעס וואָס האָבן דעם זיידע אונטער־געטראָגן מתנות.

נאָך לאַנג, זייער לאַנג, האָט קאַרזש געלעבט אונטער דעם איינדרוק פון דעם גראַנדיעזן קבלת פנים, וואָס עס איז צוגעגרייט געוואָרן דעם זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר ספרים, און קיינער פון די וואָס האָבן די פייערלאַכע אויפנאַמע מיטגעמאַכט וועלן זי ניט פאַרגעסן.

אונזער היים־שטאָט מעג שטאָלץ זיין, וואָס זי האָט דאָס גליק געהאַט אין אירע מויערן אויפצונעמען די ערשטע קלאַסיקער פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור. גאַנץ באַזונדער שטאָלץ מעגן אָבער זיין אונזערע אידישע אַרבעטער, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער אידישער ליטעראַטור און א דאַנק וועלכן אַזעלכע באַגייסטערטע אויפנאַמען פאַר אידישע שרייבער זיינען דערמעגלאַכט געוואָרן.

ד"ר. צבי כהן

# צו דער געשיכטע פון דער אידישער פרעסע אין לאָדזש

(ערינערונגען און באמערקונגען)

די אידישע פרעסע אין לאָדזש האט א פאראלעל־געשיכטע מיט דער אידישער פרעסע פון ווארשא. אין געוויסע מאָמענטן איז לאָדזש געשטאנען אונטער דעם איינפלוס פון ווארשא, אין אנדערע — האט זי געהאט אן איינענעם טאָן און איניציאטיווע. יעדנפאלס קאָן מען ניט שרייבען די געשיכטע פון דער אידישער פרעסע פון ווארשא אָן דער געשיכטע פון דער אידישער פרעסע פון לאָדזש. ביידע בילדן זיי דעם פונדאמענט צו דער געשיכטע פון דער אידישער פרעסע אין פוילן.

דער אנהויב פון דער אידישער פרעסע אין לאָדזש איז געווען אין געהיימע קעלערן ערגעץ וואו אונטער דר'ערד. כ'מיין דא די אומלעגאלע ליטעראטור, וואָס איז דערשינען אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט פון די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער אָרגאַניזאציעס, דער בונד, ס. ס. און פועלי ציון.

ווי ווייט מיר איז באקאנט איז די ערשטע דרוק־ארבעט פון דעם מין געווען „דער ארבייטער". ווען ער האט אנגעהויבן צו דערשיינען איז מיר ניט באַוואוסט. פאר מיר ליגט העפט 3־4 פון נאָיאבר (נאָוועמבער) 1905. דאָס איז געווען א ניט פּעריאָדישע שריפט און עס איז ווארשיינלאך, אז די שריפט האט אנגעהויבן ארויסצוגיין אין יאָר 1904.

„פונקען" ארויסגעגעבן פון לאָדזשער קאָמיטעט פון דער צ. ס. א. פ., לאָדזש נומער 1. דעקאבר (דעצעמבער) 1905. 14 זייטן, איז ווייזט אויס שוין געווען אלעגאלע שריפט. דאָס זעלבע דאַרף אויך געזאָגט ווערן וועגן דער „כראָניק פון דער פּאָפּעסיאָנעלער באַוועגונג", לאָדזש, 1906. אויך א לעגאלע שריפט, אבער וויפיל נומערן אזעלכע עס זיינען דערשינען איז מיר ניט באַוואוסט.

ארום דעצעמבער 1906 האָט דער בוכהענדלער אבא קאסמאן, וואָס האָט געהאט זיין געשעפט אויף 36 פּעטריקאָווער גאס צוזאמען מיט זיין שוואָגער אברהם טענענבוים, גערעדט מיט מיר וועגן גרינדן א טעגלאכע אידישע צייטונג אין לאָדזש. איך האָב שוין דאמאָלסט געהאט געדרוקט זאכן אין „הרגל" פון סובילאסקי'ן און „הזמן" וואָס איז דערשינען אין ווילנא און אין „המעורר" פון ח. ברענער, וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן. איך האָב דאמאָלסט געהאלטן ביי פאָרן שטודירן אין אויסלאנד און קאסמאן האָט מיר אָפּגערעדט דערפון און מיך געראטן בעסער צו בלייבן אין לאָדזש און ווארטן פאר זיין צייטונג. זיינע ווערטער האָבן מיר אויסגעזען ווי א חלום און איך בין אוועק. ארום פעברואר האָב איך אים אָנגעפרעגט אין א בריוו וואָס עס

הערט זיך מכח זיין געפלאנטער צייטונג. האט ער מיר געענטפערט, אז די צייטונג הויבט באלד אן צו רערשיינען און אז איך זאל תיכף קומען. ווען כ'בין געקומען האב איך געטראפן די זאך שוין אן ארגאניזירטע מיט י. אונגער אלס רעדאקטאר. די צייטונג האט זיך געזעצט אויף אגראַ־דאווא גאס 3, אין דער דרוקעריי פון עמאנואל האמבירסקי, וואס האט אראנזשירט די ערשטע אידישע זעצעריי אין לאדזש. געדרוקט האט זיך די צייטונג אין רער דרוקעריי פון דער ענדער־קישער צייטונג "ראזוואי". ווייל אויף אזא לוקסוס, ווי קויפן א ראטאציאנס־מאשין צו דרוקן די צייטונג האט מען דאן נאך ניט געקענט טראכטן. אחוץ מיר האבן זיך אין דער צייטונג באטייליגט גוסטאוו אייזנער און שבתי זאקס. דער נאמען פון דער צייטונג איז אויסגעקליבן



לעצטער נומער „לאדזשער נאכריכטן".



ערשטער נומער „לאדזשער טאגעבלאט".

געווארן דורכ'ן רעדאקטאר אונגער אלס „לאדזשער נאכריכטן". דער רעדאקטאר פון דער צייטונג י. אונגער האט יענער זומער געהאט געוויסע פארוויקלונגען און דאס האט געפירט צו א קאמף צווישן איס און דעם ארויסגעבער. אונגער האט רעזיגנירט אלס רעדאקטאר אין אויגוסט 1907 און אויף זיין צרט איז געקומען פון ווארשא לאזאר קאהאן. די צייטונג האט עקזיס־טירט ביז אנהויב יאנואר 1908.

די „לאדזשער נאכריכטען" זיינען נאך עלף חדשים פון עקזיסטענץ אונטערגעגאנגען, און 5 טעג שפעטער, אין נאוועמבער 1908, האט זיך ארגאניזירט א קאאפעראטיוו ארויסצוגעבן דאס „לאדזשער טאגעבלאט". אין דער רעדאקציע זיינען אריין: י. אונגער אלס רעדאקטאר, לאזאר קאהאן, ישראל קאהאן, גוסטאוו אייזנער, י. מ. פליאט און רער שרייבער פון די שורות. אלס ארויסגעבער עמנואל האבורסקי און אברהם טענענבוים. דער פארמאט איז געווען דאמאלסט פון א טאבלאיד צייטונג, 4 זייטן. די דאזיקע צייטונג, וועלכע איז ערשט מיט עטלאכע חדשים צוריק אונטערגעגאנגען, האט נעהאט א געשיכטע פון 27 יאר פארשיידענע גלגולים. איך האב אין דער צייטונג מיטגעארבעט פון 1908 ביז 1910, ווען כ'בין גערופן געווארן קיין ווארשא מיטצואַרבעטן אין „אונזער לעבן" און שפעטער ווען דער „אינזער לעבן" איז אונטערגעגאנגען

פון 1912 ביז זומער 1915, ווען זי האט צוליב די דייטשע צענזור־באַדינגונגען געמוזט צייט־ווייליק אויפהערן צו דערשיינען. די געשיכטע פון דער צייטונג איז א פאַרכנרייכע און ניט אַליין איז גענוי באַקאַנט, אבער אפילו דאָס וואָס עס איז יאָ באַקאַנט א ז מיר אוממעגלאך מיט־צוטיילן די לעזער צוליב פאַרשיידענע טעמים.

אין יאר 1912 איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָדזש א נייע צייטונג „נייעס לאָדזשער מאָרגענבלאַט". די ארויסגעבער זיינען געווען: מ. העלכיאַן, מ. יאקובאַוויטש און א. ר. אסטראָווסקי. אלס רעדאַקטאָרן האבן אונטערגעשריבן די צייטונג מ. בן אליעזר און אַר. מוקרוני. די צייטונג האט מיטגעמאַכט שווערע קאַמפן פאַר איר עקזיסטענץ און איז אונטערגעגאַנגען ענדע אויגוסט 1914.

דאס „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", געגרינדעט דורך לאַזאַר קאַהאַן מיט דער הילף פון דער דייטשער אקופּאַציאָנס מאַכט, איז געקומען אויף דער ליכטיקער וועלט פרייטיק דעם 19טן מערץ פון יאר 1915. די ערשטע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע זיינען געווען: ישראל קאַהאַן, י. מ. פליאַט, בן חנוך (ח. י. בריסטאַווסקי) ב. שעפּנער און אנדערע. דעם 1טן אָקטאָבער 1915 האט ישראל קאַהאַן איבערגענומען די רעדאַקציע און איך בין צוגעצויגן געוואָרן צו זיין דער מיטרעדאַקטאָר פון דער צייטונג אין וועלכער כ'האָב זיך באַטייליקט ביז דעצעמבער 1918, ווען כ'בין אריבער קיין וואַרשע אלס רעדאַקטאָר פון „היינט".

וועגן אנדערע אויסגאַבן אין לאָדזש זיינען מיר באַקאַנט „דער לאָדזשער ארבייטער", א צייטשריפט געווידמעט די אינטערעסן פון ארבעטער־קלאַס, לאָדזש, יאנואר 1925, נומ. 1, פּרייז 2 קאָפּ. „צווישן אייגענע", סאַטירישע צייטונג, דערשיינט צו יעדן קאָנפערענץ סעזאָן. ארויסגעגעבן דורך דעם קולטור און אויפקלערונגס־קאָמיטעט ביי דער ארבעטער היים. „ערשטע אידישע שאַך־צייטונג", רעדאַגירט און ארויסגעגעבן דורך ה. סאַלווע און מ. קרישעק מיט דער נאָענטער מיטווירקונג פון עקיבא רובינשטיין, 14 (י) אָקטאָבער 1913, נומ. 1. ערשטער יאָרגאַנג.

מיינע ערינערונגען זיינען ביז 1918, ווען כ'האָב פאַרלאָזט לאָדזש.

---

י. ה. ראַדאָשיצקי

# לאָדזש מיט אירע דיכטער און שריפטשטעלער

לאָדזש — די פאַבריקן־שטאָט, מיט צוואַנציק גאָרנדיקע קוימענס, וואָס שפּייען תמיד מיט רויך און מיט דאַמף און פאַרשווארצן די הימלען, וואָס ציען זיך איבער שטאָטס פינפגאָרנדיקע הייזער, פון „ווילקע" און פון „באַלוט".

לאָדזש — די שטאָט פון אומרואיקייט — פון אייביקן געטומל, — פון א מיניאַטור ניו־יאָרק.

די שטאָט פון דריי פעלקער, מיט דריי שפּראַכן: פויליש, אידיש און דייטש. און יעדער פאָלק־טייל — מיט זיין אייגענער קולטור, מיט זיין אייגנאַרטיקן טראַדיציאָנעלן לעבן, מיט זיינע אייגענע צרות און פרייד.

לאָדזש — די שטאָט מיט רייכע פאַבריקאַנטן אין פּאַלאַצן — פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — די מאַסן הארעפּאַשניקעס, די פאַבריקן־וועבער און די האַנט־וועבער, איינגעקלאַמערט אין די פינצטערע הייזלאַך, וואָס האָרעווען, לעבן אין וואַגנדיקער אָרימקייט... און

נאָך א סך אנדערע פּאַרטייאידענע האַנטװערקער װאָס מאַטערן זיך אין די קלאַמערן פון נויט. די שטאָט װאָס טראָגט אויף אירע רויטע פאָנען אײַפגעשריבן, מיט'ן ארבעטער־בלוט: „ארבעט און קאַמף!"...

לאָדזש — די שטאָט װאָס פאַרמאָגט אויך א היפּש ביסל לופט־מענטשן, — „מנחם־מענדלס" — װאָס דרייען זיך ארום איבער די גאַסן מיט די שטעקעלאַך אין די הענט און לעבן מיט דעם רויך פון די קוימענס... די שטאָט, װאָס פאַרמאָגט א גרויסן רייכטום און א נאָך גרעסערן דלות. א שטאָט װאָס האָט ארויסגעגעבן א סך העלדישע רעװאָלוציאָנערן, — אידישע און פּוילישע ארבעטער־רעװאָלוציאָנערן און מאַרטירער, און האָט אויך בײַגעשטייערט איר חלק ליטעראַרישע כחות — דיכטער און זשורנאַליסטן, פאַר דעם בנין פון דער אידיש־װעלטלאַכער ליטעראַטור.

איך װעל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דער אַלגעמיינער געשיכטע פון אידישן װאָרט אין לאָדזש, דאָס איז ניט מײַן באַרוף. דאָס װעל איך איבערלאָזן פאַר דעם װאָס װעט שרייבן „די געשיכטע פון אידישן לאָדזש". איך װעל נאָר פּרואװן דאָ צו פאַרצייכענען א קליין ביסל אינפאָרמאַציע צו געבן װעגן דעם אידישן װאָרט אין לאָדזש פון די לעצטע 15-20 יאָר צייט, — א קליינעם רעפלעקס געבן, — פאַרצייכענען די ליטעראַרישע ארבעטן פון די יונגע, װאָס האָבן זיך מיט אימפּעט ארײַנגעריסן, מיט זייער װאָרט, אין אידישן לעבן ארײַן פון לאָדזש און הויך געהאַלטן די פאָן פון אידיש! — געװעקט און ניט געלאָזט אײַנשלאָפן דאָס אידישע װאָרט אין לאָדזש... די װאָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אונטער די געדריקטע הויך־װאָלקנס, מיט זייער ניי קרעפטיק װאָרט, געזונגען צו די פאַראַבטעטע שטאָט... און — זיך רעדזונגען...

װײַל, — װי װאָלט אויסגעזען דאָס אידישע לאָדזש, אָן דעם ביסל רוחניות, װאָס די יונגע דיכטער און שריפטשטעלער האָבן ארײַנגעזאָפּט אין זייערע פאַרהאָרעװעטע געמיטער ארײַן?... האָבן זיי טאַקע געהאָלפן צו דערהייבן דעם אידישן קולטור־ניװאָ אין לאָדזש, האָט זיך טאַקע דער נאָמען „לאָדזש" אײַנגעקריצט אין דער געשיכטע פון אידישן װאָרט, צוזאַמען מיט די נעמען פון א סך אַנדערע גרייסע אידישע קיבוצים פון דער װעלט. הערט מען טאַקע שוין די לעצטע צייטן פון יובילעאום־פּייערונגען, פון דיכטער און שריפטשטעלער פון די „לאָדזשער!"

זאָל דאָ טאַקע אויך דערמאָנט װערן, אז די לאָדזשער אידישע ארבעטער האָבן תמיד, מיט ליבע און מיט דרך ארץ אויפגענומען יעדן נייעם דיכטער, יעדן נייעם זאַמלבוך, יעדן זשורנאַל, װאָס די לאָדזשער יונגע האָבן ארויסגעגעבן אין יענער צייט; זיי האָבן יעדע ליטעראַרישע דערשיינונג אויפגענומען מיט פרייד און מיט דאַנקבאַרקייט.

מײַן ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג װעט דאָ טאַקע נאָר זײַן פון א באַגרענעצטער צייט, פון די יאָרן װאָס טראָגן אין זיך יאָרערדיקע קערנער פון אונזער אַלגעמיינער ליטעראַטור, און אויך פון די יונגע אין לאָדזש; פון די צייטן בעת מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן ארויסצושיילן פון „לאָקאַליזם" צו װעלטלאַכקייט, סיי אין פּאָעזיע סיי אין דער פּראָזע. די צייט פון דער גאָלדענער עפּאָכע, פון י. ל. פּרץ, רוד פּרישמאַן — (דער לאָדזשער) — מאָריס ראָזענפעלד, ה. ד. נאָמבערג, שלום עליכם, — האָבן נאָך געלעבט, געשריבן און באַװירקט. און זיי צו לאַנגע יאָר: אברהם רייזען און שלום אש די װעלכע האָבן טאַקע באַאײַנפלוסט די יונגע, הויבן זיך טאַקע אן צו באַװייזן איבער די שפּאַלטן פון די לאָדזשער צייטונגען, נייע לידער, נייע בילדער פון לעבן, נייע פרישע װערטער װאָס האָבן געװעקט און דערמונטערט דאָס אידישע לאָדזש.

װאַרפט מען א בליק איבער די ליטעראַרישע אויסגאַבן, װאָס זיינען די לעצטע צװאַנציק יאָר צייט דערשינען אין לאָדזש, פון לאָדזש — שפּיגלט עס אביסל אָפּ די פרישע כחות װאָס זיינען צוגעקומען. איך װעל דאָ פאַרצייכענען א רייע ביכער און זשורנאַלן, װאָס זיינען ארויס אין לאָדזש בעת די מלחמה און שוין נאָך די מלחמה־יאָרן.

„גאַנץ לאָדזש" — לאַזאַר קאַהן. „דער שפּיגל — אין גראַמען. „באַגינען" — י. ה. ראַדאַשיצקי. „אונזער יום טוב" — ארויסגעגעבן פון ג. אייזנער. „דער לאָדזשער פויגל" — רעד. פון

י. מ. נײמאַן. „אי שטילע צײטן" — א. סאַכאַטשעװסקי. „שװאַרצע פליטערלאַך" — מ. בראָ־דערזאָן. „כּי־ן טיפן הארצן" — צבי קאַהן. „דער קיביצער" — פון י. מ. נײמאַן. „די יעצטיקע צײט" — ה. סאַלניק. „געזאַנגען" — אַנטאָלאָגיע — פון „הערשעלע". „פּאַטימאַ" — פּאָעמע פון יצחק קאַצענעלזאָן. „דער זשורנאַליסט" — דער. פון לאָדזשער זשורנאַליסטן און שרײַבער פאַראײן. „יונג אידיש" — רעד. פון מ. בראָדערזאָן. „פּערל אויפן פּנים" — כ. בראָדערזאָן. „לײבו" — פון חיים קרול. „די װעלט פלאַמען" — פּאָעמע פון י. ה. ראַדאָשיצקי. זשורנאַל „ס'פּעלר" — רעד. פון א גרופּע די יונגע. „דער באָבעס אוצר" — פון מרים אולינאָװער. „א חתונ'קע", „תחית המתים" — פּאָעמען פון מ. בראָדערזאָן. „שװעלן" — זשורנאַל, רעד. פון יונגע דיכטער. „דורשטיקע נעמער" — לידער. פּאָעמען און באַלאַדן — פון חיים זב פוקס. „די קללה פון בלוט" — ראָמאַן, פון ישראל ראַבאָן. „זון־פויגעלע" — פון „הערשעלע". „מיט'ן פּנים צו דער זון" — י. שפּיגל. „צי א נײע װעלט" — נאָװעלן — ש. בערלינסקי. פון זעלבן מחבר א ביכל נאָװעלן „אין דרויסן".

אויך מוזן דאָ פאַרצײכנט װערן די דערשינענע ביכער פון די לאָדזשער אין ניו־יאָרק:

„אין דערנענטערונג" — חיים קרול, פאַרלאַג „אײגענע", פון דעם זעלבן פאַרלאַג— א בוך לידער און פּאָעמען: „ראַדאָשיין" פון י. ה. ראַדאָשיצקי. „פון מײן טאַטנס שטוב" — א ראָמאַן. לידער און עסײען, פאַרלאַג קלעצקין, װאַרשע, פון חיים קרול. אויך דער פּראָדוקטי־װער דיכטער און זשורנאַליסט א. לײעלעס (גלאַנץ) מוז אַרײנגעשטעלט װערן צו דעם צעטל פון די לאָדזשער. ער האָט אין משך פון די לעצטע 15 יאָר צײט דאָ אַרויסגעגעבן ביכער פון א סערנדיקן קינסטלערישן װערט װי: „ יונג האַרבסט", „ראָנדעס" „לאַבירינטן", „די מעשה פון הונדערט", „שלמה מלכּי", „א בוך װעגן יעקב װאַסערמאַן". א בוך „די פילאָזאָפיע פון קונסט" און לעצטנס א בוך „צו דיר צו מיר".

אויך דער דיכטער פּנחס גורמאַן, דער מחבר פון צװײ ביכער — „געזאַנגען פון װעבער־לעבן, „אין געשפּאַן" — איז א לאָדזשער.

דער עיקר: לאָדזש האָט אויך איר חלק בײגעשטײערט און האַלט אין אײן טראָגן מאַסיװע ציגל צום בנין פון די אידישע ליטעראַטור. אבער -- מיר איז ניט געלונגען אַלץ צו פאַרצײ־כענען, װאָס לאָדזשער דיכטער און שריפטשטעלער האָבן פּאַ־עפנטלאַכט ביז'ן יאָר 1934. עס זײנען פאַראַן נאָך א סך ביכער װאָס זײנען װערט פאַרצײכנט צו װערן, לײדער האָב איך זײ ניט בײ דער האַנט. און ניט אַלץ װאָס װערט געשריבן פון די לאָדזשער דיכטער װערט אַרויס־געגעבן אין לאָדזש גופא: עס זײנען א סך דיכטער און שריפטשטעלער צוזשפּרײט איבער דער װעלט, װאָס האָבן אַרויסגעגעבן ביכער. װי א שטײגער דער יונגער דיכטער יצחק בעדלינער אין מעקסיקע, א צװאַנציקער פּרײז. אפּאַטשינסקי — א באַגאַבטער שריפטשטעלער און זשור־נאַליסט, אין לאָדזש; אין װאַרשע — בדוך שעפּנער, ש. שפּיגעל, א. א. ז. דער גרעסטער טײל שריפטשטעלער און דיכטער די פון אויבן דערמאָנטע- און אויסגערעכנטע—זײנען קינדער פון עלטערן, װאָס זײנען דורכגעגאַנגען דעם אוניװערזיטעט פון נויט און לײדן... װאָס די צײט האָט זײ אַרײנגעבײטשט אין לעבן א מיין: פילט מען טאַקע פון זײערע שורות אַרויס דעם סאָציאַלן אָטעם פון אמת, אומעטום װאו נאָר זײ געפינען זיך אין דער װעלט.

ניו־יאָרק, מערץ, 1934

א. גלאַנץ־לעיעלעס

# מיינע צוויי מאָל לאָדזש

איך בין צוויי מאָל געווען אין לאָדזש. איינמאָל גאַנצע זעכצן יאָר. דאָס צווייטע מאָל, ניינצן יאָר שפּעטער — קוים עטלאָכע טעג.

איך בין אַ געבוירטיקער פון װלאָצלאַװעק, אָבער איך באַטראַכט װעגן זיך נאָר װי װעגן אַ לאָדזשער. איך בין געװען אַ פּיצל קינד, װען מײנע עלטערן זײנען איבערגעפאָרן אין אָט דער מיטושטשער, אַנגעפּלאָסענער שטאָט — דער צװײטער גרױסער צענטער אין גאַנץ מלוכת פּױלן.

אַ לאָדזשער — און אַ מין שטאָלץ ליגט אין מיר, װען איך באַטראַכט װעגן דעם. איך װײס אַלײן ניט פאַרװאָס. נאָר װי אַ קינד בין איך אָנגעזאַפּט געװאָרן מיט דעם געראַנק, אַז איך בין אַ גרױס־שטאָטיקער, און פון דאַמאָלט אָן בין איך פאַרקניפּט מיט גרעסערע, געמױערטע הײזער, מיט שטײנערנעם ברוק, מיט אַ מיסטישן הדר־אײן פאַר בוכהאַלטעריע, און מיט אַ באַשטימטער פּראָלעטאַרישער פּסיכאָלאָגיע.

װען איך בין צו עפּעס מער װי 16 יאָר געקומען קײן לאָנדאָן, געדײנק איך, אַז איך בין ניט נתפּעל געװאָרן. געװיס, לאָנדאָן איז אַ סך, אַ סך גרעסער, װי לאָדזש, נאָר דער חילוק איז פּאָרט ניט געװען אין תוך. בלױז אין גראַד. די גרױסשטאָטיקײט איז שױן אין מיר פאַרבליבן. װען איך האָב שפּעטער געזען ניו־יאָרק, בערלין, װין, פּאַריז, רױם, האָב איך אַבסאָלוט ניט געפילט קײן שום אַנדערשקײט. רײזלבע לופט אין גרונט. אפשר נאָך אַביסל העכערע הײזער, אַביסל ברײטערע און געװיס שענערע גאַסן.

איך געדײנק, װי מײן פאָטער האָט מיך געפירט װײזן די ערשטע גרױסע עלעקטרישע לאָמפּ. כ׳קאָן זיך שױן ניט גענױ דערמאָנען, װאו דאָס איז געװען. איך גלױב, אַז דאָס האָט געמוזט זײן אין אַ זײטן־גאַס פון דער פּיעטריקאָװער, זאַװאַדזקאַ אָדער הושעלנאַ. דער טאַטע מײנער האָט צו מיר דאַן אױך גערעדט װעגן עלעקטריע, מאָלעקולן און אַטאָמען. איך האָב װײניק װאָס פאַרשטאַנען, נאָר איך האָב זיך געגרױסט, װאָס איך האָב אַזאַ געלערנטן טאַטע, װאָס װײס אַלע שװערע זאַכן.

דעם ערשטן עלעקטרישן טראַמװײ בין איך שױן אַלײן געלאָפן זען. איך האָב געמוזט דאַן זײן אַ יאָר 9־10. און װידער — איך בין ניט איבעריק נתפּעל געװאָרן. אין קאָפּ זײנען געשטאַנען די װערטער מאָלעקולן, אַטאָמען, עלעקטריע, מײן טאַטענס זיכערקײט, אַז עס איז גאָר ניטאָ קײן גרעניץ צו דעם, װאָס דער מענטש קאָן און װעט אױפטאָן. טאָ װאָס איז דאָ פאַר אַן אומגעװײנלאַכקײט אין אַ טראַמװײ, װאָס לױפט אָן פערד?

דערפאַר געדענק איך, װי איך בין שטאָלץ געװען דערפון, װאָס װאַרשע האָט נאָך ניט אַזאַ טראַמװײ, בלױז אַ קאָנקע — דאָס הײסט אַ טראַמװײ מיט פערד. אין זכרון איז אױך פאַרבליבן דער גרױסער עולם, װאָס איז צוזאַמען מיט מיר געלאָפן זען דעם נײעם אױפטו, און װאָס האָט מיר גוט צוקװעטשט די זײטן. פון דעמאָלט אָן אפשר פיל איך זיך הײמיש אין אַן אַנגעפּאַקטן ניו־יאָרקער סאַבװײ.

קינדער־יאָרן. שול־יאָרן. אין לאָדזש ווערט מען שנעל רייף. צו 9־10 יאָר שרייב איך שוין לידער. אויף רוסיש. פאַרשטייט זיך. איך זיינען רוסיפיצירט אין לאָדזש, און מען וואונדערט זיך, וואָס אויב עס קומט א קוזינע פון וואַרשע, רעדט זי גאַנץ גוט פויליש, און רוסיש דווקא ניט. מיינע ערשטע לידער — ערשטע ליבע־וויי, שטאַרקער פעסימיזם, ווי אויך: די דושנע גאַסן, און אַ אָנהויב פון סאָציאַליסטישער שטימונג, פון רעוואָלוציאָנערער בענקשאַפט נאָך „פרייהייט”.

אין לאָדזש ווערט מען שנעל באוואוסטזיניק. צו 13 יאָר בין איך אי א ציוניסט, און האַרנאָר פון העברעאיש. אי א כאַציאַליסט און א קאָסמאָפאָליט, דאָס הייסט אַן אַסימיליאַטאָר, און שעם זיך צו ריידן אידיש אין גאַס. א ווידערשפּרוך? מילא. דרייסיק יאָר שפּעטער האָב איך נאָך אויך ניט באוויזן אויסצוגלייכן אַלע ווידערשפּרוכן אין מיר.

אין לאָדזש מוז מען זיך פרי „אַנטשיידן”. דער „בונד” איז שטאַרק, די „פּ. פּ. ס.” זיינען שטאַרק, „ס. ס.” קומט ערשט אויף און געווינט אַלץ מער רעקרוטן צווישן די לאָדזשער פּרי־קאַזמישיקעס, בוכהאַלטערס און וועבער. איך בין שוין 14 יאָר און איך מוז באַשליסן, צו וואָס פאַר א פאַרטיי איך געהער. איך הער א רעדע פון א סטודענט ביי א געהיימער פאַרזאַמלונג. ער מאַכט אויף מיר ניט קיין איינדרוק. נאָר אָט טרעט אַרויס א וועבער, אַן אמת'ער „פּראָלעטאַריער” — דאָס וואָרט האָט א געוואַלטיקן צויבער אויף מיר — און איך ווער צערודערט. ער רעדט וועגן רעוואָלוציע, וועגן כאַציאַליזם, וועגן דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אָבער אויך וועגן דעם אינטעררריקטן אידישן פאָלק, וואָס קאָן זיך ניט פּראָלעטאַריזירן און ממילא ניט קומען מיט לייטן גלייך צום סאָציאַליזם.

ווען איך קום אַהיים, לאָז איך וויסן, אַז איך בין אַן „ס. ס.”

„וואָס איז דאָס אַזוינס?” — פרעגט מיין עלטסטער ברודער וויגדער.

„דאָס איז „ציאָניסט־סאָציאַליסט” ענטפער איך מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז ער איז פאַרשמעליעט.

וויגדער לאַכט:

„ציוניזם אַליין איז דאָך זייער גרינג אויסצופירן: כאַציאַליזם אַליין איז אויך איינס און צוויי. נעמסטו אויף זיך ביידע זאַכן מיטאַמאָל? פיין”.
די איראָניע פון מיין עלטסטן ברודער הויבט מיך ניט אָן צו אַרן. איך דעקלאַמיר אים אָפּ עפּעס וועגן דעם, אַז וואָס גרעסער די אויפגאַבע — אַלץ בעסער און שענער. און בין פאַרטיק מיט מיין „אַנטשיידן זיך”.

עס קומען טעג פון אַרבעטער־בירושעס, פון אַגיטאַציע, פון קאָזאַקן־אָנפאַלן, נאַגייקעס, אַבלאַוועס, אַביסקעס, אַרעסטן. עס דערנענטערט זיך דאָס יאָר 1905.

די גרויסע לאָדזשער דעמאָנסטראַציע פון יוני 1905, דעם ערשטן גרויסן סיגנאַל צו דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, וועל איך אודאי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. א אינגל פון 16 יאָר אין א שול־אוניפאָרם מאַרשירט צווישן הונדערט־טויזנט מאַרשירער, און פילט אין יעדן בלוטטראָפּן דעם מוראדיקן כח פון מאַסע, פון איינס מיט א סך, א סך, א סך מענטשן. קיין מורא. ווען מען הערט דעם באַפעל: „שטיי!” קיין מורא ווען מען זעט קאָזאַקן אויף פערד מיט בלאַנקע שווערדן אין די הענט. קיין מורא אויך, ווען עס קנאַלט דער ערשטער שאָס.

ערשט ווען די גאַנצע מאַסע גיט זיך א כאַפּ אויף צוריק, ווען מען צופאַלט זיך אויף גרופּן און מען הייבט אָן לויפן אין די הויפן פון די הייזער — לויפט אויך דאָס אינגל, טראַכט וועגן דער נעפּאַר און וועגן דעם, אַז מען דאַרף ראַטעווען דאָס לעבן.

צום סוף 1905 פאָר איך שוין אַוועק פון לאָדזש. איך לאָז הינטער זיך די וואונדערלאַכע געביידע פון דער סינאַגאָגע, די פּיעטריקאָווער גאַס, די עטלאַכע פינפשטאָקיגע הייזער, דעם

קאַלע־גאַרטן, דעם העלענענהאף" — די אימפּאָזאַנטסטע געגנשטאַנדן, וואָס האָבן צום מערסטן אַנגעפילט פריער דעם קינדישן, דערנאָך דעם אינגליישן מוח, און קער זיך ניט צוריק גאַנצע 19 יאָר.

דאָס צווייטע מאָל לאָדזש.

איז דאָס טאַקע די גרויסע, די אינדוסטריעלע און מאָדערנע שטאָט לאָדזש?

זאָלן מיר אַלע לאָדזשער לאַנדסלייט מוחל זיין. איך בין גרינטלאָך אַנטוישט. איך באַקוק דעם גרויסן וואָקזאַל — גאַנץ קליין. איך זוך דעם קאַלע־גאַרטן, וואָס קומט מיר אַנטקעגן מיט זכרונות פון „זוברעווען" לעקציעס, עקזאַמען־צוגרייטונגען, פּאַרטיי־דיסקוסיעס און גימנאַזיסטקעס אין באַ'חנ'טע באַדראַ־מונדירן מיט פּעלערינקעס. און איך זע — אַ גאַנץ קליין פּאַרקל.

די רייכע פּיעטריקאָווער גאַס, די הויכע געביידעס, אַלע לאָדזשער מערקווירדיקייטן, דער שטאָלץ פון מיינע יוגנט־יאָרן זיינען גאָרניט רייך און ניט מערקווירדיק. די גרויסע וועלט פון לאַנדאָן ביז ניו־יאָרק האָט גענומען אויפ'ן „סמאָטר" דעם צווייטן צענטער פון מלכות פּוילן, און געגעבן אַ קליין שמייכעלע, אַ ביטל־שמייכעלע.

נאָר לאָדזש האָט געהאַט מיט וואָס זיך אויסצוקויפן ביי מיר. אין לאָדזש איז פאַר דער צייט אויפגעקומען אַן אינטערעסאַנטע אידישע ליטעראַטור. פון לאָדזש איז מיר אַנגעקומען די ערשטע באַגריסונג צום „אינזיך" אין אַ בריוו פון משה בראָדערזאָן, וואָס האָט פאַר דער צייט געקערט וועלטן מיט „יונג־אידיש". פון לאָדזש זיינען אַרויס נייע דיכטער. עס זיינען צוגעקומען אַזוינע נעמען, ווי בראָדערזאָן, ניימאַן, לייב פוקס, יאַראָשיצקי, חיים קרול, און נאָך, צום אידיש־דיכטערישן רייסטער. לאָדזש האָט אויפגעבליט מיט טאַלאַנטפולע מאָלער און סקולפּ־טאָרן.

אין לאָדזש איז נאָך אַלין שטאַרק די פּראָלעטאַרישע טראַדיציע. און איך הער, אַז ניט בלויז סטאַליניסטישער קאָמוניזם — אויך דער טראָצקיזם געווינט פאַר זיך קאַדרען צווישן די אויס־פּראַבירטע רעוואָלוציאָנערע לאָדזשער אַרבעטער.

שעמען זיך מיט לאָדזש האָב איך געוויס ניט קיין אורזאַך. שוין דוד פרישמאַן, אַליין אַ לאָדזשער אידעם, האָט מיט יאָרן צוריק געשריבן וועגן דעם ספּעציפישן לאָדזשער פּאַרנעם און וועגן אַ גאַנץ באַשטימטן לאָדזשער נוסח. יעדער לאָדזשער ווייס און פילט דאָס אין די ביינער אויב עס איז שווערלאַך אַנצורופן דאָס געפיל, וואָס מען האָט צו לאָדזש. ל י ב ע — דאָס דאָזיקע וואָרט בינדט זיך מער מיט דעם קליינעם שטעטל, וואָס ווערט אידענטיפיצירט מיט מאַמע און איז אַליין אַ מין מאַמע — האָט מען צו לאָדזש דעם מער מעגלאַכן צובונד פון פאַרשטענדנ־יש־פולער פריינטשאַפט, ווי מען האָט עס צו אַ פאָטער.

איצט איז מיר לאָדזש וואַרצלדיק נאָענט צוליב די צוויי קברים, וואָס ליגן דאָרט — די קבדים פון מיינע עלטערן. מיט 29 יאָר צוריק האָבן זיי מיך באַגלייט אין דער ווייטער וועלט אַריין, ווי אויף אַ דערוויילע. עס האָט גענומען 19 יאָר ביז איך בין געקומען צוריק, אויף אַ קורצע פאַר וואָכן. מיין מוטער איז אַוועק מיט אַכט יאָר צוריק. מיין פאָטער איז ערשט האָיאָר געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר. אַ וואונדע־באַרער מענטש איז געווען עוזר זלמן גלאַנץ, און איך בין שטאָלץ, וואָס ניט נאָר זיינע קינדער ריידן וועגן אים, ווי וועגן דעם אומפאַרגעסלאַכן פאָטער, נאָר אויך אַזוי צערטלאַך ריידן וועגן אים די טויזנטער תלמידים זיינע — ווי איך האָב געהאַט די מעגלאַכקייט צו זען פון די מיטגעפיל־אויסדרוקן, וואָס איך האָב באַקומען פון אַ צאָל שילער זיינע דאָ אין אַמעריקע.

איך בין דאַנקבאַר לאָדזש פאַר דער וואַרעמער לעצטער באַגלייטונג, וואָס זי האָט געגעבן עוזר גלאַנצ'ן. איך באַנוץ זיך דאָ מיט דער געלעגנהייט הויך אויסצודריקן מיין דאַנק די קאָ־לעגן־פּאָעטן משה בראָדערזאָן און איציק מאַנגער פאַר זייער עפנטלאַכן מיטגעפיל צו מיין גרויסן פאַרלוסט, וואָס דורך אים וועט שוין לאָדזש אייביק לעבן אין מיין נשמה.

אברהם רייזען

# שלום אַש'ס אַ יובילײ געפײַערט אין לאָדזש

אין דעם יאָר 1910, ווינטער־צייט, איז געוואָרן צען יאָר זינט שלום אַש האָט פאַרעפנט־לאַכט זיין ערשטע קליינע דערציילונג „משה'לע" אין „יוד". אין יענעם ווינטער, 1910, ווען איך בין געווען אין וואַרשע, האָט אַש אָנגעשריבן זיין דראַמע „יחוס" און זי פאַרקויפט צו זאַנד־בערג'ן, וועלכער איז דאַן געווען דער דירעקטאָר פון אַ אידישער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין לאָדזשער פּוילישן שטאָט־טעאַטער — איבעריגענס, אויף וואָס די פּוילישע פּרעסע האָט אין יענער צייט שטאַרק פּאַראיבל געהאַט. די ערשטע אויפפירונג איז גראָד אויסגעפאַלן אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז געוואָרן צען יאָר זינט אַש האָט פאַרעפנטלאַכט זיין ערשטע שוין דערמאָנטע דערציילונג. האָט זיך אַש'ן, דאַן אַ קוים אַכט־און־צוואַנציק יעריקן יונגנמאַן, זיך פאַרוואָלט ווערן אַ יוביליאַר. און אפשר האָט עס זאַנדבערג, צוליב זיבערן דעם דערפאָלג פון דער פּיעסע, אויפגעטאַן. געננו געדיינק איך עס ניט. אויב אפילו אַש האָט אויפגעטאָן דעם דאָזיקן פּריצייטיקן יובילײ, מעג מען אים אויך פאַרגעבן. די ערשטע צען יאָר פון אַש'ס שאַפן, ווי דער ווייטערדיקער פּעריאָד, איז געווען אַזוי רייך, אַז אויך אַ צען־יאָריקער יובילײ איז געווען אַ פאַרדינטער. אמת, וואַרשע האָט האַרטנעקיג דעם דאָזיקן יובילײ אין גאַנצן, אָדער כמעט פאַרשוויגן. אָבער דאָס טעאַטראַלע לאָדזש האָט זיך געגרייט צו פּייערן דעם צען־יאָריקן יובילײ פון שלום אַש.

אויף דער דאָזיקער שמחה האָט אודאי אַש געלאָדן מיך מיט נאָמבערג'ן. כין איך אודאי געווען גרייט צו פאָרן אין לאָדזש אנטייל־נעמען אין דער דאָזיקער שמחה. כפרט, אַז געלט האָב איך דאַן געהאַט איבערגענוג. אין יענער צייט האָב איך שוין פאַרקויפט 3 בענד שריפטן צו מ. קרינסקי'ן, וועמעס אידישער פאַרלאַג, „ביכער פאַר אַלע", האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן און האָט קאָנקורירט מיט זיין אייגענעם העברעאישן פאַרלאַג „האור" און מיט אנדערע אידישע פאַרלאַגן. מ. קרינסקי האָט אָנגעבאָטן און טאַקע מיר געגעבן אַזאַ פּרייז, אַז דער פאַרלעגער פון מיינע פריערדיקע ווערק יעקב לידסקי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט צאָלן. באַקומען פאַר דריי קלענערע בענד ביי אַ צוועלף הונדערט רובל, אמת אין וועקסלען, — די וועקסלען האָב איך דיסקאָנטירט און באַקומען פאַר זיי מזומן געלט ביי אַ ניין הונדערט רובל — בין איך אין יענעם ווינטער און אַ שטיק אין זומער געווען דער רייכסטער צווישן מיינע קאָלעגן... ניט נאָר מיין שוועסטער שרה־באַשען און איר ליבן מײַ־נקען האָט דעמאָלט גאָרניט געפעלט, נאָר מיינע קאָלעגן האָבן אויך ניט געדאַרפט צופיל זיך זאָרגן אין יענע מאָנאַטן וועגן אַ וואַסערן צען־רובל־דיקן, צי מער. איך באַרים זיך, חלילה ניט, נאָר איך דערצייל עס אין פריידן, ווי וועגן יוגנט־לאַכע איבערלעבונגען, הגם איך בין שוין דעמאָלט געווען איבער דרייסיק יאָר...

האָב איך אודאי די רייזע מיט אַש'ן און נאָמבערג'ן קיין לאָדזש געמאַכט אויף מיינע אייגענע הוצאות און דוקא — מיט אַ שנעל־צוג און אין צווייטן קלאַס, אין אַ קופּע. אין דעם זעלבן צוג איז געווען אַ רעסטאָראַן, האָבן מיר פונדעסטוועגן אין דער קורצער רייזע פון וואַרשאַ קיין לאָדזש געגעבן צו לייזן אויך דעם רעסטאָראַן און אַלץ על חשבון הגביר...

פונדעסטוועגן, אַז איך האָב פאַרנדיק מיינע קאָלעגן פאַרגעלעזן אייניקע לידער, האָט נאָמ־בערג אַ צוויי פון זיי שטאַרק קריטיקירט. און אַש, שוין ווייניקער כבין אויף פּאָעזיע, האָט זיך געוויצלט איבער אַ ליבע־ליד און געזאָגט האַלב אין איראָניע:

— דיר, רייזען, איז גוט... פון אַ ניט־געלונגענער ליבע שרייבסטו אָן אַ צאָל געלונגענע לידער... ווערסט דאָך נתעשר ווערן...

האָט עס מיר אודאי פאַרדראָסן. צו הייליק זיינען געווען ביי מיר יענע לידער. אָבער דאָך האָב איך אים פאַרשוויגן, ניט געוואָלט צושטערן די געפילן פון פרייינטשאַפט, ווען איך פאָר אויף זיינער אַ שמחה. דערצו האָט ער קיין שלעכטס ניט געמיינט, הגם די פּערזאָן, וועגן וועמען די לידער זיינען געשריבן געוואָרן, איז אים ניט פרעמד געווען, און ער האָט אודאי גע־

וואוסט, אז די מוזיקע אײערע געשטאַרט האָט מען געקענט ארויסרופן לידער אפילו בײ א פראזע־שרײבער...

געקומען אין לאָדזש, האָט אונז באגעגנט דער דירעקטאָר פון אידישן טעאטער זאַנדבערג, מאן א מאן אין די מיטעלע יאָרן, א מאַן מיט העפלאכע באנעמונגען, וואָס האָט געשפילט די ראָליע פון אן ארטיסט און מעצענאט צוזאמען. האָט ער אונז געגעבן — גאָך אײדער די פאָר־שטעלונג האָט זיך אנגעהױבן — די גאַנצן ברײטע אױפנאמע, און ערשט נאָך דער פאָרשטעלונג האָט געזאָלט פאָרקומען דער גרױסער באַנקעט מיט שאמפאניער אױף זאנדבערג׳ס חשבון... אין זײן העפלאכקײט און אפילו פרײנטלאכקײט האָט אָבער געקלונגען א טאָן פון באַרימערײ, דערצו די בלישטשענדיקע רינגען אױף זײנע פינגער, די ריזע גאָלדענע קײט אױף זײן װעסט און דער גאָלדענער זײגער, וואָס ער האָט צו אָפט פון טאַש ארױסגענומען און בלומרשט װי ניט װילנדיק באַװיזן די בריליאנטן אױף זײן דעקל, — האָט אױף מיר געמאכט ניט דעם בעסטן אײנדרוק... הגם אין אלגעמײן אבער איז זאנדבערג געװען אן אינטערעסאנטער טיפ, נאָר איך, וואָס האָב שױן געקענט די בינע־מאַגנאַטן פון אמעריקע, באָרים טאָמאשעװסקי׳ן און דעם נשר הגדול אליין, האָב שױן פון א זאנדבערג׳ן ניט געקענט נתפעל װערן.

אויב יא נתפעל געװאָרן, בין איך עס געװאָרן פון א זײער יונגער שױשפּילערין, דאָן נאָך א דעביוטאַנטין, זינאַ גאָלדשטײן; זי איז דאַן געװען אזױ שײן און אפילו אין איך געשפּרעך אזױ גײסטרײך אז איך האָב נביאות געזאָגט, אז זי װעט אמאָל זײן אײנע פון די גרעסטע שױשפּי־לערינס אין אידישן טעאטער.

און זעענדיק זי בײ דער פאָרשטעלונג אין „יחוס", אין דער הױפּט־ראָלע, איז מײן באגײס־טערונג נאָך גרעסער געװאָרן.

לײדער איז דאָס פײערן פון שלום אַש׳ס צען־יאָריקן יובילײ געװען זײער ניט געלונגען; דער גרױסער טעאטער איז געװען כמעט לײדיק. געקומען זײנען בלױז הײסע חסידים פון שלום אַש׳ן, בײ א פּאָר הונדערט מענטשן. פאַרװאָס האָט די אונטערנעמונג, און נאָך מיט דעם אַנ־טײל פון זײנע צװײ קאָלעגן, — מיט נאָמבערג׳ן און מיט מיר, — ניט געהאַט דעם פאַרדינטן דערפאָלג, איז געװען א גרױסע רעטעניש פאַר א סך אָנהײנגער פון שלום אַש׳ן. אין דער צײט, וואָס יעדער אײנער פון אונז האָט געקענט „ציען" אן עולם פון פיל הונדערטער אין א געװײנ־לאכער אונטערנעמונג, זײנען צו דער פײערונג — צו אונז דרײען, געקומען קױם א צװײ הונ־דערט. האָט מען עס דערקלערט דערמיט, וואָס דער עולם איז ניט קײן נולם — װײל זיך ניט לאָזן אַרײננאַרן מיט יובילעאומס. א יובילעאום יאָ, אבער ניט קײן צען־יאָריקער... אַש איז נאָך הײסט עס צו יונג פאַר א יובילײ.

איז שױן דער באנקעט אױך ניט געװען קײן געלונגענער. ס׳איז אפילו קײן אמת׳ער באַנ־קעט ניט געװען. בײ זאַנדבערג׳ן אין הױז האָט מען א שטונדע פאַרבראַכט און אפילו די שאמ־פאַניער, וואָס דער ברײטהארציקער זאנדבערג האָט געשטעלט פאַר אונז, האָט אונז ניט געקענט באַרױשן.

האָט שױן די לאָדזשער „האַרפּע", װעמעס מיטגלידער עס זײנען באַשטאַנען דאָס רוב פון „בונדיסטן", געװאָלט אױסנוצן די לאַגע און האָבן אױף מאָרגן אונטער אַראַנזשירט פאַר אונז א באַנקעט. דער באַנקעט איז אפילו אנאַנסירט געװאָרן אין דער לאָדזשער אידישער טעגלאכער צײטונג, אבער אױך דער באַנקעט איז געװען ניט זײער געלונגען. געקומען צום באַנקעט זײנען בלױז די פּני פון דער „האַרפּע". אױפ׳ן באַנקעט האָט געפעלט שטימונג. די געשפּרעכן האָבן זיך ניט געקלעפּט און אפילו אַש׳ס פאַרלעזן זײן גענױאלע הומאָרעסקע „א חזן מיט משוררים", האָט געלאָזט דעם עולם קאַלט. האָב איך שױן, װי מיר דאַכט, — געװױ געדענק איך ניט — גאָרנישט פאַרגעלעזן און ס׳איז אױך רעכט געװען...

נאָכ׳ן באַנקעט אין „האַרפּע" זײנען מיר אַרױס אין גאָס. געבלאָנקעט זיך אביסל און איך האָב זיך דערפילט, װי אײנער פון א װאַנדערנדיקער קאַפעליע קלעזמער, וואָס איז אָנגעקומען ערגעץ אין א שטעטל. דעם מאָזיקן פאַרגלײך האָב איך אַרױסגעזאָגט פאַר מײנע קאָלעגן.

איז דאָס אַש׳ן שטאַרק געפעלן געװאָרן. איך האָב אים צוגעטראָפן. ער האָט זיך אַזש אנטציקט:

— רייזעו, דו ביזט געניאל!..

אז אויסדרוק, וואס ער מאכט שטארק אין שפּאס, נאטירלאך, ווען מיינס א ווערטל געפעלט אים שטארק...

זיינען מיר, ווי א קאפּעליע ארימע כלי־זמר, אריינגעפאלן, שוין אזייגער צוויי ביינאכט ערגעץ אין א קאבארעט. די כיידלאך פון קאבארעט, דערזעענדיק אזעלכע דריי געסט, און באַזונדערס אש׳ן, וואס האט שטענדיק ארויסגערופן אויפמערקזאמקייט מיט זיין שיינעם וואוקס, מיט זיין קינסטלערישער צוטראגנקייט, מיט זיין האלטונג פון א צובאלעוועטן יונג, האבן אונז, אז מיר האבן זיך געזעצט ביי א טישל, ארומגעינגלט מיט נייגעריקייט. האט אש, אנווייזנדיק אויף מיר, פּאטעטיש אויסגערופן:

— ער איז א פּאעט, בעט איס, ער זאל אייך עפּעס פארלעזן.

מיין בוך „געזאמלטע לידער", וואס איך האב מיטגענומען פארצולעזן פון אים אויף אש׳ס יובילייָ, האב איך געהאט ביי זיך אין טאש. אבער צו פארלעזן האב איך זיך געקווינקלט. הגם געוואלט האט זיך מיר יא עפּעס פאר זיי פארלעזן, און אויף אזא אופן לערנען דעם געשמאק פון דעם ראזיקן קלאס.

איך האב אבער ראָד ניט געוואגט. אש איז אבער צוגעשטאנען:

— רייזעו, לייען פאר זיי עפּעס... ווען איך בין א פּאעט, וואלט איך מיינע לידער געלייענט דווקא פאר אט אזעלכע.

דאס האט מיך שוין גערירט. איך האב אנגעקוקט די כיידלאך ביים טישל, עס זיינען געווען שוין בלויז דריי. איינע א שיינהייט, מיט אן עכט אידישן פּנים, שווארצע, קלוגע און עטוואס אומעטיקע אויגן.

איך האב ארויסגענומען דאס בוך, א בלעטער געטאן און איבערגעלעזן איינס.

דאס מיידל מיט די אומעטיקע אויגן האט ווי אפּאטיש אויסגעהערט און א גלייכגילטיקע זיך אנגערופן:

— נו, וואס דערציילן זי דא מיר?

איך וואלט זיך אזוי ניט באליידיקט פון דער ערגסטער געדרוקטער קריטיק.

— לייען נאך עפּעס... — האט אש געבעטן,

א ברירה האב איך שוין געהאט.

ענדלאך, אויף א פערטער ליד, האט זי צוגעגעבן:

— אט דאס ליד געפעלט מיר...

און זי האט זיך פארטראכט.

דאס איז געווען דאס זעלבע ליד, וואס איז אמאל אויך פריטמאנ׳ען געפעלן געווארן, און אש האט טריאומפירנדיק זיך אנגערופן:

— זעסט, רייזעו, זיי פארשטייען...

אבער לאנג אין דעם ראזיקן קאבארעט זיינען מיר ניט געבליבן זיצן. אש׳ן איז ענדלאך געווארן לאנגווייליק דער געשפרעך.

— נו, ברידער, קומט... ניט אינטערעסאנט...

אפּזעגנדיק זיך מיט די „ארימע", הגם רייך־געקליידעטע, מיידלאך, זיינען מיר טאקע, ווי א קאפּעליע ארימע קלעזמער, אוועק צו אונזער האטעל.

אש האט דעם גאנצן וועג געלאכט און ווידער דערמאנט מיין פארגלייך: ווי א קאפּעליע ארימע קלעזמער...

— רייזעו, ביסט געניאל...

און נאמבערג האט עס אלץ אנגענומען פילאזאפיש, צוגעגעניצט אביסל און געמורמלט:

— לאנגווייליק...

ערשט פאַרנדיק מארגן פרי צוריק קיין ווארשע מיט׳ן שנעל־צוג, האבן מיר באקומען אונזער ריכטיקע שטימונג. ווי עס וואלט קיין צענ־יאריקער יובילעאום און קיין הארפע־באנקעט קיינמאל ניט געווען. נאר אט־אזוי זיך געשפּילט אין א יובילייַ־שפּיל, אין וועלכן דער יונגער אש האט זיך פארשטעלט פאר א יובילאר.

מ. חמץ

# גריס מיין טאָכטער אין אַמעריקע

(פעליטאָן)

איך קלייב זיך פאָרן אין אמעריקא. אין הויז טומלט זיך, מ'קומט זיך מיט מיר געזעגענען. פריינט, באַקאַנטע קומען צוגיין, ברענגען מיר, ווער א בריוו צו א קרוב און ווער גלאַט אזוי א גרוס צו פריינט.

אין דעם טומל שטעלט זיך אריין אין הויז אן עלטערער איד מיט א קורצע ווייסע באָרד, די פלייצעס אביסל איינגעהויקערט און פרעגט זיך אויף מיר.

איך האָב דעם אידן ניט געקענט, ניט געוואוסט אפילו זיין נאָמען. אבער ער איז מיר געווען באַקאַנט, אים אַפּטמאָל געזען ביי אונז אין גאַס, און איבערהויפט איז ער מיר געווען באַקאַנט פון די קינדעריאָרן. ווייל איך פלעג אים אָפט זען שטיין שטענדיק אין א ווינקל פון דעם אלטן בית־מדרש און ראַוונען פאַר זיך אליין.

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט: דו פאָרסט אין אמעריקא? זאָג איך יאָ, איך פאָר אין אמעריקא!

ווילסטו זיך קויפן עולם־הבא? — פרעגט ער מיר ווייטער — שמייכל איך, און ענטפער — עס כאַפּט ניט אוים אביסעלע עולם־הבא, עס קאָן צוניין קומען דאָרטן אין יענע ווייטע מדינה... אבער וואָס קען איך טאָן פאַר אייך — פרעג איך — אויף צו קויפן זיך עולם־הבא?

בלויז איין קלייניקייט — ענטפערט ער מיר מיט א שוואַכע שטימע. — איך וויל אז דו זאָלסט דאָרטן אין „דער אמעריקא“ אָפּגעבן א גרוס מיין טאָכטער.

— יאָ, מיט פאַרגעניגן — זאָג איך — וועל איך עס טאָן פאַר אייך. גיט מיר איר אדרעס און זאָגט מיר אין וועלכער שטאָט זי געפינט זיך. דאָ ווערט שוין דער אכיסל טרויעריק און זאָגט:

— אָט דאָס איז טאקע די גאַנצע צרה. איך געדענק ניט וואו זי איז און האָב פאַרלאָרן איר אדרעס. ווייל איך אים אַפּריישן זיין זכרון און פרואוו טרעפן: ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגא.

— יאָ יאָ, כאַפּט ער מיר אינטער — עפּעס אַזעלכעס...

ווער איך שוין שטאַרק טשיקאַווע און פאַנג זיך אָן מער פאַנאַנדערצופרעגן וועגן זיין טאָכטער. אבער נאָך מיין ערשטע פראַגע האָב איך שוין מער ניט געדאַרפט פרעגן. ער האָט מיר שוין אליין אַלעס דערציילט.

א גאָלדן קינד איז זי, מיין טאָכטער — האָט ער אָנגעפאַנגען דערציילן — שיין געוואַקסן, געראָטן מיט אַלע מעלות, געאַרבעט אלס נייטאָרין, ניט שלעכט פאַרדינט, געשטאַנען אין שיינע שדוכים. געהאָפט צו האָבן א סך נחת פון איר. אבער בילאַכווייז האָב איך אָנגעפאַנגען צו באַמערקן אז זי איז ניט דאָס זעלבע גאָלדענע מיידל, ס'איז ניט מיין ח... — דאָ האָט ער אָנגערופן זיין טאָכטער'ס נאָמען — און איז שטיל געוואָרן פאַר א ווייל. אַרויסגענומען א טאַבאַק־פּושקעלע און גענומען א גרויסן שמעק טאַבאַק און גענומען ווייטער ריידן, אבער שוין מיט א שטאַרקערע שטימע: — זי האָט זיך אָנגעפאַנגען ארומדרייען מיט „יענע חברה“, ווי רופט מען זיי דאָרטן די „אבטעסניקעס“, געקומען שפּעט אהיים, קיינמאָל ניט געזעסן אין הויז, און אז זי איז שוין יאָ געווען אין הויז, האָט זי גאָרניט געוואָלט טאָן, נאָר זי איז געזעסן איבער יענע „ושאַרגאַנישע“ ביכלאך און געלייענט...

איך פלעג מיט איר איינ'טענה'ן: טאָכטער, וואָס וועט זיין דער תכלית? וואָס איז געוואָרן פון דיר? וואָרף אוועק די אַלע נאַרישקייטן. עס וועט פון דעם קיין גוטס ניט ארויסקומען. אָבער אַלע מיינע טענות און געבעטן האָבן ניט געהאָלפן, זי איז שוין געווען א פאַרלאָרענע. איך האָב

זיך שטארק אנגעקליטן... ניט געשלאפן קיין נעכט. האט דער גלאק פון טויער געגעבן א קלונג, האט זיך מיר אויסגעדוכט אז אט גייט שוין דער רעווראָווע מיט'ן סטרוזש איר ארעסטירן...

אבער די גרעסטע צרה מיינע איז געקומען, ווען אין א שיינעם פרימאָרגן קומט מיין טאָכטער צו מיר צוגיין און זאגט מיר: טאטע, איך פאָר אין אמעריקא! אט דאָ האָב איך גלייך דערפילט אז איך פארליר מיין קינד אויף אייביק... ווי פיל איך האָב זיך ניט געבעטן ביי איר, עס האט ניט געהאלפן. זי האט טאקע אויסגעפירט אירס. זי איז אוועק אין דער ווייטער אמעריקא. די ערשטע צייטן פלעגט זי מיר שרייבן אפט בריוו. אירע בריוו זיינען געווען הרבגעוויקט מיט טרערן און בייענקשאפט. זי האט מיר אויך אָפט געשיקט דאָרטיקע דאָלארן. אזוי איז אוועק א יאָר, און איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט מיט'ן געדאנק און זיך בלויז געקוויקט מיט אירע בריוו. און מיט אמאל זיינען די בריוו אָפגעשטעלט געווארן, אזוי ווי אין יס אריין. אזוי איז שוין באלד אוועק צוויי יאָר און ניט געהערט א וואָרט פון איר. דערפאר בעט איך דיר קויף זיך עולם־הבא, זוך מיר אויף מיין קינד און זאָג איר דארטן, אז ס'איז ניט שיין צו לאָזן ווארטן א טאטן פאר א בריוו...

ביי די לעצטע ווערטער האט ער ווידער גענומען א שמעק טאבאק, אבער מ'האט געקענט באמערקן, אז ער וויל מיט'ן „שמעק טאבאק“ פארשטעלן די טרערן וואָס האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אלטע אויגן...

ער האט זיך געזעגנט מיט מיר און איז ארויס פון הויז שטילערהייט, מיט א שטילן, אבער א הארציקן „פאר־געזונט“.

ווען איך בין געקומען אין ניו יאָרק, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביי די לאָדזשער לאנדסלייט וועגן „דעם טאטנ'ס טאכטער“, אָבער קיינער פון אונזערע לאנדסלייט האָבן איר ניט געקענט און די וואס האבן עפעס יאָ געהערט פון איר האָבן ניט געוואוסט וואו זי געפינט זיך.

אזוי איז אוועק עטלאכע יאָר און איך האָב שוין פארגעסן די גאנצע מעשה מיט „די טאָכטער אין אמעריקא“ ביז איין מאָל — ארומפאָרנדיק איבער פארשיידענע שטעט און שטעטלאך אין אמעריקא, בין איך אריינגעפאָרן אין א שטעטל אין די מידל־וועסט און האָב זיך דארטן ביי מיינע חברים נאכגעפרעגט צו ס'איז פאראן דארטן עפעס לאָדזשער לאנדסלייט האָבן זיי מיר געזאגט, אז דא געפינט זיך א פאמיליע וואס די פרוי איז א לאָדזשערע, און די בעסטע זאך אויסצוגעפינען וואלט געווען — זאגן זיי — אזוי ווי היינט איז א מיטינג פון ארבעטער רינג, און ער, דער מאַן פון דער דאזיקער לאָדזשער פרוי איז דארטן א מיטגליד.

איך בין געגאנגען צו יענעם מיטינג, זיך באקאנט מיט יענעם מאַן. ער האט מיר אויף מארגנס איינגעלאדן צו זיך אהיים און זיך באקאנט מיט זיין פרוי. זי האט מיר אויסגעקוקט באקאנט און דאס זעלבע איך איר. מיר האָבן זיך צושמועסט וועגן לאָדזש, זיך דערמאָנט אָן פארשיידענע היימישע קלייניקייטן און נארישקייטן וואָס האָבן אויסגעקוקט אזוי ליב און הארציק.

מיר האבן געפרואווט טרעפן פון וואנען מיר ביידע קוקן זיך אויס באקאנט, און איר געפרעגט: אפשר האבן מיר זיך באגעגנט אויף דער בירזשע פון די און די פארטיי. זאָגט זי ניין, זי האט ניט געהערט צו דער פארטיי, זי האט גאָר געהערט צו די ס. ס. און ניט געגאנגען אָפט אויף דער בירזשע. ביז איך האב איר א פרעגט געטאָן צו זי האט ניט געוואוינט אויף די און די גאס. זאגט זי יאָ. ווער איך שוין מער נייגעריקער און פרעג איר ווייטער: איז אפשר אייער טאטע דער און דער... ווערט זי שוין מער אומרואיק און ענטפערט — יאָ, מיין טאטע! איך פארליר דעם לשון פאר א מינוט און נאכער שריי איך אויס — במעט ווי ניט מיט מיין שטימע:

דאס זייט איר, די „טאכטער אין אמעריקא“. איך האָב א גרוס פאר אייך פון אייער טאטן! דאָ איז זי געוואָרן היסטעריש און זיך שטארק צעוויינט. אז זי האט זיך אביסל בארואיקט, האט זי מיר דערציילט, אז מיט עטלאכע מאנאטן צוריק האט זי נאך א לאנגן שווייגן אנגעשריבן א בריוו צו איר טאטן, האט מען איר גלייך געענטפערט אז איר טאטע איז שוין טויט אריבער א יאָר... צו מארגנס האב איך אנגעשריבן א בריוו צו מיר אהיים: אז איך האָב אָפגעגעבן א גרוס „די טאכטער אין אמעריקא“.

שלום אַש

# לאָדזש

(פון דעם בוך „וואַרשע")

איבער די פעלדער איז נאָך אַלץ געלעגן דער שניי־רעק. נאָר דאָ און דאָרט האָט שוין די ערד אַרויסגערוקט ווי אַ געפּאַנגענע פון די ריסן פון איר רעק, און אויף פיל ערטער האָט זי שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אייז און איז געלעגן אָן אָפענע, אַ פרייע.

וועלדער זיינען געשטאַנען יונגע. צווייגן, בוימער האָבן געציטערט פאַר פרישקייט. הייזער זיינען געשטאַנען קליינע, מיט שטרוי־דעכער, דורכגעווייקטע דורך דעם ווינטער, און דורכ'ן ווינטער פאַרשוואַרצטע ווענט און פלויטן, פאַרשטעלט אין אַ געוועב פון רויטלאַכע בעזעמדיקע צווייגן. פויערים אין גרויסע שטיוול האָבן אין דער פייכטער, דורכגעקנאָטעגער ערד געדרעפּ־טשעט און צוגעקוקט זיך, ווי זייערע בערוועסע ווייבער שלעפּן פון די „זשעמליאַנקעס" קאַר־טאָפל־זעק אויף זייערע פלייצעס. טיילמאָל האָט זיך אַ וואָגן געשלעפּט איבער אַ וועג, טיילמאָל האָט מען אַ יונג פערדל שפּרינגען געזען.

אויף די סטאַנציעס האָבן לאַנג־באַקליידעטע אידן מיט פאַרטריקנטע, בלאַטיקע שלומפּערנע זיך געריסן מיט איספּעט און קאָך אין די וואָגאָנעס. ווייבער האָבן געשריען, געוואָרפן זיך פעקלאָך פון האַנט צו האַנט.

דאָס איז געווען די לאַנדשאַפט, וואָס מירקין האָט געזען דורך זיין וואַגאָן־פענצטער אויף זיין וועג פון וואַרשע קיין לאָדזש.

דאָס לאַנד איז געווען אַ פרעמדס*). די מענטשן זיינען געווען ניט קיין אייגענע. דאָך איז אַלץ געווען אייגנס. ניט געווען קיין אַנדער לאַנד, וואָס זאָל זיין זיינס. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין אייגענע ערד. ער איז געווען אַ קינד פון דער שטאָט. אַ גאַס איז אַמאָל געווען אָן אייגענע. דאָרט ווייט אין צענטראַל־רוסלאַנד. אַ שניי־שטעג אָן אייגענער פון שטוב אין גימנאַזיע אַריין. אָבער ערד, אַן אַנבליק פון אַ האָריזאָנט, איז קיינמאָל ניט געווען זיינס. לאַנד, שפּראַך, פאָלק איז דעם מענטשן פרעמד, ערד — קיינמאָל ניט. יעדע ערד איז יעדן מענטשנס. און צו יעדן פעלד נייגט זיך דער מענטש צו. די לאַנדשאַפט איז געווען זיין אייגענע, ווייל ער האָט זי פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט זי געהאַט אין זיין בלוט. ער איז געקנאָטן געוואָרן פון איר.

עס איז געווען אַ סלאַווישע ערד: דאָס לאַנד פון קאַרטאָפל, קרויט, פון בוריקעס און פון פּראָסטן מענטשלאַכן ברויט. דורך דעם היימישן אַנבליק פון דעם לאַנד, דורך דעם אַנבליק פון דעם נידעריקן דורכגעווייקטן שטרוי־דאַך דורך דער שוואַרצער וואַנט, דורך די בעזעמדיקע ציטערדיקע צווייגן, ביימער, איז איבּ דער מענטש נענטער געוואָרן. דער פרעמדער פייער מיט די פרעמד־קאָלירטע הויזן, מיט דעם מאָדנעם פּירקאַנטיקן הוט און מיט די שטיוול אַנשטאָט די צביצעס.

---

*) מירקין איז געפאָרן פון רוסלאַנד.

דורך דער ערד איז דאָס איס אַלץ טייער, ליב און אייגן געוואָרן. ער איז דאָס וועמען דאַנקבאַר געווען פאַר דער ליבע און דער צוגעהעריקייט, וואָס ער האָט געפילט צו די מענטשן און צו דעם לאַנד: „מיט די נעגל וועל איך זיך אָנהאַלטן דערין און זיך ניט לאָזן אַוועקיאָגן".

* * *

די גאַסן פון לאָדזש זיינען איס פאַרגעקומען נאָך מער פרעמד, ווילד און וואונדער־לאַך דורך זייער אייגנאַרטיקייט: נערוועזע אידן, נערוועזע גאַסן, נערוועזע געוועלבער. דאַרע, ביינערדיקע, שטעקלדיקע קערפּערס, וואָס פאַלן אַרויס פון די ברייטע און צו־לאַנגע קאַפּאָטעס. קאַפּאָטעס ווי בײַרלאַך. מענטשן ווי גלייבע אָפּגעהובלטע קלעצער. איין שטיק — פון קאָפּ ביז צו די פיס. וואַרפן מיט די הענט, שרייען, שאָקלענדיק מיט זייערע בערד, פיקן אָן די גאַסן מיט אַ באַוועג־לאַכער אומרואיקייט. נערוועזע, אָפּגעריסענע שטיקלאַך ווינט, שטיקער בערד, פאַרביילויפנדיקע אומרואיקע אויגן, וואָס ברעגן, אויגן, וואָס דאַרשטן און זוכן עפּעס. אַ ים פון קאַשקעטלאַך... אַ וואַלד פון רינע, שוואַרצע אידן. טייל שלעפּן פּעקלאַך מיט כאַנוול און לויפן פאַרביי, אייקן זיך. אַנדערע האָבן צייט, שטייען אין קרענצלאַך אין די עקן ביי די געוועלבער, פאָכערן מיט די שטעקעלאַך. אַ פּלעק פון אַ פּויעריש קאַלירט טיכל, אַן אַנגענעמער פאַרביקער שיין פון אַ ספּאַדניצע און אַ פּאָר פּויערים־הויזן, ווי קאָלירטע פעלד־בלומלאַך אויף דעם גראָענדיקן, וואַכע־ריקן פאָן פון שוואַרצע קאַפּאָטעס און שטאָטישע טיכער...

איבער די שמוציקע, שניי־בלאָטיקע ברוקן אַ הו־האַ, אַ באַוועגונג. שטויסן אויסגעאַרבעטע פּויערשע טיכער אויף וועגענער. וועגענער צו פערד איינגעשפּאַנט, וועגענער צו מענטשן איינ־געשפּאַנט. פּיראַמידן מיט געפּאַרבטע, ניט־געפּו־עסטע, ערשט נאָר־וואָס אויסגעאַרבעטע באַנ־וקנע און וואַלענע סחורות; פּיראַמידן מיט קאַמגאַרנס, פּיראַמידן מ ט באַנוול. און צווישן די וועגענער, מענטשן און פערד — היטלאַך, שייטלאַך, בערד, אויגן, פּעקלאַך גאַרן און פּעקלאַך גאַרן...

אָנגעגאָסן מיט ענערגיע, ווי אַ שטאַרקער אָקס, מיט מענטשלאַכן פליים, באַגאָסן מיט שווייס פון אַרבעט און באַשוואַרצט מיט רויך פון ווייכן קויל, ציטערט די שטאָט אין שטענדיקן אימפּעט, אין שטענדיקן געיעג. ווי מענטשן און ראָד וואָלטן געטריבן געוואָרן דורך דעם עלעק־טרישן שטוים פון׳ם אַרבעטנדיקן מאָטאָר, וואָלטן געצויגן געוואָרן דורך דעם לעבער־פּאַסעק אין איין באַוועגונג, אין איין געשריי, אָן אויפהאַלט, אָן אָטעם־כאַפּ.

פאַרנאַכט. ווען דער טאָג פאַרגייט אין נעפּל פון רויך אין די שוואַרצע אידישע געסלאַך, זעט זיך פון דער ווייטנס דער זונען־אונטערגאַנג איבער די לאָדזשער פלאַכן. און דאָס איז אַזוי מאָרגנע פרעמד און וואונדערלאַך אין דער שטאָט. שיטן זיך די גאַסן אָן מיט פאַרשוואַרצט. פּליישיק אַרבעט־לייב, טראַמוואייען זיינען אָנגעיע־ט מיט מענטשן־קערפּערס. די שמאָלע טראָ־טואַרן ביי די הייזער ווערן איינגפאַר פּאַטרונקען מיט אַהיים־גייענדיקע אַרבעטער. פון זייערע לייבער הייבט אָן אויסצוראַמפּן דער ספּעציפישער גערוך פון די לאָדזשער פאַבריקן, וואָס זיי האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט דורך דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט.

די שטאָט ווערט אָנגעפילט מיט דעם מאַשינען־אייל און קאַמגאַרן־געשטאַנק, און אַ קראַנ־מאַלישע זויערקייט פון בלייבערס לייגט זיך אויף די ראַנדן פון די מיילער און די אויגן.

רענסטמאַל באַלויבטן זיך די שפּייז־געוועלבלאַך, מוטערדיקע, טרויעריקע גראָע קאַפּ־טיכער שלייכן זיך מיט קערבלאַך פון די הויפן אַרויס.

• • •

פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט, איז געקומען צו מירקינען אין האָטעל־צימער אַ יונגערמאַן און האָט זיך פאַרגעשטעלט: חכר מאָטל.

מירקין האט איס דערקענט. עס איז געווען דערזעלבער יונגערמאן, וואָס ער האָט אנגע־טראָפן אין ווארשע זיצן מיט׳ן חבר אנאַטאָל אינ׳ס קאפע־געוועלבל. נאָר אין ווארשע איז דער חבר מאטל געגאנגען אנגעטאן ווי אן אינטעליגענטער ארבעטער. ער האָט, דאכט זיך, געטראָגן אויפ׳ן קאפ א ווייכן קאפעלוש, צי א היטל מיט א דאשעק. יעדנפאלס, גערעכנט מירקין, אז אין ווארשע האט דער חבר מאטל, וועלכן מע האט איס פאָרגעשטעלט אין קאפע־געוועלבל, מיט גארניט אויסגענומען זיך פון אנדערע. אבער דאָ, אין לאָדזש, איז געשטאנען פאר איס א חסידישער יונגערמאן. מע וואלט געקאנט מיינען, אז עס איז א בית־מדרש־בחור אין א לאנגער קאפאטע מיט א אידישן היטל. כאטש די פאות זיינען ביי איס געווען ארונטערגערוקט הינטער די אויערן.

— איר דערקענט מיך ניט? — איך בין דער חבר מאָטל. איך האָב אייך געטראָפן אין ווארשע. דא גיי איך אידיש געקליידערט צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים. די אומשטענדן נויטן מיך דערצו — זאגט דער שווארץ־בראָנעטער יונגערמאן.

— איך האָב פאנאטישע עלטערן, מיט וועלכע די אומשטענדן נויטן מיך נאָך אָנצוהאלטן באציאונגען.

— עס מאכט ניט, וואָס איז דער חילוק, ווי אזוי א מענטש גייט אָנגעטאָן?

— עס איז יאָ א חילוק. אז זיי זיינען פאנאטיש, מוזן מיר באווייזן, אז מיר קאָנען אויך זיין אויסגעהאלטן אין אונזער פּרינציפּ. נאר עס וועט ניט לאנג דויערן, און די אומשטענדן וועלן זיך ענדערן.

דער חבר מאטל האט זיך אנגערופן:

— איך האָב באקומען דירעקטיוון אייך צו באקענען מיט דער לאַגע.

— איך דאנק אייך זייער.

— דער חבר וועט נעמען א טראַמוויי? — פרעגט מאָטל.

איך וואלט בעסער געוואָלט גיין צופוס. מע זעט בעסער.

— ס׳איז א שטיק וועג, און דער „אויספיר־קאָמיטעט" ווארט אויף אונז, — האָט דער חבר מאטל געזאגט אין אן אפיציעלן טאָן.

געהערט אַזאַ ווארט, ווי דער — „אויספיר־קאָמיטעט", איז מירקין איינגעגאנגען אויפצו־זעצן זיך אויף א טראַמוויי.

• • •

דער חבר מאטל האט איס פאָרפירט אין דרויסן אויף „באַלעט" ארויס, אויף אן איינשטאָ־קיקן הילצערנעם הייזל, פון וועמעס פענצטער עס האט זיך דורך די פארמאַכטע לאָדן געזען קארג וואכעדיקע ליכט. דורך א טונקעלן קארידאָר האָט מען איס אריינגעפירט אין א נידעריקן שטיבל, אין וועלכן עס האט זיך געדאַכט, אז דער באלקן מיט די דריי בעלקעס פאָלן אויפ׳ן קאָפּ.

איידער מירקין האט נאָך צייט געהאט זיך ארומצוקוקן אין דעם מיט שאָטן פארטרונקע־נעם שטיבל, וואָס איז געווען זייער באשטעלט מיט עפּעס וואָס, איידער ער האָט נאָך דערזען א מענטשלאך פנים, האט איס ווער מבבר געווען פון א ווינקל ארויס:

— נאַ, נאַדיר א נייע קאָלב געבראכט אין שטאָל אריין. ווען וועט מען דיך שלעפּן אין שלאכטהויז אריין?

— זאָל דער חבר ניט רעאַגירן. דאָס איז א משוגענער. ער רעדט צו אלעמען אזוי. צוליב פּאָליציייאישע סיבות מאכן מיר דאָ די פאָרזאַמלונגען.

דער חבר מאטל האט צוגעפירט מירקינען צו א טיש, ביי וועלכן עס האבן שוין אויף אים געוואַרט אַ אַ־בעטער אַן א רעקל און א צווייטער יונגערמאַן, וועלכער האט געהאט אן אינטעליגענט פנים.

דאס איז געווען דער „אויספיר־קאָמיטעט“.

— זיי מיינען, אז זיי וועלן עפּעס אויפטאָן. איך וועט גאָרנישט אויפטאָן. א סטאַדע בהמות. אקסן. קי. קעלבער און סיי־ווי־סיי וועט מען אייך אלעמען שלעפן אין שעכטהויז אריין. וועמען פריער און וועמען שפּעטער.

— ס'איז א משוגענער. זאל עס דעם חבר ניט אַרן, — בארואיקט מען מירקינען. און איינער פון „אויספיר־קאָמיטעט“ האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאנגען אין ווינקל אריין איינשטילן דעם משוגענעם.

מירקין האט פון דערשטוינונג גארניט געקאָנט זאָגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אז אויף א בענקל ביי א וועבשטול, מיט וועלכן דאָס גאַנצע שטיבל איז געווען פארנומען, איז געזעסן א געשפּענסט פון הויט און ביינער, מיט א פארקרימטן מויל, פון וועלכן עס האָט זיך א גאַווער געגאָסן, און א פּאָר אויסטערליש באַלעבטע אויגן האבן אויף אים געקוקט קראַנקהאַפטיק און פאַרשנדיק.

— וואָס וויל דער חבר ווימן? — פרעגט דער אינטעליגענטער יונגערמאַן.

— וואָס איז עס פאר א שטוב, אין וועלכער מיר געפינען זיך? — פרעגט מירקין.

די שטוב, אין וועלכער איר געפינט זיך, חבר, באַלאַנגט צו א אידישן וועבער. דאָ וואוינען צוויי פאַמיליעס, און דריי פאַטערס ארבעטן אויף די וועבשטולן. וואָס געפינען זיך דאָ: א פאַטער מיט א פאַרהייראַטן זון און אַן איידעם. דער פאַטער זיצט אַט דאָרט. ער כאַפּט א דרימל אויף די אויפגעשפּאַנטע פאַכן. איידער די נאַכט־ארבעט הייבט זיך אָן, — ווייזט דער פרעמדער יונגערמאַן אַז מירקינען אויף א גרויען באַבערדיקטן פנים, וועלכער אנטפּלעקט זיך ערשט איצט אין שיין פון נאַפטלאַמפּ. וואָס הייגגט אויף א שטריקל פון'ם באַלקן אראָפּ איבער דעם שטול. אויף דעם קערבערעט לענט אַן א איד זיין פּנים און שלאָפט.

דער חבר דערציילט ווייטער:

— אין שטיבל קאָנען זיך נאָר געפינען צוויי וועבשטולן. משפחות זיינען דאָ דריי — לאָזט דער טאַטע אָפּ דעם זון אויף דער נאַכט־ארבעט. דער זון איז אָט דער יונגערמאַן, וואָס זיצט מיט אונז. דער איידעם איז געגאַנגען אהיים ברייגגען די רויע סחורה. די פאַמיליעס האָט מען דערווייל אוועקגעשיקט צו שכנים, ווייל מיר האָבן זיך באַדאַרפט מיט אייך זען. וואָס ווילט איר נאָר וויסן, חבר? — פרעגט ענערגיש דער אינטעליגענטער יונגערמאַן.

— דאָ האַלטן זיך אויף, זאָגט איר, צוויי משפחות, אין דעם שטיבעלע? — וואונדערט זיך מירקין — וואו שלאָפן זיי?

— אויף די שטולן, אונטער די שטולן. איר זעט די ברעטער דאָרט ביים קיכל? — דאָרט האַלט זיך אויף איין משפחה: א מאַן מיט א ווייב און צוויי קינדער. און דאָ ביים טישל רוקט מען ביינאַכט ארויס דעם טיש אין קאָרידאָר אריין און מע שטעלט אויף א בעט, און עס שלאָפט א צווייטע משפחה. אזוי ווי ס'איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר'ן טאַטן ביינאַכט צום שלאָפן, כאַפּט ער א דרעמל בייטאָג. דערפאַר אבער קען ער זיך פאַרדינען א פאָר גילדן, ארבעטנדיק ביינאַכט אויף די ליידיק־שטייענדיקע שטולן. — וואָס ווילט איר נאָך וויסן, חבר?

— און ווער איז דער משוגענער?

— דאָס איז ניט קיין משוגענער. דאָס איז א קאַליקע, א פּאַראַליזירטער. פון א שלעכטן געבורט — זייערס א זון. געגנאיבער פון דאַנען געפינט זיך דער אָקסן־ און שעפּסן־מאַרק. בייטאָג פירט מען אים ארויס פון שטוב אויף דער גאַס ארויס. ס'איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר אים אין שטוב. זעט ער. ווי מע פירט א גאַנצן טאָג אָקסן און שעפּסן אין שעכטהויז אריין, האָט ער זיך איינגערעדט, אז מענטשן זיינען נאָר אָקסן און שעפּסן. אז ער זעט א לויה, זאָגט ער: אהא. דאָ פירט מען שוין אן אָקס פון שעכטהויז ארויס.

— וואס ווילט איר נאך וויסן, חבר?

מירקין איז אנטשוויגן געווארן.

— נו, איצט ווייסט איר שוין אלין?

— יא, איצט וויים איך שוין, — ענטפערט אפ מירקין, — און ער האט אויך רעכט — ליינט ער צו.

— ווער? — פרעגט דער יונגערמאן.

— אט דער, — ווייזט מירקין אויף דעם פאראליזירטן, וואס גלאצט אידיאטיש פון ווינקל ארוים מיט זיינע אויגן.

— ניין, נאך ערגער פון אן אקס. אן אקס איז כאטש באזארגט מיט חיונה ביים לעבן; אז ניט, גיט ער שלעכט פלייש נאכ'ן שעכטן.

ווען זיי זיינען אראפגעקומען אויפ'ן הויף, איז מירקין פלוצים שטיין געבליבן.

פון פארמאכטע לאדן פון א שטיבל ארוים האט זיך ארויסגעריסן א טרויעריק־פרייל־אך חסידיש געזאנג, א פאטשן מיט די הענט און א טאנץ צום טאקט.

— וואס איז דאס? — פרעגט מירקין זיין באגלייטער א פארוואונדערטער.

— א חסידיש שטיבל. פרייען זיך. ניטא וואס צו זען. ווילדע פאנאטיקער. א געשוויר אויפ'ן אידישן קערפער.

— ראך, איך וויל עס זען, איך בעט אייך.

זיי עפענען די טיר פונ'ם שטיבל. א טונקעלע דומפיקייט שלאגט זיי אין די נעזער. א קרענצל שוואריז־געקליידעטע אידן האלטן זיך ביי די פלייצעס ווי גרויסע קינדער און גייען א ריקודל. ביי אנגעצונדענע ליכט זיצן איינצלנע בלייכע פנימער ביי אפענע גמרות. טייל לערנען מיט התמהה, טייל שלאפן. איינער א איד מיט א פאר דארע ביינערנע הענט גייט ארום צווישן די שלאפנדיקע, וועקט זיי אויף און טיילט לעקאך און בראנפן.

— ברוך, וואס איז די שמחה? — פרעגט דער באגלייטער מיט'ן אינטעליגענטן פנים דעם אידן, וואס טיילט לעקאך און בראנפן זעט זיך אוים, גוט באקאנטע. — וואס איז די סיבה?

— גראבער יונג, דו ווייסט ניט, דעם רבינס יארצייט. וואס, מע באדארף דען האבן א סיבה משמח זיין זיך?

— איך האב צו אייך א בקשה — ווענדעט זיך פלוצים מירקין צו זיין באגלייטער מיט א בעטנדיקער שטימע.

— וואס איז?

— איך וויל דא וואוינען. שאפט מיר א וואוינונג דא.

— דא, אין דער ארעמקייט?

— יא, יא. דא אין דער ארעמקייט מיט זיי. איך וויל זיי קענען — שרייבט אוים מירקין מיט בעטנדיקע אויגן, אנכאפנדיק דעם יונגנמאנס האנט.

— גוט, מיר וועלן זען.

# אַנטאָלאָגיע פון לאָדזשער דיכטער

ז. סעגאלאוויטש

## עלדאָראַדאָ

איבער בארג, איבער פעלד
פארט א ריטער, א העלד,
פארט און זינגט זיך א שטאלצע
באלאדע.

עס איז דרייסט זיין געפיל,
איס באגייסטערט איין ציל —
צו געפינען דאס לאנד עלדאראדא.

נאר פון וואנדערן לאנג
ווערט ער גרוי שוין און קראנק,
און ער איז זיך מיט טרויער מתוודה:
אומעטום שוין געוועזן,
ניט געהערט, ניט געזען,
ניט געפונען דאס לאנד עלדאראדא.

און אזוי ניט געבענטשט,
טרעפט איס אן א געשפענסט
און פרעגט איס: „זוכסט וואס אודאי?"
בעט דער ריטער מיט שרעק:
„א, באווייז מיר דעם וועג,
וויז מיר אן, וואו דאס לאנד עלדאראדא!"...

און עס ענטפערט דאס קול:
„וואו די זון פאלט אין טאל,
„וואו די נאכט האט דעם טאג ניט געלאדן...
„גיי פאראיס און פאראויס,
„מייד דעם גיהנום ניט אויס,
„אויב דו בענקסט נאך דעם לאנד עלדאראדא"

## הערשעלע

*    *

ענג איז מיין וועלטל,
מאט איז מיין בליק;
עלנט און ארעם —
קיינמאל קיין גליק!

פייכט איז מיין שטיבל,
ס'לופטשיקל קליין,
דושנע דער אוועד,
טונקל דער שיין.

ס'טאגט מיר קיין מארגן,
ס'בליט מיר קיין מאי,
ס'פאלט נאר פון הימל
רעגן און שניי.

שווער איז די־ן ארבעט,
ביטער מיין רו;
הארט מיין געלעגער,
ס'דריקט מיר נאך צו...

קירן איז מיין אטעם,
ליידנד מיין ברוסט,
שטענדיק פארמאטערט,
ב'קרענק נאר און הוסט.

פוסט איז מיין לעבן,
ליידיק מיין טיש;
צארעס נאר גרויסע —
פעלן מיר נישט!...

(לאדזיש)

י. קאַצענעלענסאָן

# עלעגיע

די זון פאַרגייט אין פלאַמען.
די זון — מען זעט זי קוים.
אַזוי פאַרגייט מיין האָפנונג,
אַזוי פאַרלעשט מיין טרוים.

די נאַכט, די נאַכט איז פינסטער,
די נאַכט איז שטום און שוואַרץ...
אַזוי זעט אויס מיין טרויער,
אַזוי זעט אויס מיין האַרץ...

וועלט די, וועלט דו, זאָרג ניט —
באַלד לייכט אויף דיין טאָג:
אייביק איז מיין טרויער,
אייביק איז מיין קלאָג.

---

י. א. ראָנטש

## דער זייער האָט געזייט

דער זייער האָט געזייט
אין פרישן, רייטן טוי.
דער ווינט האָט אויף זיין פלייט
זיך צוגעפיפן רוי.

די ערד מיט פולן בויך
געסאָפּעט האָט פאַרשמאַכט.
די זון — געלאַכט פון הויך
אויף דראָענדיקער טראַכט.

די ריטשקעלע צום טייך
געריזלט האָבן שנעל;
און וואַסערן זיך גלייך
מישטירט אויף זיין באַפעל.

און וואַלד האָט האַק נאָך האַק
א זועג פאַר ליכט געמאַכט.
ס'האָט אָפּגעהילכט געקנאַק;
דער העקער האָט געלאַכט.

די ערד האָט פון דער טיף
צעפּראַלט ס'פאַרזיגלט מויל.

דער טרערן־רעגן־טריף
אנטדעקט האָט דורות גרויל.

פון גריבער, לעכער־שפּאַלט
איז מענטש צו זון אַרויס.
עס האָט מיט פרייד געשטראַלט
דאָס גרעזל און די רויז.

און אומעטום דער צוויט
געווען איז שאַרלאַך־רויט.
וואו מענטש געשטעלט האָט טריט
אנטרונען איז דער טויט.

א יום־טוב האָט דערקלערט
געזוינערן — די ערד.
פאַרטריבן שונא־טויט
האָט צוויט פון שאַרלאַך־רויט.

זיך איינגעצירט האָט וועלט
אין רויט, פון ראַנד צו ראַנד.
ס'האָט שיעור ניט אויסגעפעלט
א שטיקל רויט געוואַנט...

א. לעיעלעס

## איך גלויב

פון מיינע טיפענישן זינג איך זיכער: כ׳גלויב
אין נייעם מענטש פון מענטער איסגעלייזטער מי.
אין ארבעט, וואס איז זין און פורעס, פרייד און פלי,
און איז צו וועלט־דערזעאונג זוניק־קלארע שויב.

מער צערטלאך, ווי ס׳איז פאר געווען צו אנאבל־לי
בין איך צו הענט פון זעג און קנעט, פון בוי און הויב.
מער האס, ווי שאולס בוישעבדיקער גייסט אין גרוב
האב איך צו וועלט פין בייטש און פון געבייגטער קני.

א שלעבטס איז שלעכט. און שלעכט ווען שלעכטס זיצט אויבנאן
אויך וואו די האפנונג שלאגט ארויס פון עכטסטן קוואל.
נאר ווען דאס בייז איז בייז און בלינד ווי א שאקאל,

און נים קיין האפנונג, נאר מער בייזקייט זאגט עס אן —
ווייס איך: די טויטנגיט שרייט אין פלאם פון רויטער פאן.
און כ׳גרים די בשורה פון דעם „אינטערנאציאנאל״.

---

משה בראדערזאן

## פון רינג „גרויע סאנאטן״

עס שלאגט געדיכט א רויך פון הונדערטער פאבריקן;
און גרויע שלאנגען — הויך פארשליידערן דעם סאס.
און ווילן טביילעס־בלוי, דעם טרויס פון ליכט דערשטיקן;
און ס׳מאכט מאשינען־שטאל א גרילציג טאראראס.

ס׳איז ענג די הויכע ווענט; עס גיסט זיך שווייס א יאס:
מען וועבט פאר עמיצן די רויך־געקנוילטע גליקן,
אויף דא צו טיילן עס, איך ערגעץ וואו צו שיקן,
איך צו פארווענדן עס, און ווארפן ערגעץ סטאס!

איך וואנדל אים אין שטאט, פארויכערט — די געדאנקען,
זיי בלאנקען, בלאנקען אום אין האלקנס פינ׳ס רויך,
זיי שלענגלען זיך אין מארק און שוואנקען אין דער הויך!
דיך האב איך דאך געוועבט אין די געדאנקען אויך —
כ׳וויל דאנקען עמיצן! און כ׳ווייס נישט וועמען דאנקען!

(לאדזש)

## ישראל רובין

* *
*

מעטאליג, פראסטיג. איז די לופט. דער שניי
איז קאלט און שטאר. און איף די שויבן — בלומען.
און זיים די וועלט, די שינעס פון טראמוויי,
ווי שווארצלאבע פון ד׳ערד בליט-אדערן, צוויי, —
א ווייסן ריזן־גוף וואלטן איצט ארומגענומען.

דער הימל הענגט — א מאטער שווארצער דעק
פון בליי. און צווישן מייערן, הוסט א ווינט פארכאפט
פארקייכט און יאגט די שנייעלאך אוועק.
עס קלינגען הויך און לאנג די זייגער-שלעג
ווי ס׳וואלט א האמער איף א שטאלן בעקן הארט געקלאפט

א לאמער זעלנער, הונגעריק און ביז
פארשפייט דעם שניי און זידלט הויך די רייכע לייט.

---

**דוד פרישמאן**

### זעקס
(א דראמע אין זיר אקטן)

שיין-רחל זיצט ביים פענסטער
און שטיקט איר שטיקעריי. —
זעקס לעקלאך איף דעם שטערן:
פון יעדער זייט צו דריי.

א יונג, א בוזאט מיט ביינער
גייט גראד און גאס פארביי: —
זעקס הערלאך און דער וואנצע:
פון יעדער זייט צו דריי.

דער יונג הייבט אן מיט רחל׳ען
א גאנצע מאבעריי: —
ער ווארפט איר צו זעקס קושן:
פון יעדער זייט צו דריי.

דער טאטע קומט און זעט דאס
און שרייט מיט כעס: — איי־איי!
און גיט דעם יונג זעקס גאנצע —
פון יעדער זייט צו דריי.

---

## חיים קרול

* *
*

לאנגע פענצטער,
קליינע שייבלאך.
און אט אזוי אטעם איך
א גאנצן טאג אינטער גלאז.
און מיין מענטש — צעטיילט זיך
אין צענדליקער טיילן.
און אלע לוידן —
רויטע לאמפאסן
ציען זיך פאר די אויגן

דעם פולן טאג.
שווארצע בענדער
שווינדלען און וויקלען
מיך ארום.
לאנגע פענצטער,
קליינע שייבלאך.
אט אזוי אטעם איך
א גאנצן טאג אונטער גלאז.

י. ח. ראדאשיצקי

## קענט איר דאָס ליד

קענט איר דאָס ליד, פון זויין אין גאָלדענעם בעכער,
דאָס ליד פון בלומען בונטע און פון זיסער פרייד ?
איך — איך קען דאָס ליד פון טרערן וועלכע שטיקן,
וואו ס'זיפצט די גויט און פלוכט די וועלט פון לייד !

קענט איר דאָס ליד פון זאַנפטע פרויען־בליקן,
פון ווייסע אַטלאַס־הענט וואָס גלעטן ליב און באַנג ?
איך — איך קען דאָס ליד פון טרערן וועלכע שטיקן,
כ'קען די טרערן נאָר וואָס מאַכן בלייך און קראַנק.

קענט איר דאָס ליד פון גליק־באַשטראַלטע פאָרן,
וואָס באָדן זיך אין גלאַנץ ווען ס'צאַנקט די וועלט אין בלוט?
איך—איך קען דאָס ליד פון שטאַרבן פאַר די יאָרן :
לידער פון קאַרבאַנעס קען איך גוט ! . . .

---

לייב פוקס

## מאַרש

אונטער די טריט פון פאַרוויינטע געשרייען,
שטאַרבן אַפּ קוילעס, גייסענען ווייען ;
מיר קומען און גייען, מיר קומען און גייען,
אַקסל צו אַקסל, רייען נאָך רייען :
וועלט פונ'ם עלנט, פון כוישעך באַפרייען —
באַנייען !

ווער עס איז מיט אונז, ברידער און שוועסטער,
ארויס פון די נאָרעס, ארויס פון די נעסטער !
זאָל קלינגען די טריטן, הילכיקער, פעסטער,
היילי די ליידן, יעסורים — נישט לעסטער !
אויגן צו איגן — שפּילט אַן ארקעסטער :
באַפרייען !

פויקט אויס אויף לייבער דאָס ליד פון געאולע !
עפנט זיך הענט אויף פון דוירעס פאַרשטאַרטע !
קוילעס פאַרמויערטע, וואָס גאַרט איר, וואָס וואַכט איר ?
נאָנט איז דער הימל, ארומנעמען וויל ער . . .
פויקט אויס אויף לייבער דאָס ליד פון באַנייען :
מיר גייען !

# דאָקומענטן פון דער אַרבעטער באַוועגונג

[פון אַרכיוו פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע]

די דאָזיקע דאָקומענטן ווערן פאַרעפנטלעכט אין דער אָרטאָגראַפיע פון אָריגינאַל.

---

## פּראָלעטאַריער אַלער לענדער, פאַראייניגט אייך!

## דער אַלגעמיינער אידישער ארבייטער „בונד" אין ליטא, פוילן און רוסלאַנד

# די טריט פון דער קאָנטר–רעוואָלוציאָן

ביז'ן האלז אין בלוט געהט די קאנטער־רעוואלוציאן. אויף איהר וועג זייעט זי קנאה, שנאה און אכזריות, פארוויסט זי שטעדט און דערפער. הייזער ברענען, ארעמע פארמעגענס ווערען צוראַ־בירט, אונשולדיגע — גע'הרג'עט, צו'מזיק'ט, געפּל'ט אויף שטיקלאך צוריסען, פרויען די עהרע גערויבט. דער גוסס'ער צאַריזמוס, ער האט דאס געטהאן, דאס וויל ער זיך אפּרעכענען פאר דאס ביסעל פריהייט, וואס ער איז געצוואונגען געווען דעם 17טען אקטאבער „זיין פאָלק צו שענקען". די קאנטער־רעוואלוציאן — דאס זיינען איהרע בלוטיגע מעשים. דאס וויל זי מיט בלוט פארגיסען, אונטער הונדערטער הרוגים באגראבען די יונגע פריהייטס־שפּראצונגען, זי וויל פארניכטען דעם קאמפּף מיט די קעמפפער צוזאמען. בלוטדורשטיג ווי א וואלף און לוסטיג ווי א פוקס, איז די קאנטער־רעוואַ־לוציאן. אין קראנשטאדט איז אן אויפשטאנד געווען. די מאטראסען האבען אין אפענעם קאמפּף ארויסגעטראטען. פאר א בעסערען לעבען פאר זיך האבען זיי געקעמפּפט, פאר די באפרייאונג פון גאנץ רוסלאנד האבען זיי געקעמפּפט. מיט די אונרוהען אין שטאדט האבען זיך באנוצט די כוליגאנעס און די ניעדעריגסטע, ארעמסטע און אונענטוויקעלטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג — זיי האבען ציוראבירט און גערויבט, בעת די מאטראסען האבען פאר די פריהייט געקעמפּפט. עס איז פארגעקומען אן אויפשטאנד מיט א פּאגראם צוזאמען. די געשעהענישען אין קראנשטאדט זיינען א רעזולטאט פון דער צארישער רעגירונג. זי ארגאניזירט די כוליגאנעס און שיקט זיי ראבירען און הרג'ענען, זי העצט אויף די ניעדעריגערע עלעמענטען פון דער באפעלקערונג, ערוועקט אין זיי די ווילדסטע אינסטינקטען. זי האלט די זעלנער און מאטראסען אונטער אן אייזערנעם פּרעס, זי נעהמט אן אלע מיטלען, צו פארשטיקען אין זיי יעדען מענשליכען געפיהל, צו מאכען זיי פאר ווילדע חיות. און ווען ביי די מאטראסען פּלאַצט די געדולד, ווען זיי ווענדען זייער געוועהר ניט געגען פאלק נאר געגען זייערע אונטערדריקער, דאן ווערט זי, די זעלבע זעלבסטהערשונג, פון מיט ווישער און נידערטרעכטיגקייט, דאן ווארפט זי ארויף אויף די מאטראסען די זינד פון די כוליגאנעס, וועלכע זי אליין האט ארגאניזירט, דאן מאכט זי שולדיג די פריהייטס־קעמפּפער אין די פרוכט פון די מהרישע אינ־סטינקטען, וועלכע זי אליין האט איינגעפלאנצט. און אין נאמען פון מענשליכקייט גיט זי איבער הונדערטער מענשען צו דעם אונמענשליכען געריכט, וועלכער קען נאר געבען, צו דעם רוסישען קריגס־געריכט, וועלכער ווייס נאר איין אורטייל, דעם טויט.

ציהן פון א וואלף און אן עק פון א פוקס האט די קאנטער־רעוואלוציאן. זי ארגאניזירט בלוטיגע פּאגראמען אויף אידען, אכזריות'דיגע הריגות אויף די אינטעליגענץ און די שטודירענדע יוגענד, זי שיקט פון פּאליציאנטען אויף די זעלבסטשוץ גרופּען און אויף פרידליכע בירגער, שיסט אריין אין די פענסטער פון רוהיגע הייזער. נאך דעם מאך פון איהר צויבערשטעקען פערברענט מען אין טאמסק הונדערטער לעבעדיגע מענשען; נאך איהר קאמאנדע הויבען די שווארצע מאסען אן זייער גרויזאמע, שוידערהאפטע ארבייט און נאך איהר באפעהל הערען זיי אויף און זי שטעלט ארויס איהר פוקסען עק און וויל אלעמען איינרעדען, אז זי גארט נאך ארדנונג, נאר די געשלאגענע אליין זיינען שולדיג; זיי האבען געגען זיך אויפגעשטעלט דאס גאנצע רוסישע פאלק; דאס רוסישע פאלק רעכענט זיך אב מיט די פיינד פון היימאט. זי פערוועהרט פערזאמלונגען, צוטרייבט מיטינגען מיט קוילען און פולווער.

פערבאט צייטונגען, פיהרט איין און גאנצע געגענדען קריגס־צושטאנד און פערשטארקטע אויפזיכט. בעשטימט דריי גענעראל־אדיוטאנטען פאר פולע דיקטאטארען איבער דריי גובערניעס און דאבוי וויל זי אלעמען איינרעדען, אז די היינטיגע רעגירונג איז א ליבעראלע, זי וויל פרייהייט, נאר דער גרעסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג וויל בעסער קנעכטשאפט, דער גרעסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג וויל זיך ניט שיידען מיט זיינע קייטען, ער שטעהט אויף געגען דעם מאניפעסט פון דעם 17טען אקטאבער, שלאגט און ראבירט די פרייהייטס־קעמפפער. אזא פרעכען ליגען ערלויבט זיך די קאנטער־רעוואלוציאן! אזא נידעריגען בלבול ווארפט וויטע'ס רעגירונג ארויף אויף דעם רוסישען פאלק! אבער די לעצטע צייטען, וועלכע רוסלאנד האט מיט בלוט פון איהרע בעסטע זיהן אריינגעשריבען אין דער וועלט־געשיכטע, שרייען מיט קולות! עס איז פאלש! די רעפארמען, וועלכע דער צאר איז די לעצטע צייט גענויט געווען צוזאגען, לייקענען אב דיזען נידעריגען בלבול. יעדער טאג, יעדע שעה ברענגען אונז נייע פאקטען פון העלדענמוטה און מסירת נפש, מיט וועלכע דער רוסלענדער פראלעטאריאט קעמפפט פאר זיין בעפרייאונג פון שטאדט און פון דארף, פון קאזארמע און פון פלאט הערט זיך א מעכטיגער געשריי: די רעגירונג זאגט ליגען! מיר לעכצען די פרייהייט! קיין קרבן איז ביי אונז ניט צו טהייער אום נאר זי צו ערקעמפפען!

איצט איז דער גוס'ער צאריזמוס ארויסגעוואקסען מיט א נייעם ליגען. דעם מאל מאכט ער א בלבול אויף דאס גאנצע פוילישע פאלק; די פאליאקען, זאגט ער, ווילען ניט העלפען די רוסען איינפיהרען די נויטיגע רעפארמען; זיי ווילען זיך אין גאנצען אפטהיילען פון רוסלאנד, בילדען דורכאויס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה. ווי אלץ, וואס דער צאריזמוס זאגט, איז דאס א פרעכער ליגען. אלע וויסען, אז דער פראלעטאריאט פון פוילען האט שטענדיג געקעמפפט אין די ערשטע רייען פאר די בעפרייאונג פון גאנץ רוסלאנד אז צווישען די קלעפ, וועלכע דער צאריזם האט דעם לעצטען יאהר בעקומען, זיינען די פוילישע ניט די קלענסטע געווען. קיין באדייטענדער שיכט אין געגענד שטעהט איצט ניט פאר פולע אפטיילונג, פאר פולע זעלבסטשטענדיגקייט פון פוילען. קיין בעדייטענדע פארטיי פאדערט עס איצט ניט. דעם פראלעטאריאט פון פוילען איז נויטיג פריער ווי אלץ פטור צו ווערען פון דעם צאריזם, כדי צו קענען פריי פיהרען דעם קלאסען־קאמפף און זיך גרייטען צו א סאציאלע רעוואלוציאן, מוז דער פראלעטאריאט פון פוילען זיך דערשלאגען א דעמאקראטישע רעפובליק פאר גאנץ רוסלאנד, א מעגליכסט ברייטע טעריטאריעלע זעלבסט־פערוואלטונג פאר אלע לאנד־פראווינצען בכלל און פאר פוילען בפרט און א נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע. דיזע פאדערונג זיינע קען זיך דער פראלעטאריאט פון פוילען דערשלאגען נאר קעמפפענדיג האנד אין האנד מיט דעם פראלעטאריאט פון גאנץ רוסלאנד. די אפטיילונג פון פוילען איז מיט דעם קלאסען־קאמפף פון דעם פראלעטאריאט ניט צוזאמענצובינדען. וויטע'ס מאניפעסט איז כזב ושקר!

דא זיהט מען ווידער די מיטל פון דער קאנטער־רעוואלוציאן. ווידער די ציינער פון'ס וואלף און די עק פון פוקס. וויטע בעווייזט זיך מיט זיין בלבול און פיהרט איין אין גאנץ פוילען קריגס־צושטאנד, פיהרט דארט איין אזעלכע שרעקנהייטען, וועלכע זיינען נאך ביז אהער ניט געהערט געווארען. שפיון־פראכטען און אבריוקען, וועלכע וועלען זיין פערמאכט בעת א פאליטישען סטרייק, זיילען קאנפיסקירט ווערען, זייערע באלעבאטים ווערען ארעסטירט אדער שטראפירט ווערען. אלע איינוואוינער פון די שטעדט און שטעטלעך וואו עס וועלען פארקומען אונרוהען זיינען ערוב פאר די היזקות, וועלכע פריוואטע מענשען אז די רעגירונגס־אגענטען וועלען דערביי ליידען. אין פוילען איז פארבאטען דער איינציגער פארקויף פון אלע פוילישע און אידישע צייטונגען. פארדעכטיגע מענשען שיקט מען מאסענווייז ארויס פון געגענד נאך דעם ווילען פון דער אדמיניסטראציאן. די הויפען וואו די [illegible] זיין ווילער. אזעלכע גזירות האט מען ניט געהערט אפילו פאר ניקאלאי דעם שמייסער. וויטע וויל דערמאנען פוילען די צייט פון מוראוויאוו דעם הענקער. וויטע וויל פוילען מיט בלוט פערגיסען, איהרע בעסטע זיהן אויף דער תליה דערווערגען, די גאנצע בעפעלקערונג טעראריזירען און ארויפווארפען די שולד אויף די פאליאקען אליין... זיי, הייסט עס, האבען געבראכט דערצו. די קאנטער־רעוואלוציאן וויל פוילען קיין שום זעלבסט־פערוואלטונג ניט געבען, זי וויל זי לאזען פערשקלאפט ווי ביז אהער. זי וויל דערשטיקען די רעוואלוציאנערע בעוועגונג אין פוילען און דערמיט אפשוואכען די אלגעמיינע רוסלענדער רעוואלוציאנערע פרייהייטס־ארמעע, צוטרענען ביי איהר איינעם פון איהרע בעסטע פאלקען. זי וויל הניח דעם דערוועקען די געפילען פון שמאלען נאציאנאליזמוס און שלעכט פערשטאנענעם פאטריאטיזמוס ביי איין גרויסען טהייל פון דער רוסישער בעפעלקערונג. ביי די ליבעראלען און די אונוויסענדע, נאר פאליטיש אומענטוויקעלטע פאלקסמאסען און דערמיט אפציען זיי פון דעם בעפרייאונגס־קאמפף. זי ווענדעט זיך צו דיזע שיכטען און זאגט זיי: געהט איהר נאך די רעוואלוציאנערען, פערלירט איהר פוילען, רוסלאנד וועט אויף שטיקער צוריסען ווערען. געהט נאך מיר, וועט רוסלאנד בלייבען שטארק און גרויס! מיט דעם בלבול אויף פוילען וויל די קאנטער־רעוואלוציאן פערגרעסערען איהרע קרעפטען און אפשוואכען די בעפרייאונגס־ארמעע.

און די ווייטע ליבעראלען איילען זיך שלוס צו מאכען מיט וויטע'ן. זיי שרייען שוין צוריק! גענוג! דער פעטערבורגער פאליטישער קלוב זאגט זיך ארויס געגען אלגעמיינע פאליטישע סטרייקס און אגיטירט פאר רוהיגקייט, פערשידענע ליבעראלע פראקציאנען פערייניגען זיך אין א קאנסטיטוציאנעלע פארטיי פון 17טען אקטאבער, גלייך ווי דער צאריזמוס האט באלד ניט צוריקגענומען מיט קוילען און פולווער דאס וואס ער האט דעם 17טען אקטאבער פייערליך צוגעזאגט אויפ'ן פאפיר. דעם 6־19טען נאוועמבער האט זיך אין מאסקווע געעפענט דער צוזאמענפאר פון די זעמסקע און שטאדטישע טהוער. און אויף דעם צוזאמענפאהר, וועלכער וויל אויסארבייטען פאר רוסלאנד א קאנסטיטוציאנס־פראיעקט, האבען די ערשטע רעדנער שוין ארויסגעזאגט זייער צוטרויען צו וויטע'ן און גערופען וויערע חברים געהן האנד אין האנד מיט דער איצטיגער רעגירונג און העלפען איהר איינפיהרען אין לעבען די פונקטען פון דעם אקטאבער־מאניפעסט. דער גראף הוידען האט זיך ארויסגעזאגט געגען א קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג. ער פאדערט א שטארקע ממשלה. אלגעמיינע וואהל־רעכט איז ביי איהם א קליינינקייט דערוויל מיינט ער קען מען זיך דערפון אפזאגען. די ליבעראלען האבען זיך דערשראקען פאר דעם קעמפפענדען פראלעטאריאט און פאר די בויערען אונרוהען. זיי האבען זיך דערשראקען פאר די רעוואלוציאן וועלכע קען די ארבייטענדע מאסען די הענד פענאנדערבינדען. אזוי וואַרפען זיי זיך אין די אָרעמס פון דער קאנטר־רעוואלוציאן. זיי זאגען ארויס זייער צוטרויען דער פאליטיק פון פאגראמען און קריגס־צושטאנד, זיי ווילען געהן האנד אין האנד מיט דער רעגירונג און צוזאמען קעמפען געגען דעם פראלעטאריאט, ניט לאָזען איהם פריי ווערען.

די קאנטר־רעוואלוציאן געהט און שלעפט מיט איהרע פערבלוטיגטע הענד רוסלאנד צוריק אין הערשאפט פון פינסטערניס און פערשקלאפונג. געשווינדער און מעכטיגער מוזען זיין די טריט פון דער רעוואלוציאן: געשווינדער און מעכטיגער מוז זי ציהען רוסלאנד פארווערטס צו פרייהייט און ליכט. די קאנטר־רעוואלוציאן איז בעוואפענט; ביקסען און קאנאנען שטעהן צו איהר דינסט. די רעוואלוציאן מוז אויך וואפען בעקומען; איהר העלדענמוטהיגע ארמעע מוז מעגליכסט בעסער בעוואפענט ווערען. די קאנטר־רעוואלוציאן פעראייניגט אלע איהרע כהות; זי שיקט ארויס אין איין צייט אלע מלאכי חבלה, וועלכע שטעהן אין איהר רשות. די רעוואלוציאן מוז אויך איהרע קרעפטען פעראייניגען. אויף דעם פעראייניגטען אנפאל פון דער קאנטר־רעוואלוציאן מוז די רעוואלוציאן ענטפערען מיט אן אלגעמיינעם בעוואפענטען פאלקס־אויפשטאנד. די קאנטר־רעוואלוציאן הויבט זיך אן שטיצען אויף די ליבעראלע בורזשואזי. די פאלקען פון דער רעוואלוציאן, די ארבייטענדע פאלקס־מאסען קענען זיך אויף קיינעם ניט שטיצען. זיי מוזען זיך פערלאזען נאר אויף זייערע אייגענע קרעפטען. זיי זיינען די ערשטע אויפ'ן קאמפפס־פלאץ ארויס. אויפ'ן וועג זיינען צו זיי צוגעשטאנען די בורזשואזע ליבעראלען. זיי טרעטען שוין אבער אפ צוריק און בערוהיגען זיך אין דעם שויס פון דער קאנטר־רעוואלוציאן. דערפיהרען די רעוואלוציאן ביז איהר נויטווענדיגען לאגישען סוף קענען נאר די ארבייטענדע פאלקס־מאסען.

די לעצטע גרויסע מלחמה איז שוין נאהענט. שוין בעוועגען זיך די בויערען! שוין ברענען מאיאנטקעס ווערען אויסגעהאקט פריוואטע וועלדער, צעראבירט זייערע שפייכלערס! דער דארף האט זיך אויפגעכאפט. באלד וועט זיך די שטאדטישע בעוועגונג צוזאמענגיסען מיט דער דארפישער אין איין גרויסען רעוואלוציאנערען מבול. די פעראייניגטע כהות פון דער רעוואלוציאן וועלען מעכטיג ארויסטרעטען געגען די פינסטערע, העלישע ארמעע פון דער קאנטר־רעוואלוציאן. צווישען די פערגאנגענהייט און די צוקונפט וועט אויסברעכען א שטרייט אויף לעבען און טויט. זיגען וועט די רעוואלוציאן, די צוקונפט! זי מוז זיגען;

עס לעבע די רעוואלוציאן!

נידער מיט דעם צאריזם!

עס לעבע די קאנסטיטוציאנעלע פערזאמלונג!

עס לעבע די דעמאקראטישע רעפובליק!

עס לעבע דער סאציאליזמוס!

**דער צענטראלער קאָמיטעט פון „בונד"**

נאוועמבער 1905. (גער. 120,000, רוסיש 40,000, פויליש 20,000 עקז.) דרוקעריי פון „בונד".

# רוסלענדער סאציאלדעמאקראטישע ארבייטער פארטיי

## פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט איך!

### חברים! געהט צו דער ארבייט. גרייט זיך צום ווייטערדיגען קאמפף!

די רוסישע זעלבסטהערשונג האט ארויסגערופען דעם פראלעטאריאט אויף א קאמפף. זי האט נאכאנאנד אפגענומען ביי דעם פראלעטאריאט אלע פרייהייטען וואס ער האט זיך ערקעמפפט אין 17טען אקטאבער. פאר דעם פראלעטאריאט איז געשטאנען די פראגע: אדער צוריק גע'ן צו די גאר אלטע פלעווע'ס צייטען — איינשטעלען זיין קלאסענקאמפף אין ענגע „גיטעלעגאלע" ראמלעך — אדער ענטוועדער ארויסצוטרעטען אויף א אפענעם קאמפף מיט דער רעגירונג. דער פראלעטאריאט איז געווען געצווינגען ארויסצוקלייבען דאס לעצטע.

דעם 8טען דעצעמבער האט דער גאנצער רוסלענדער פראלעטאריאט געענטפערט אויף דער פראוואקאציע פון דער רעגירונג מיט א אלגעמיינעם סטרייק.

דער מאסקווער פראלעטאריאט האט פערשטאנען אז דער אלגעמיינער סטרייק איז שוין יעצט ניט אזא שארפער מיטעל מיט וועלכען מ'קען נויטין דער רעגירונג ערפילען די פאדערונגען פון פאלק. ער האט פערשטאנען, אז די רוסישע זעלבסטהערשונג, ווער עס זאל ניט זיצען „אויבען־אן", „וויטע" אדער „דורנאווא", וועט פאר קיין פאל ניט בעפרידיגען די אינטערעסען פון פראלעטאריאט. ער האט פערשטאנען, אז כדי זיך צו דערשלאגען א פאלקאמע גאראנטיע פאר די פרייהייטען דארף מען איהר אין גאנצען פערניכטען. און ער האט זיך גענומען פאר די געוועהר.

10 טעג האט ער געקעמפפט אויף די באריקאדען! 10 טאג האט ער א אומאויפהערליכע שווערע מלחמה — מיט ניט קיין גלייכע געוועהר — מיט'ן שונא געפיהרט. טויזענדער זייגען פון זיינע רייהען געפאלען. אבער ער איז אליין ניט שוואכער געווארן. אבער צום סוף איז דער „לייב" געצוואונגען געווען זיין געוועהר אוועק צו לייגען. די רוסישע גענעראלען וואס האבען ביי „מאנדזשוריע" זייער גאנצען קאמפף פערלארען האבען דא בעוויזען זייער גאנצע „העלדישקייט" איינגענעמענדיג די באריקאדען פון דעם „צובישענעטען שונא".

די רוסישע שבור'ע גענעראלען האט זיך יעצט איינגעגעבען „איינצונעמען" דעם „שונא", ווייל זיי האבען געהאט א גרויסע מעגליכקייט צו ברייגען מיליטער פון גאנצען לאנד. דאס זאגט אבער ניט, אז אויב אין גאנץ רוסלאנד וועט פארקומען א בעוואפענטער אויפשטאנד וועט זיך דעמאלטס איינגעבען צו בעזיגען דעם פאלק.

דער מאסקווער פראלעטאריאט האט קלאר בעוויזען, אז א בעוואפענטער אויפשטאנד אין רוסלאנד איז ניט קיין אוטאפיע. ער האט מיט זיין קאמפף שארף אפגעלייקענט די מיינונג, אז אין היינטיגען יארהונדערט ביי דער רייכער ענטוויקלונג פון „מארד־אינסטרומענטען" איז אונמעגליך א בעוואפענטער קאמפף.

דער מאסקווער פראלעטאריאט איז געווען דער ערשטער וואס האט פערשטאנען, אז קיין אנדער קאמפפס־מיטעל ווי א בעוואפענטער אויפשטאנד איז שוין יעצט ניטא. דער גאנצער רוסלענדער פראלעטאריאט האט שפעטער פערשטאנען די נויטיגקייט אונטערצושטיצען דעם מאסקווער אויפשטאנד. דערצו איז ער אבער ניט געווען צוגעגרייט. און דאס איז איינע פון די אורזאכען פארוואס דער לעצטער אלגעמיינער סטרייק האט זיך יעצט ניט איינגעגעבען אזוי ווי דער פריהערדיגער.

דער מאסקווער פראלעטאריאט האט פאר'שריבען א רויטע בלאט אין דער היסטאריע פון דער רוסישער רעוואלוציאן. 10 טעג האט ער געקעמפפט אויף די באריקאדען. געגען איהם האט מען גענוצט ארויסשטעלען הארמאטען, פולעמיאטען, ביקסען האט מען ניט געקענט בענוצען, ווייל מען האט מורא געהאט די סאלדאטען ארויסצולאזען פון די קאזארמעס.

דער מאסקווער פראלעטאריאט האט אפגעהאלטען א פייערדיגען נצחון. יעצט פערשטעהט עס גאנץ גוט דער רוסלענדער פראלעטאריאט און ער גרייט זיך, ער ארגאניזירט אין דיסציפלינירטע אטריאדען, ער בעוואפענט זיך, כדי מיט אלגעמיינעם אויפשטאנד איינצונעמען די לעצטע פאזיציע פון דער שוין געפאלענער זעלבסטהערשאפט.

דער מאסקווער פראלעטאריאט האט צייטווייליג אוועקגעלייגט זיין געוועהר. ער גרייט זיך אבער נאך אמאל צוזאמען מיט דעם גאנצען רוסלענדער פראלעטאריאט ווידער צו בעפאלען די גוסס'דיגע זעלבסטהערשונג.

איבער גאנץ רוסלאנד הילכט יעצט די איינציגע שטימע: עס לעבע דער בעוואפענטער אויפשטאנד!

חברים! איהר געהט צו דער ארבייט ווידער וועט איהר זיך אנהויבען בעשעפטיגען מיט אייערע אלטעגליכע אינטערעסען. געדיינקט אבער, אז דער קאמפף האט נאך ניט אויפגעהערט. געדיינקט, אז יעדער מינוט קען ער אויף דאס ניי פארנאנדערפלאקערען.

עס לעבע די רעוואלוציאן! עס לעבע דער 8־שעה'דיגער ארבייטסטאג!
עס לעבע די דעמאקראטישע רעפובליק! עס לעבע דער סאציאליזם!

ווארשאווער ארגאניזאציאן פון רוסלענדער סאציאלדעמאקראטישע ארבייטער פארטיי.

דרוקעריי פון „איסקרא"
דעצעמבער 1905. 10,000 עקז.

# מאַניפעסט צו אַלע אַרבייטער!

## אונזער קאמפף איז א שווערער, אבער איין ערהאבענער!

ברידער ארבייטער! מיר זיינען יעצט ארויסגעטראטען אין אן **אלגעמיינעם סטרייק, אין קאמפף** מיט די טיראנען און בורזשואזי. מיר האבען יעצט ווידער געווארפען די שמוציגע ווארשטאטען, מיר האבען אויסגעגליכט אונזערע צוזאמיסעלגע איינגעבויגענע רוקענס, און ווי פרייהייטס־קעמפפער ארויסגעטראטען אין קאמפף פאר איין פרייען גליקליכען לעבען.

ברידער! וויקעלט פאנאנדער דעם קאמפף וואס ברייטער און וואס שטארקער. זאל דער סטרייק ווערען איין באוואפענטער אויפשטאנד, פיהרט ארויין דעם אויפשטאנד אין איין סאציאלע רעוואלוציאן. זאל יעדער ארבייטער ארויסטרעטען מיט דעם געדאנק, ניט גיין צוריק צו דער ארבייט ביז וואנען מיר וועלען ניט אויסקעמפפען דעם פרייען קאמוניזמוס. עס לעבע די אנארכיסטישע קאמונע!

ברידער! צוריסט דעם בונד מיט דער בורזשואזי, לאזט זיך ניט פערפיהרען פון די בורזשואזי אינטעליגענץ, וואס רויסען אייך פארגיסען אייער בלוט פאר בורזשואזנע רעפובליקען. ארבייטער, אונזער עמטפער דארף אויף דעם זיין, א טויט די בורזשואזי מיט זייערע רעפובליקען!

ברידער! לאמיר איבערנעמען די רעוואלוציאן אין אונזערע הענד און געדיינקען די ווערטער פון די אינטערנאציאנאלע:

„קיינער וועט אונז ניט באפרייען, ניט גאט, ניט צאר און ניט קיין פארלאמענט“.

„מיר וועלען די וועלט באנייען מיט אונזערע אייגענע הענד“.

ארבייטער! מיר וועלען אייך דערקלערען וואס מיר דארפען יעצט טאן און ווי די טעכנישע זייט פון דער סאציאלער רעוואלוציאן דארף זיין. ווען יעצט איז דער סטרייק געשטעלט מוזען מיר צו־רייסען די טעלעגראפען, טעלעפאנען, אום די פאליציי זאל זיך ניט קענען צוזאמען רייחען. מיר מוזען פארניכטען די אייזענבאהן ברוקען, אז מען זאל ניט קענען ברייגנען קיין מיליטער פון אנדערשוואו. מיר מוזען אונטערצינדען די צירקלען פאלאטעס, אבראנע אטדעלעניעס, זשאנדארמסקע קאזארמעס, און וואו עס איז נאר א רעגירונגס־אנשטאלט, און אויך דארפען מיר צורייסען די בורזשואזי רעסטאארנען און קאפע־שאנטאנען. מיר מוזען זיך צוטיילען אין הונדערטער גרופען און מאסען, טאכען אין אלע גאסען פון שטאט רעוואלוציאנערע דעמאנסטראציאנען. אנפרייסען די טורמעס פאוויאקען, ראטהויז און ציטאדעלען. באפרייען פון דארטען אלע ארעסטירטע פאליטישע און אונגלאָוונע, אלע זיינען אונזערע ברידער און אלע מוזען פריי ווערען און די טורמעס אונטערצינדען. מיר מוזען עפענען אלע מאגאזינען און סקלאדען וואו עס ליגט עסענווארג, קליידער, שיך און צוטהיילען צווישען די הונגעריגע און נאקעטע זאל יעדער איינציגער נעמען וויפיל ער ברויכט. אלע פראדוקטען מוזען פריי ווערען פאר אלעמען צו געניסען.

ברידער! מיר דארפען ניט הונגערען, מיר דארפען ניט שמאכטען. נעמט זיך צוזאמען אין גרופען, פערראו ניגט אייך אין מאסען, פאנגט אן די עקספראפריאציאן פון די בורזשואזי אייגענטום. זאל דער קאמפף ווערען אן ערהאבענער. זאל די „„פארניכטונג פון דעם פריוואט אייגענטום“ ווערען דער דעוויז פון דעם פראלעטאריאט. מיר דארפען פערנאפען די בורזשואזנע וואוינונגען, צורייסען די פאבריקען, מעטריקעס, וועקסלען און אלע פאפירען וואס האבען צו טאן מיט דער פארפלוכטער בורזשואזער געזעלשאפט. מיר דארפען פארבאפען סקלאדען פון געווער און צוטיילען צווישען די מאסען. ברידער! טרעט ניט ארויס אין די גאסען אומבאוואפענט. נעמט העק, לאמען, קינזשאלען, רעוואלווערען, באמבעס, דינאמיט, וואס איינער קען נאר קריגען.

ברידער! מיר זיינען יעצט ארויסגעטראטען צו פארניכטען די הערשער און בורזשואזי, און פאלגליך דארפען מיר ניטווארטען ביז וואנען די טיראנען וועלען פארגיסען אונזער בלוט, און מיר זאלען נאר עטפערען מיט א פרידליכען פראטעסט. זאל דער פראלעטאריאט ארויסטראגען זיין אורטהייל:

„דעם צאר, און די צארסקע טשינאווניקעס טויט! פאמעשציקעס, פאבריקאנטען און בורזשואזי טויט! די היליקע באנדע און די אינקוויזיטארען, טויט!“

אַה! ארבייטער פאלק, וויא ניט גוטמוטהיג, אין דעם מאמענט ווען דיין צארען וועט אויסברעכען, געדיינק די טויבען בלוט וואס עס איז אונזערע פארגאסען געווארען און מיר שטעהען נאך יעצט אין א ים פון בלוט האט ניט קיין רחמנות אויף די פרויען אונד קינדער פון די בורזשואזי און טיראנען. ווען זייא די רויבער באנדע האבען אייך געטרונקען דאס בלוט, געטראטען מיט די פיס, גלפיהרט אייערע ברידער צו די עשאפאטען, האבען זייא דאן ניט געדיינקט פון די ארבייטער פרויען און קינדער ראבע מוזען מיר נעמען פאר די בלוט פון אונזערע ברידער, מוטליכע ראבע. עס לעבע די קוילען מיט די באמבעס וואס וועלען דורכלעכערען די הערצער פון די טיראנען און בורזשואזי! עס לעבע דער פאלקס טעראר!

מיר ארבייטער מוזען וויסען דאס אזוי לאנג ווי די הוינקער און בורזשואזי וועלען עקזיסטירען, וועלען מיר אימער פארגיסען אונזער בלוט, און נאר אין זיין פארניכטונג איז אונזער באפרייאונג. די לוסט דער צושטערונג איז א שאפנדער לוסט!

ברידער! רופט צו די סאלדאטען מיט ברידערליכע גרוסען. ווען איהר זעהט אין די גאסען איר טרעפט אטריאדען סאלדאטען, דאן רופט צו זייא מיט דעם אויסגעשריי: „ברידער, שיסט ניט אין אונז! לעבען זאלען אונזערע ברידער סאלדאטען!" און ווען מיר וועלען זעהן אז די סאלדאטען זיינען איבערגעגאנגען אויף אונזער זייט, אדער דורך א שטארקען שטורם האט אונז געלונגען צו פערכאפען די די שטאדט אין אונזערע הענד, דאן מוזען מיר גלייך פארניכטען אלעס וואס איז אנגעהער צו די בורזשואזי געזעלשאפט און מיר דארפען פראקלאמירען די אנארכיסטישע קאמונע. ווען די שטאדט געפינט זיך אין אונזערע הענט דארפען מיר אלעס עקספראפרירען אין די נוצען פון אלע ארבייטער: מיר נעמען צו די פאבריקען, זאוואדען, פראדוקטען אין אונזערע הענד, מיר קלייבען זיך צונויף אין גרויסע מאסען־פארזאמלונגען, מיר ארגאניזירען די ארבייט. דאס הייסט, מיר ריידען זיך צונויף וויפיל שטונדען א טאג צו ארבייטען: דריי אדער פיער, און מיר הויבען אן צו ארבייטען אונד צו לעבען אהן פאליציי, אהן זשאנדארמען און שפיאנען, אהן בורזשויקעס און עקספלואטאטארס. איין פרייען, גליק־לאכען לעבען!

פארווערטס, ברידער, צום גרויסען קאמפף! אונטער דער אנארכיסטישער קאמוניסטישער פאן!

זיין נאמען מאכט ציטערען אלע טיראנען! ער הייסט סאציאלע רעוואלוציאן!

א טויט די בורזשואזי און טיראנען?

א טויט אלע פארמען הערשער און דיקטאטארס!

נידער מיט דעם „פריוואט אייגענטום" און זיינע פארטיידיגער די דעמאקראטען!

עס לעבע דער סאלידאריטעטער קלאסען־קאמף פון פראלעטאריאט!

עס לעבע די סאציאלע רעוואלוציאן!

עס לעבע די אנארכיסטישע קאמונע!!

**ווארשאווער פעדערירטע גרופפען**

**אנארכיסטען קאממוניסטען „אינטערנאציאנאל"**

---

## פראלעטאריער אלער לענדער פאראייניקט אייך.

## די פוילישע סאציאליסטישע פארטיי.

חברים ארבייטער!

אונזער סאטראפ סקאלאן זוכט אויס אלע ווילדערע מיטלען, מיט וועלכע ער וויל בעקעמפפען די רעוואלוציאנערע באוועגונג. זיין נייסטער איינפאל זיינען באמבעס, וועלכע ווערען געווארפען אויף דער רואיגער פובליקום, כדי צו באווייזען, אז זיין „אייזערנע לאפע" איז נויטוועגדיג פאר די „ארדנונג" אין פוילען, און אז ער מוז אנגעמען שטרענגע מיטלען, כדי צו פערזיכערען דאס לעבען פון די פרידליכע בירגער.

זונטאג ביינאכט האבען אונבעקאנטע מענשען געווארפען אין די קאנזיארניע פון „בריסטאל“ צוויי באמבעס, האבען פערוואונדעט א פאר מאן און ארויסגערופען א שרעקליכע אימה צווישען דעם עולם.

הערר סקאלאן, פערשטעהט זיך, האט דערפון צו וויסען געגעבען קיין פעטערבורג, כדי דערמיט צו בעווייזען, אז די רעוואלוציאנערע בעוועגונג אין פוילען הויבט אן צו זיין געפעהרליך פאר דעם לעבען און האב פון דער בעפעלקערונג, און אויס דעם גרונד קען דער קריגסצושטאנד אין פוילען נים אראפגענומען ווערען!

עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אז די באמבעס האבען געווארפען פראוואקאטארישע הענד דאב בעווייזען אונז כאטש די פאקטען, אז די באמבעס זיינען נים געווארפען געווארען אין די צארישע הענקער נאר אין דעם רואיגען בורזשואזען פובליקום, און אז די פאליציי האט קיין שום מיטלען נים אנגענומען, כדי די שולדיגע צו פערנעמען. דעריבער אבער האט זיך אויך דאס מאל דאס שטיקעל נים איינגעגעבען: אפילו אונזערע בורזשואזע קרייזען זיינען פעסט איבערצייגט, אז דאס האבען געמאכט פראוואקאטארען — טרייע דינער פון דעם תליון־סקאלאן. זיין כונה איז אויך לייכט צו פערשטעהן: עס געהט אום לעבען, אז די רעוואלוציאנערען זאלען פאר די אויגען פון דער גאנצער וועלט אויסזעהן ווי א ווילדע באנדע מערדערס, וואס פארשפרייט ארום זיך טויט און פארניכטונג, און אז יעדער זאל זעהן אז דער קריגסצושטאנד און די אויסנאס־געזעצען זיינען נויטווענדיגע מיטלען צו שיצען די פרידליכע בירגער פאר די ווילדע מערדערישע מהאטען פון די רעוואלוציאנערען!

עס האט זיך אבער נים איינגעגעבען דעם עולם אפצונארען! מען האט אין דעם צופיל ארויסגעזעהן די אומגעלומפערטע לאפעס פון די צארישע פאליציאנטען. יעדער ווייס שוין היינט, אז די גרעסטע געפאהר פאר די בעפעלקערונג שטעקט אין דעם הערשען פון דער באנדע מיטינאוויקעס אין אונזער לאנד! זיי לאזען ארוים אויף דער אומבעוואפענטער בעפעלקערונג ווילדע הארדעם זעלנער און קאזאקען. זיי ארגאניזירען באנדעס גנבים און מערדערס צום קאמפף מים דער רעוואלוציאן און רופען ארויס אידישע פאגראמען. און ווען די אלע מיטלען העלפען ניט, נעמט מען זיך צו באמבעס און מען שטעלט ארויס אומשולדיגע רואיגע מענשען אויף דער געפאהר צו פארליהרען דאס לעבען אדער צו בלייבען א קאליקע.

א מגפה איז נים אזוי געפעהרליך פאר אונז, ווי דאס הערשען ביי אונז פון דער באנדע צארישע תליונים.

חברים און חבר'טעס! שוין גאהענט איז די צייט, ווען דאס פאלק וועט זיך נעמען צו נופשב'ן די אלע מערדערס, פאגראמטשיקעס און פראוואקאטארן! שטרענג וועלען זיי מוזען בעשטראפט ווערען!

דעם מאמענט פון דעם פאלקס משפט איבער די אלע מערדער־מיטינאוויקעס מוזען מיר זעהן ווי אמגיכסטען צו דערנעהענטערען. מיר מוזען זיך ארגאניזירען, בעוואפענען און גרייט מאכען צו דעם לעצטען קאמפף מיט דעם פארפוילטען צאריזם. מיר מוזען צוזאמענגעמען יעצט אלע אונזערע כחות! מיר מוזען גרייט זיין צו נייע רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען!

נידער מיט דעם צאריזם!

נידער מיט דער באנדע תוליגאנעס און מערדערס מיט סקאלאנען אן דער שפיצע!

עס לעבע די רעוואלוציאן!

## דער צענטראלער ארב. קאמיטעט
## פון דער פוילישער סאצ. פארטיי.

װארשא, 29טען נאוועמבער

(10,000 עקז.)

דרוקעריי פון דעם אידישען קאמיטעט פון די פ. פ. ס.

# ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי

## פּראָלעטאַריער אלער פעלקער, פעראייניגט אייך!

---

# די „נייע" דומע.

די אלטע ד ו מ ע, וועלכע דער רעוואָ־לוציאָנס שטורם האָט אזוי האסטיג אבגע־שליידערט פון זיך, וואכט ווידער א מאָל אויף! פערפוצט „אזוי בעגייט" אין די קאָנ־צעלאַריעס פון די יעצטיגע „רעגידער" וויטע און דורנאָוואָ, האָט זי ווידער די ליכטיגע זון דערזעהען!

אין איהר ווילדען בלוט־טאַנץ, וואָס האָט ניט זיין גלייכינס אין דער מענשליכער גע־שיכטע, גלויבט די רעגירונג צו שאַפען אין איין צייט מיט די אונצעהלבא־ע תליות, קריגס צושטאנדען און פעלד געריכטען נאָך א דומע דערצו, א דומע וואָס זאָל דיענען די זעלבע זעלבסטהערשענדע אינטערעסען!

— א דומע! כלומרשט א פּארלאַמענט! און וואַהלען! אלעס דאכט זיך ווי אין א רעכטליך־איינגעאָרדענטעם לאנד, און דער־ביי די טאָג־טעגליכע ידיעות ווי די צאַרישע שליחים „בערוהיגען" די „רוה־שטערער", ווי די צאַרישע סאַטראַפּען גיסען דאָס בלוט פון פאָלק, אין זיינע אינטערעסען פערשטעהט זיך.

די וואַהלען קומען ניט פאָר, נור די רע־גירונג „מאַכט" זיי. מען שליסט דאָס מויל אפילו, דעם בעשיידענסטען ליבעראַל, מען „בעגרענעצט" און מען שטעלט אָב די פּרומ־סטע גאַזעטען! קיין אגיטאַציע, קיין וואַהל קאַמפּאַניע קיין פרייעס וואָרט די צאַרישע ביי די טאָג־טעגליכע ידיעות ווי די צאַרישע ריענער און שווארצע באַנדעס און מען קלייבט דעפּוטאַטען! און די דעפּוטאַטען וועט־לען העלפען דער רעגירונג אין איהר שווע־רע־ ארבייט... שטיקען די פרייהייט!

די רעגירונג האָט די ערסטע ערקלערט א באָיקאָט — זי באָיקאָטירט אלע עהרליך־דענקענדע, אלע פרייע עלעמענטען פון לאנד! מען פערפילט די טורמעס, מען נעמט צו אלע אינטעליגענטע קרעפטען, וואָס קענען אנפיה־רען די וואַהלען, מען איז מהרים אלעס נור וואָס בויגט ניט דעם קאָפּ, מען באָיקאָטירט גאנצע קלאַסען, מען גיעבט „פרייהייטען" נור חוליגאַנען און שווארצע מאות — און מען מאַכט וואַהלען.

די רעאַקציאָן באָדט זיך אין בלוט, זי פער־פאָלגט און טעראָריזירט דאָס גאנצע לאנד, זי רואינירט, זי מאַכט חרוב דעם גאנצעןווירטשאַפטליכען לעבען, זי ברענט, קוילעט, שיסט און צושטערט גאַנצע גובערניעס, זי „זיעגט" און וויל פערענדיגען איהר זיעג מיט דער אויפ'ס ניי רעמאָנטירטע דומע, כדי צו פערפעסטיגען איהם, כדי זיך אנצושפּאַרען אויף דעם „ווילען" פון פאָלק! און דאָס פאָלק? צו וועט ער לאָזען מאַסקירען זיין ווילען? צו וועט ער לאָזען אין זיין נאָמען ווייטער טרייבען די קאַניבאַלישע פּאָליטיק? צו וועט ער אזוי ביליג פערקויפען זיינע היי־ליגע רעכט זעלבסט איבער זיין לעבען צו שאַפען? ניין! עס קען ניט זיין! די ברייטע מאַסען ברענען מיט האַס, מיט פייער־האַס צו די טיראַנען — מאָסקווע האָט דאָס בעוויזען! די ברייטע מאַסען קענען זיך ניט בערוהיגען אויף א דומע וואָס האָט דאָס איינציגע ציעל צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָן און צו בע־נייען און פערשטארקען דעם פערבלוטיגטען מאָנאַרך! די ברייטע מאַסען זענען גרייט צום קאַמפּף! און דער פּראָלעטאַריאָט פון רוסלאַנד? דער אָנפיהרער פון דער פורכט־באַרער רעוואָלוציאָן? מיט ברענענדען האַס און טיעפסטע פעראַכטונג וועט ער אומעטום בעגעגענען די נייע וואַהלען־קאָמעדיע. דער נייער געזעץ רופט ווידער ניט דאָס גאנצע לאַנד צו די וואַהלען, ער רופט מיוחסים. ער

גיעבט דעם אַרבייטער אַזוינע וואהל־רעכטע, אַז ער וועט אפשר איין דעפוטאַט ניט קענען שיקען. ער שטעלט ארויס א „מתנה" מיט אַזוינע פירושים און בעדינגונגען וואָס נור זעלטען געבען זיי ביי דעם ארבייטער; און **אקטיווער באַיקאָט** וועט זיין דער פּאַרלאַמענטאַרישער ענטפער אויף דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער וואהלען־קאָמעדיע.

נאָך מעהר עמפערונג רופט דער נייער „געזעץ" ארויס ביי אונז, יודישע ארבייטער. ווי קונציג „דער קאָנסטיטוציאָנעלער" געזעץ איז געשאַפען! קלייבען האָבען רעכט די ארבייטער נור ווען זיי ארבייטען 50 צוזאַמען און ווען יודישע אַרבייטער געפינען זיך במעט קיין מאָל ניט אין אַזאַ צאָל אין איין אָרט? צי לײדען זיי דען ניט פון דעם צאַרישען דרוק? צו וועט דען די דומע אויך פאר זיי ניט שאַפען קיין געזעצען? און פאר וואָס דוקא מוז דער ארבייטער זיין 6 מאָנאַטען אויף א פאבריק אום צו האָבען וואהל־רעכט? און אַז וועניגער דארפען שוין זיינע אינטערעסען ניט פערטרעטען זיין? דאָן מעגען שוין די „פאָלקס דעפוטאַטען" געקליבענע פון פּאָליציי און בעשטעטיגטע פון דעם אומבעוואוסטען אביוואַטעל, אליין זאָרגען פאר דעם אַרבייטער! די קונצען ערקלערען זיך אבער גאַנץ איינפאַך: מען מוז וואָס מעהר בעזייטיגען פון די וואהלען די שעדליכע עלעמענטען. די שטערער פון דער רוה כדי מען זאָל ניט דארפען ענטפערען פאר דעם פערגאָסענעם בלוט!...

און צו אַזעלכע וואהלען געהן אונזערע ליבעראַלען, דעמאָקראַטען קאָנסטיטוציאָנאַליסטען און אַנדערע פאָלקס פריינד! זיי רעדען ווידער וועגען רעוואָלוציאָן אין דומע, וועגען אַרבייט, אין דומע פאר דער רעוואָלוציאָן, זיי ריידען וועגען רעוואָלוציאָן און העלפען דערווייל דער קאָנטר־רעוואָלוציאָן אין איהרע ארבייט! דאָס גאַנצע לאַנד איז אין פייער, דאָס גאַנצע לאַנד איז פערגאָסען מיט בלוט — און ביי זיי כאַפּט די נידערטרעכטיגקייט געהן יעצט צו די וואהלען, געהן יעצט געגען ווילען פון פאָלק, וועלכעס עס האָט מיט די לעצטע אויפשטאַנדען אַזוי שאַרף און קלאָר ארויסגעזאָגט! זיי גלויבען ווידער אַמאָל איבעריאָגען דאָס לעבען, פערקירצען די ארבייט פון דער רעוואָלוציאָן דורך זייער „שאַפענדער" טהעטיגקייט. די אָקטאָבער־אוראָקען זענען וועניג פאר זיי, זיי שרעקען זיך ווייטער פאר דעם קומענדען טאָג פון צאָרן פון פאָלק — און שטערען דער רעוואָלוציאָן אין איהר ווייטערען וועג.

אקטיווער באַיקאָט! ווער נאָר ס'איז ווירקליך א פריינד פון פאָלק — דער זאָל ניט בעטייליגען זיך אין דער צאַרישער שפּיעל! דער ארבייטער פאָלק, ער וועט אָנפיהרען די ארבייטער, ער וועט ברעכען די צארישע הייזלעך, די צארישע פלענער. מיר וועלען זיך אריינרייסען אין די וואהל־פערזאַמלונגען און אונזער רעוואָלוציאָן שטימע וועט דארטען דונערן — „נידער מיט די צארישע וואהלען! עס לעבע די קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג! מיר וועלען די וואהל הייזער אין רעוואָלוציאָנס־מיטינגען פערוואַנדלען, פון דארטען וועט דער פאָלק ווידער אַמאָל ערקלערען זיין ענדליכען ווילען, ער וועט הויך אויסרופען — „נידער מיט דער זעלבסטהערשענדער בלוטיקליקע!"

מיר וועלען די פּלענער פון דער זעלבסטהערשונג ווי מעגליך נאָר אויסנוצען אין די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציאָן, מיר וועלען די לעצטע פיהרען, ביז דעם זיגרייכען סוף! ער איז ניט ווייט, מיר זעהען איהם שוין!

ארבייטער און בירגער! פאָדערט אַלגעמיינע גלייכע דירעקטע און געהיימע וואהל־רעכט!

פאָדערט א קאָנסטיטואירענדע פערזאַמלונג! גרייט זיך צום רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד, צום לעצטען שטורם!

עס לעבען די רעוואָלוציאָן!

צענטראַל קאָמיטעט פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי.

דרוק פון צ.־ס. א. פּ. — (100 טויז.) עקז.

# באַגריסונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע

אונזער הארציקע באַגריסונג צו אייך, טוער און מיטגלידער פון ברענטש 324!

יעדער ברענטש פון אַרבעטער רינג איז אַ משפּחה פאַר זיך אַליין. האָט זיך זיין באַזונדער אָפּשטאַמונג, זיין אייגנאַרטיקע געשיכטע און זיינע ספּעציעלע מעלות. אָבער אַלע ברענטשעס צוזאַמען זיינען איין גרויסע פאַמיליע, וועלכע לעבט מיט די זעלבע שטרעבונגען, מיט די זעלבע צילן און מיט די זעלבע האָפנונגען.

פילע פון אונזערע ברענטשעס האָבן דורכגעמאַכט שטורמישע פּעריאָדן, דורכגעלעבט פאַרשידענע פּאַסירונגען, און די עדינערונגען וועגן אָט די אַלע פּאַסירונגען ווערן אָפּגעפרישט אין די טעג פון אַ יום־טוב, אין דער צייט פון אַ יובילעי פייערונג. און וואָס קען זיין הערלאַכער און שענער ווי דער יום־טוב פון אַ 25 יאָריקן יובילעי פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרבונדן איר גורל מיט דעם גורל פון די אַרבעטער מאַסן?

אייער ברענטש האָט דורכגעמאַכט געגוג שטורמישע צייטן; איר האָט געהאַט אין אייערע רייען עלעמענטן, וועלכע האָבן געזוכט צו צוברעכן אונזער אָרגאַניזאַציע. אָבער דער געזונטער חוש פון אייער מיטגלידערשאַפט, האָט געזיגט איבער די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַר קיין זאַך ניט געוואָלט אָפּשטעלן אין זייער קאַמף צו צושפּליטערן אונזערע רייען. דורך די אַלע קאַמפן איז אייער ברענטש אַרויסגעקומען פאַראייניקט, שטאַרק און דיסציפּלינירט און אין אַלע אַרבעטער רינג אַקטיוויטעטן האָט איר אַרויסגעצייגט דעם העכסטן גראַד פון לאָיאַליטעט און געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון אונזער אָרדן.

די אַלע שטריכן, וועלכע באַראַקטעריזירן די טעטיקייט פון אייער ברענטש, מאַכן אייער יום־טוב פאַר ערלאַד און פייערלאַך. אין די שווערע צייטן, וואָס מיר לעבן איצט דורך, אין דעם ביטערן קריזיס, אין וועלכן מיר געפינען זיך נאָך היינט צוטאָג, זיינען אַזעלכע ערינערונגען אַ טרייסט און אַ באַלזאַם אויפ'ן הארצן.

די טוער, פירער און מיטגלידער פון אייער ברענטש דאַרפן זיין שטאָלץ מיט דעם רעקאָרד, וואָס איר האָט זיך געשאַפן.

זאָל אייער אַקטיוויטעט אין דער צוקונפט אַנגעפירט ווערן אין דעם זעלבן גייסט, מיט דער זעלבער ליבע און איבערגעבנהייט צו דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איר האָט געהאָלפן בויען, און מיר אַלע צוזאַמען וועלן ווייטער פאָרזעצן אונזער אַרבעט פאַר דעם אידעאַל, וועלכער באַלייכט אונזער וועג צו אַ שענערער און ליכטיקערער צוקונפט.

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו קאָמיטע פון אַרבעטער רינג

ל. ראָטהמאַן, רעק. סעק.

# באַגריסונג פון אונזער פינאַנס-סעקרעטאַר

עס פאַרשאַפט מיר כבוד און פאַרגעניגן אייך צו באַגריסן פריינט, פריינדינעס און געסט, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט צו פייערן דעם 25טן יובילעאום פון אונזער לאָדזשער בראַנטש 324 אַרבעטער רינג, און לאָמיר זיך אָפּגעבן אַ ישר־כח פאַר דעם דערפאָלג פון אונזערע לאָדזשער לאַנדסלייט אַלס בראַנטש 324 אַ. ר. נאָכדעם ווי מיר האָבן געהאַט אַזעלכע שטורעם־ווינטן און אונזער שיף איז שוין אַפילו צושפּאַלטן געוואָרן און געהאַלטן אין זינקען, האָבן דאָך אונזערע קאַפּיטאַנען און פירער זיך באַמיט מיט אַלע זייערע כחות אונזער שיף, דעם לאָדזשער בראַנטש 324 אַ. ר. פאַרלאַטען און פאַרשטאָפּן די צובראָכענע ערטער וואָס איז אין אונזער שיף געמאַכט געוואָרן.

אין מיט ברייד באַגריס איך אייך אַלעמען פאַר דעם דערפאָלג און די גוטע רעזולטאַטן פון אונזער אַרבעט, אַ דאַנק וואָס אונזער שיף איז ווידער גאַנין. מיר האָבן איצט אַ שיינעם, שטאַרקן בראַנטש אין דעם אַרבעטער רינג אויף וועלכן מיר אַלע קענען שטאָלצירן.

דער פינאַנציעלער צושטאַנד פון אונזער בראַנטש האָט זיך פאַרשטאַרקט, אונזערע מיט־גלידער זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג פון דער נויטווענדיקייט צו זיין גוטשטייענר און ניט בלייבן שולדיק בילס פון איין קוואַרטאַל אויף׳ן צווייטן, ווי עס איז געווען מיט אַ גאַר קור־צער צייט צוריק. דערפאַר טאַקע זיינען מיר קיינעם ניט שולדיק קיין געלט. מיר צאָלן די בע־נעפיטס צו אונזער׳ע מיטגלידער אין צייט. מיר העלפן יוניאָנס אין זייערע סטרייקס און פילע אַנדערע אינסטיטוציעס מיט באַדייטנדע סומעס.

מיר האָבן טוער און טיכטיקע, ערלאַכע, געטרייע מיטגלידער אין אונזער בראַנטש, וואָס טוען גוטע אַרבעט פאַר אונזער לאָדזשער בראַנטש 324 אַ. ר. אויסער דעם גרינדן מיר אויך אַ פרויען בראַנטש פון פרויען פון אונזערע מיטגלידער.

איך וואָלט אויך געוואָלט געבן אַ פינאַנציעלן באַריכט פאַר די לעצטע 25 יאָר וואָס מיר עקזיסטירן. איך בין עס אָבער ליידער ניט בכוח צו טאָן, ווייל עס פעלן די ביכער פון בראַנטש פאַר דעם גאַנצן פערטל יאָרהונדערט. איך וועל זיך דערפאַר בלויז באַנוגענען מיט אַ פּאָר סטאַ־טיסטישע דאַטן וואָס איך האָב וועגן דער טעטיקייט פון אונזער בראַנטש זייט ער האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1909 מיט אַ מיטגלידער צאָל פון 23 און האָט אין יאָר 1925 דערגרייכט אַ צאָל פון 431. אונזער בראַנטש האָט געשטיצט פיל וויכטיקע אַרבעטער און קולטורעלע אינס־טיטוציעס. מיר האָבן אויסגעצאָלט קראַנקן בענעפיט צו אונזערע מיטגלידער פון יאָר 1909 ביז 1934 די סומע פון 26.048.00 דאָלאַר. צו דער הויפּט פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער רינג האָבן מיר איינגעצאָלט 40.918.55 דאָלאַר.

אַ זייער טרויעריקע סטאַטיסטיק שטעלט מיט זיך פאָר דער באַריכט פון דער שטערב־לאַכקייט פון אונזערע מיטגלידער. אין דער צייט ווען דער דורכשניט פון דער שטערבלאַכקייט ביי דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז 55 יאָר, מאַכט דער דורכשניטלאַבער עלטער פון שטערבלאַכקייט ביי אונזערע מיטגלידער אויס נאָר 41 יאָר.

איך ווינש אייך אַז דעם קומענדיקן יובילײ זאָלן מיר פייערן ביי בעסערע באַדינגונגען.

שמואל יעלין

# באַגריסונג פון דוד דובינסקי,



איך צי ווייטער די פעדים וואָס האָבן מיך צונויפגעבונדן מיט דער ארבעטער באוועגונג אין אונזער היים־שטאָט און ווינש די מיטגלידער פון לאָדזשער ברענטש 324, אז זיי זאָלן אויך ווייטער פאָרטזעצן זייער קאַמף פאר א בעסערער וועלט און געראַכטע־ער אָרדנונג.

די אינספיראציע און פונדאמענטאַלע לערע, וואָס איך האָב באקומען אין דער לאָדזשער פּאָלי־טישער שול — באגייסטערט מיך אין מיין טעגלאַ־כער ארבעט און דערפאר קומט א דאנק אייך — לאָדזשער ארבעטער.

צום יום־טוב וואָס איר פראוועט איצט צוליב אייער 25 יאָריקער טעטיקייט, שיק איך אייך מיינע הארציקסטע גרוסן און מיינע בעסטע וואונ־שן פאר ווייטערדיקן דערפאָלג אין אייער נוצלאַ־כער ארבעט.

דוד דובינסקי

---

טייערע פריינט פון לאָדזשער ברענטש 324 ארבעטער רינג:

די פאר וואכן וואָס איך בין געווען אין לאָדזש, ביי ענדע פון 1906, און שפּעטער אין 1908, זיינען געווען די שטורמדיקסטע אין מיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג. איך וואָלט זייער וועלן אמאָל זיך אוועקזעצן און טאַקע עס גוט און גרינדלאך באשרייבן. אין יענע יאָרן איז לאָדזש געווען די רעוואָלוציאָנערסטע שטאָט אין רוסלאנד און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער צאר האט געהאַלטן די שטאָט אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד און מען האָט געצאָלט א סאָל־דאט 5 דאָלאר פאר שיסן א רעוואָלוציאָנער, איז דאָך די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אנגע־גאנגען מיט אן אומגעהויערער מאכט. אבער צום באדויערן, בין איך שרעקלאך פארנומען און עס איז מיר אוממעגלאך עס צו טאָן ריכטיק. אלץ וואָס איך קען אייך זאָגן צוליב דער אנגע־לעגנהייט פון אייער יובילעי איז, אז קיין איין שטאָט אין דער אלטער רוסלאנד האָט ניט גע־האָט אזא פלאַקערדיקע רעוואָלוציאָנערע אטמאָספערע און אזא איבערגעבענע רעוואָלוציאָנערע מאסע, ווי אייער שטאָט לאָדזש. א היבשן טייל פון אָט דעם גייסט האָט איר מיטגעבראכט אין דעם נייעם לאנד און אייער ברענטש איז אן אויסדרוק פון דעם. איר פארדינט דעריבער כשר מיין הארציקסטע באגריסונג און מיין טיפן וואונטש אז דער נאָמען פון אייער היים־שטאָט לאָדזש זאָל שטענדיק זיין דער ליכט־טורעם פון אייער צוקונפטיקער טעטיקייט.

מיט גרוס, אייער,

ב. וולאַדעק

# וואס טוען לאדזשער ארגאניזאציעס אין אמעריקע?

אין דעם אומאפּיציעלן טייל פון בוך האבן מיר געוואלט ברענגען די אויסערליכע געשיכטע פון אלע לאדזשער ארגאניזאציעס, וואס זיינען טעטיק אויף פארשיידענע געביטן. מיר האבן דאס געוואלט האבן כדי דערמיט צו שאפן א גאנץ בילד וועגן לעבן און טעטיקייטן פון די לאדזשער אין אמעריקא. צום דערמאנטן צוועק האבן מיר זיך געווענדעט צו אלע לאדזשער ארגאניזאציעס וואס עקזיסטירן אין אמעריקא. ליידער האבן זיך אויף אונזער רוף אפגערופן זייער ווייניק ארגאניזאציעס און צווישן זיי דוקא אזעלכע פון וועלכע מיר האבן דערוואַרטעט, אז דורך זייער געשיכטע וועט צוקומען א אינ־טערעסאנטער קאפּיטל צו דער געשיכטע פון די לאדזשער אין אמעריקא. אנשטאט דעם האבן זיי אונז צוגעשיקט באגריסונגען, וואס מיר ברענגען אויף דעם ארט וואו זייער געשיכטע האט געזאלט געדרוקט ווערן.

אויף אונזער רוף האבן זיך אפגערופן עטלעכע ארגאניזאציעס און אונז צוגעשיקט די געשיכטע פון זייער אנטשטייאונג און טעטיקייט. די דאזיקע געשיכטעס זיינען אן און פאר זיך זייער אינ־טערעסאנט און מיר ברענגען זיי דא אין דער פארם און שפראך אין וועלכע מיר האבן זיי באקומען.

---

## די געשיכטע פון די אסאשיעיטעט לאדזשער לידיס סאסייטי

אט האט איר א קליין שטיקל היסטאריע פון אונזער סאסייטי אבער זייער א וויכטיקע און אינטערעסאנטע:

אין יולי פון יאר 1929 איז געווען דער געבורטסטאג פון אונזער סאסייטי, און טראצדעם וואס זי איז נאך אזוי יונג, האט זי שוין פונדעסטוועגן אויפגעטאן פיל גוטע ארבעט. און אין פיל פאלן איבערשטייגן פיל עלטערע לאדזשער פרויען סאסייטיס. מיר האבן א שיינע צאל מיטגלי־דער און טוען זייער נאבעלע ארבעט. אט צ. ב. איז א אינטערעסאנטער פאקט: מיר האבן אויס־גענוצט די געלעגנהייט וואס אונזער חשובע מיטגליד מרס. גוסיע לייבאוויטש איז מיט א יאר צוריק געווען אין לאדזש און האבן דורך זיי אין נאמען פון אונזער סאסייטי געקויפט א בעט אין דער קימפּעטאָרן קליניק פון לינת החולים און מיר האלטן אויס דאס בעט דורך די געלטער וואס מיר שיקן פאר דעם צוועק קיין לאדזש. איבער דעם בעט הענגט א אויפשריפט מיט אונזער נא־מען. א דאנק דער דאזיקער טאט זיינען מיר אויך אין דער לאגע צו רעקאמענדירן צום לינת החולים די קרובים פון אונזערע מיטגלידער אין לאדזש און זיי באקומען דערפאר א פארצוג, ווען זיי ווענדן זיך צום לינת החולים נאך מעדיצינישע הילף. פון ערשטן פסח אן וואס מיר עקזיסטירן שיקן מיר פאנאנדערע הונדערטער פעקלאך שפייז צו נויטבאדערפטיקטע. מיט דער היי־יאריקער פסח אקציע האט אנגעפירט מרס. דזשעני דזשייקאבס. אויסער דעם שטיצן מיר אנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס, און עס איז נאך ניט געווען קיין פאל, ווען צו אונז זאל זיך עמיץ ווענדן נאך הילף און אז ער זאל זי ניט באקומען. מיר טוען דאס, וויל מיר עקזיסטירן צו העלפן נוצליכע אינסטיטוציעס און נויטבאדערפטיקע מענטשן.

פיל גוטעס פאר אונזער סאסייטי האט אויך געטאן מרס. לינא שערמאן, אין וועמענס הויז עס איז אויף דעם רוף פון ערן־מיטגליד לואיס לייבאוויטש געגרינדעט געווארן די סאסייטי. דער עקזיסטענץ אונזערער האבן מיר אויך צו דאנקען דער ליידער יונג־פארשטארבענער עני שיד־לאווסקי, וואס איז געווען די איניציאטארין פון דער אידייע פון שאפן אזא סאסייטי ווי אונ־זערע. איר נאמען וועט אייביק בלייבן אין אונזער זכרון.

אונזער איצטיקע פּרעזידענטין איז מרס. גאסי לייבאוויטש. איר און אויך די פריערדיקע פּרעזידענטינס סארא ליווי און סיידי האמעל האבן מיר צו פארדאנקען דעם שטארקן וואוקס אונזערן. אלע אונזערע מיטגלידער באטייליגן זיך אין אונזער נוצליכער ארבעט און יעדער פארדינט א לויב. די אנדערע באאמטע אונזערע זיינען: וויס־פּרעזידענט בלומע טראַי, טרעז־שורער ריי קאפער, ד. סטיינין, פינאנס סעקרעטאר, ט. בערגמאן, רעקארדינג סעקרעטאר, ס. פיאנצבאום, אינער גארד, פ. רייזמאן, ברוקלין האספיטעלער און י. ייענער, בראנקס האספי־טעלער. די טראסטיס זיינען: ב. אקערמאן, ר. אבראמסאן און ערליך.

אלע לאדזשער פרויען ווערן געבעטן צו ווערן אונזערע מיטגלידער און אונז העלפן אין אונזער גוטער ארבעט.

# די געשיכטע פון די אינדעפּענדענט לאָדזשער יאָנג מען בענעוואָלענט סאָסייטי אין פּעטערסאָן

אונזער כאָסייטי איז געגרינדעט געוואָרן דעם 3טן אָקטאָבער 1928. צו דער גרינדונג זיינען געקומען די לאָדזשער לאַנדסלייט היימאַן וועדמאַן, דזשאָ דזשאַזעפּסאָן, כאַלאַמאַן צווייג און דזשייקאָב נאָבעל. אויף אונזער ערשטער באראטונג איז באשלאָסן געוואָרן אנצוהויבן אַן אַקטיווע ארבעט צו פאראינטערעסירן די לאָדזשער לאַנדסלייט פון פּעטערסאָן און אומגעגנט אריינצוטרעטן אין אונזער אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן געגרינדעט אונזער אָרגאַניזאַציע וואָס איר הויפּט אויפגאַבע איז צו העלפן אונ־זערע מיטגלידער און אייך אינסטיטוציעס אין אונזער היים־שטאָט לאָדזש. מיר געדענקען גאַנץ באַזונדערס די לאָדזשער לוינוועבער און זייער פעראיין באַקומט פון אונז מאַטיריעלע הילף.

אויסער דער פינאַנציעלער אונטערשטיצונג ארבעט אראנזשירן מיר זייער אָפט פאַר אונ־זערע מיטגלידער קולטורעל געזעלשאַפטלאַכע אוונטן בעת וועלכע עס ווערן געהאַלטן לעקציעס און דיסקוסיעס אויף פארשידענע טעמעס.

אונזער סאָסייטי וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט 17 טשאַרטער מעמבערס האָט שוין היינט 125 מיטגלידער און מיר צאָלן קראַנקן בענעפיט 10 דאָלאַר א וואָך פאַר 7 וואָכן. דער מיטגליד אָפּצאָל איז 8 דאָלאַר א יאָר. מיט א קורצער צייט צוריק האָבן מיר געפּראַוועט אונזער 5 יאָריקן יובילייִ און ראָן עטאַבלירט א גאָלדן בוך אין וועלכן עס ווערן פארשריבן די מיט־גלידער וואָס צייכענען זיך אויס אין זייער ארבעט.

אונזערע איצטיקע באַמטע זיינען: כאַלאַמאַן צווייג, פּרעזידענט; איזידאָר גאָלד, וויס־פּרעזידענט; אַלבערט שיינהאַוט, פינאַנס סעקרעטאַר; שלום דעמבינסקי, רעקאָרדינג סעקרעטאַר און האָספּיטעלער; בעני פרידמאַן, טרעזשורער; דזשאָ דזשאַזעפּסאָן און מאָריס בילווער, טראַסטיס און סעם לעדערמאַן, אינערגאַרד. די עקזעקוטיווע באַשטייט פון ס. צווייג, א. גאָלד, א. שיינהאַוט, ש. דעמבינסקי, כ. פרידמאַן, פּ. ריטש, ד. דזשאַזעפּסאָן, סעם זוסמאַן, מ. יאָזעה, א. האָראַוויטץ און י. נאָבעל.

דעם לאָדזשער בראַנטש 324 ארבעטער רינג דאַנקען מיר פאַר געבן אונז די געלעגנהייט צו ברענגען אין דער עפנטלאַכקייט אונזער קורצע געשיכטע און מיר ווינשן אויך ביי דער געלעגנ־הייט דעם בראַנטש נאָך פיל יאָרן פון נוצלאַכער און גוטער ארבעט.

---

# א באַגריסונג פון די שולן און קינדערהיים אין לאָדזש

## צום לאָדזשער ארבעטער רינג בראַנטש 324, ניו יאָרק

ליבע חברים און פריינט:—

צו דער פייערונג פון 25 יאָר עקזיסטענץ פון אייער בראַנטש שיקן מיר אייך צו אונזערע הייסע חברישע באַגריסונגען. מיר ווינשן אייך דעם בעסטן דערפאָלג אין אייער וויטערדיקער ארבעט לטובת אונזער באַציאַליסטישן אידעאַל.

ביי דער געלעגנהייט שיקן מיר אייך אונזער אינערלאַך הייכן חברישן דאַנק פאַר די הילף וואָס דער בראַנטש און זיינע מיטגלידער האָבן אונז געגעבן.

זאָל לעבן די ארבעטער סאָלידאַריטעט!<br>
זאָל לעבן דער זיג פון ארבעטער קלאַס!

מיט חברישן גרוס

קוראַטאָריום פון די שולן און קינדערהיימען אויף ד. נ.<br>
פון זול. מעדעם, לאָדזש.<br>
ח. ל. פּאָזנאַנסקי.

# HISTORY OF LODZER LODGE

## No. 609 Knights of Pythias

In December 1927, a small group of New Yorkers who many yeasr ago emigrated from the City of Lodz, convened, and feeling the need of fraternizing, organized the Associated Society of Lodz. Later, this society became incorporated under the laws of the State of New York when a charter was issued. The Associated Society of Lodz, Inc., as it was then known, prospered by leaps and bounds. It sought to make permanent the name of Lodz, which City was loved by all its members. Most of its constituents hailed from the City of Lodz, Poland. Its ideals were American in every respect, but it retained the splendid characteristics from its home town.

On October 16, 1930, the Associated Society of Lodz, Inc., became a part of that great order universal, the Order Knights of Pythias. It strove to retain the name Lodz, and the Grand Lodge of the State of New York granted to it the name of Lodzer Lodge No. 609 of the Knights of Pythias. This organization earned two distinctions. It was and still is the only lodge in the United States bearing the name of a City in Europe from which its orgainzers emanated. It was and still is the only Lodzer organization in this country which is a part of the Order Knights of Pythias and probably the only lodge which is a part of any large fraternal organization.

Lodzer lodge boasts a large membership, most of its members being Lodzerites or whose parents or relatives are from Lodz. The name Lodz has become a part of the largest fraternal order in the United States, and Lodzer Lodge is one of the most active subordinate lodges in the country. It is active in all movements concerning the City of Lodz and has never lost trace of its relatives in that European City. Many of its officers and active members have visited Lodz in recent years and have brought tidings from the old home town. Photographs and moving pictures are in the possession of Lodzer Lodge to make permanent the memories of its visiting members.

Lodzer Lodge is proud of its name and is proud of the signal honor bestowed upon it. It lives and will live forever to perpetuate the name of its old home town, Lodz.

## באאמטע פון לאָדזשער ברענטש 324 ארבעטער רינג

לאָזאַר בעקער ....... פּאַרזיצער

שמואל יעלין ....... פינאַנס סעקרעטאַר

גאָלדע שיבקאָ ....... פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר

פיליפּ שייפער ....... האָספּיטעלער

סובער אבראמאָוויטין ....... פּאַרזיצער פון מיטגלידער קאָמיטעט

בצלאל שטערן ....... קאַסירער

•

## מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע

יעקב קראַקאָו — הערי פּודלאָווסקי

דוד קאַפּלאַן — טשאַרלס וויסאַצקי

•

## אַראַנדזשמענט קאָמיטע

גוסטאַוו אייזנער ....... פּאַרזיצער

גאָלדע שיבקאָ ....... סעקרעטאַר

לאַזאַר בעקער — י. קראַקאָ

בצלאל שטערן — ש. יעלין

סיבער אבראמאָוויטין — הערי פּידלאָווסקי

•

## רעדאַקציע קאָלעגיע

גוסטאַוו אייזנער, פּאַרזיצער

גאָלדע שיבקאָ — לאַזאַר בעקער



Greetings on our 25th Anniversary. May the coming years lend strength and success to our endeavors for the cause of cooperation and friendship.

**Mr. & Mrs. BENNY TROY and FAMILY**

# P. KARL

## Los Angeles, Cal.

▼

On the occasion of your 25th Anniversary, I wish the Lodzer Branch 324 of the Workmen's Circle a continuous growth both numerically and intellectually, and as all the branches of the Workmen's Circle your branch shall also continuously strive for every human being to share a bigger, better and more just part of human achievement.

P. KARL
Los Angeles, Cal.

# א דאַנק צו סוכער אבראַמאָוויטש

מיר די ארבעטער פֿון ראָזענטאלס שאַפּ, דריקן אויס אונזער האַר־ציקסטן דאנק צו פריינט סוכער אבראַמאָוויטש פאר זיין נוצלאכער ארבעט וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין אונזער שאַפּ צום וואוילזיין פון אלע ארבעטער. מיר ווינשן אים נאָך פיל יאָרן פון פרוכטבארער ארבעט פאר דער אויסבעסערונג פֿון דער לאגע פון די ארבעטער. אלס צייכן פֿון אנערקענונג פארעפנטליכן מיר אונזער דאנק אין „לאָדזשער אַלמאַנאַך” וועלכן פריינט אבראַמאָוויטש האָט געהאָלפן אז ער זאָל דערשיינען.

אין נאָמען פון קאָמיטעט

ד. גאָלדסטיין

ד. נאָוואַק

דזש. בערגער

כ. סילווערבערג

ר. גראָסמאַן



זייט געגריסט חברים און פריינט צום 25 יעריקן יובילוי פון אונזער לאדזשער ברענטש 324 ארבעטער רינג.

מיר ווינשן אייך פרישן מוט פאר ווייטערדיקער נוצליכער ארבעט. דאך בוך „לאדזשער אלמאנאך", וואס איר האט געשאפן איז א מוסטער פון נוצליכער ארבעט וואס איר קענט טאן.

**גוסטאוו און דזשאנעט אייזנער**

ניו יארק.

---



צו דער געלעגנהייט פון פינף־און־צוואנציק יאריקן יובילוי באגריסן מיר הבר **בצלאל שטערן** און באדאנקען אים פאר זיין גוטער און איבערגעגעבענער ארבעט פאר די לעצטע דריי יאר אין אמט פון טרעזשורער פון ברענטש.

**עקזעקוטיוו קאמיטעט**
**לאדזשער בר. 324 א. ר.**

## פנחס לאוועגדא און פאמיליע

באגריסן אייך לאנדסלייט צו אייער 25 יאריקן יובילײ.

אונזער הארץ און נשמה איז מיט אייך.

---

Greetings from

## MR. & MRS. JACOB DUBINSKY

DUBIN'S

BROOKLYN'S FINEST BAKERS

Stores Throughout Flatbush

Tel. NAvarre 8-1766



*Compliments of*

BENJAMIN WINTER

REAL ESTATE

DELMONICO HOTEL

502 PARK AVENUE NEW YORK, N. Y.

---



As a native of Lodz and as an ardent admirer of your organizations, it is a source of great satisfaction to me to greet the Workmen's Circle on its 25th Anniversary.

ALFRED B. ROSENSTEIN

# MAKE YOURSELF *at Home* on your own ships to Europe



HERE, on Uncle Sam's new liners, the *Manhattan* and *Washington,* you enjoy modern American luxury in Tourist Class – broad decks, high up in the ship; large, beautiful public rooms; indoor tiled swimming pools; air-conditioned dining salon. The *Manhattan* and *Washington,* the world's fastest Cabin liners, carry Cabin, Tourist and Third Class. Their running mates the *President Harding* and *President Roosevelt* carry Cabin and Third Class. Weekly service to Cobh, Plymouth, Havre and Hamburg.

**NEW S. S. WASHINGTON**

**NEW S. S. MANHATTAN**

**S. S. PRESIDENT ROOSEVELT**

**S. S. PRESIDENT HARDING**

**TOURIST CLASS**

| $113 up One Way | $204 up Round Trip |
|---|---|

*See your local agent. His services are free*

## UNITED STATES LINES

ROOSEVELT STEAMSHIP COMPANY, INC., *General Agents*
No. 1 Broadway, New York — Phone DIgby 4-5800




# WHAT FOOD! WHAT FUN!

*Why White Star is the Avenue to Europe*

NOW that you can make that trip to Europe . . . what a treat for you in this great fleet . . . and what a treat for your purse in their low fares.

You'll see why travelers who have been over the sea, over and over again, have called White Star "The Avenue to Europe". You'll find in the perfect appointments of your roomy cabins, in the gracious luxury of large public rooms, in the delicious surprises that await you at every meal . . . you'll discover the thrill and the fun of travel that White Star knows so well how to give you.

World's largest ship **MAJESTIC** The ship magnificent **OLYMPIC**

*Deluxe express service to Cherbourg & Southampton*

(NEW) **GEORGIC** **BRITANNIC**

*Luxurious Cabin service to Galway, Cobh & Liverpool*

•

**$110** (up) *TOURIST CLASS*

$211 up First Class | $158 (up) Cabin Class | $84.50 (up) Third Class

Liberal reductions in all classes on round trip bookings.

*See your local agent. His services are free.*





## WHITE STAR LINE

INTERNATIONAL MERCANTILE MARINE COMPANY

*No. 1 Broadway, New York City • Telephone DIgby 4-5800*

# דער קורצסטער און ביליקסטער וועג קיין לאָדזש

ווען איר קומט צו א לאָדזשער שמחה, פרייט איר זיך מיט אייערע לאָדזשער לאנדס־לייט אין אמעריקא. די פרייד קען אָבער ניט פארגליכן ווערן מיט דער פרייד וואָס איר קענט האָבן ווען איר באַפּט זיך אריבער אין אייער אלטער היים וואו אייער וויגעלע איז געשטאנען און וואו אייערע קרובים און פריינט פון די קינדער־יאָרן לעבן.

פיל, זייער פיל מענטשן טראָגן זיך ארום מיט חלומות וועגן א באזוך אין דער אלטער היים און מיינען, אז דאָס איז א חלום וואָס איז ניט מעגלאך צו פארווירקליכן. אין דער אמת'ן איז דאָס היינט צו טאג איינע פון די לייכטסטע זאכן אויסצופירן. דער פּרייז פון אזא רייזע אין ביליק און די פארבינדונג מיט לאָדזש איז א אויסגעצייכנטע.

פון דעם פוילישן פּאָרט גדיניא קיין לאָדזש נעמט אינגאנצן עטליכע שעה, און קיין גדיניא קומט איר אָן דירעקט אָן איבערזעצונגען אויף דעם וועג און אָן וועלכע עס איז אומבאקוועמליכקייטן אויף די פארשידענע גרעניצן.

צוליב דעם פארלאנג פון א גרופּע לאָדזשער לאנדסלייט האָב איך באשלאָסן צו ארגאניזירן עטלאכע עקסקוירשענס קיין לאָדזש מיט די פוילישע שיפן **קאָשטשיושקאָ** און **פּולאַסקי**. די עקסקוירשענס וועלן אפּפאָרן אין פארלויף פון די זומער חדשים און איר קענט אייך שוין איצט רעגיסטרירן פאר די דאזיקע עקסקוירשענס. אלע רייזע דאקומענטן וועלן מיר אייך פארזארגן אָן וועלכע עס איז עקסטרא קאָסטן.

מיט אונזערע עקסקוירשענס וועט איר אויך קענען פארן קיין **סאָוועט־רוסלאנד, ארץ ישראל, רומעניע, ליטע, לאַטוויע** און אנדערע לענדער.

וויזעס פאר אלע לענדער וועלן מיר פאר אייך באזארגן.

---

## שיקט געלט צו אייערע קרובים

דורך אונזער אָפיס קענט איר אויך שיקן געלט צו אייערע קרובים פאר א ביליקן פרייז.

---

# דזשולײַ 4 עקסקוירשען $27 און העכער

פאר דעם 4טן יולי ארראנזשירן מיר אויך אן עקסקוירשען מיט דער שיף **פּולאַסקי**. דער עקסקוירשען וועט זיין קיין קאנאדע און וועט דויערן 5 טעג און זעקס נעכט.

דער פּרייז פאר דער גאנצער רייזע איינשליסנדיק די פיינסטע מאלצייטן, אויסגעצייכנטן אינטערהאלטונגס פּראָגראַם, פארשידענע שיף פארוויילונג א. ז. וו. א. ז. וו. איז פון 27 דאָלאר אָן.

פאר ווייטערדיקע אינפאָרמאציעס ווענדן זיך צו:

**GUSTAVE EISNER**
POPULAR PRICED TOURIST AGENCY
1123 BROADWAY N.Y. Cor 25th CHelsea 3-5080

# Gydnia-America Line




# אײַזנער'ס
## עקסקורשענ'ס

סאָוועט רוסלאַנד,
ארץ ישראל, פּוילען,
רומעניע, ליטע, לאַטוויע
און אַנדערע לענדער

אויב אייער רייזע אין אייער אלטער היים אדער גלאט אזוי
זיך אויף א לוסטרייזע, האט איהר די מעגליכקייט

### אָהן עקסטרא קאָסטען

צו זעהן די וואונדערשעהנע פלעצער ביי די ברעגעס פון
מיטעללענדישען ים, און איהר וועט אויך זיין אין אזעלכע
שטעדט ווי גענוא אדער טריעסט; מילאן — די גרויסע
ארכעסטרעלע און קונסט־שטאדט אין איטאליען; ווענעציא
— די שטאדט געבויט אויף וואסער; וויען — די הויפט־
שטאדט פון עסטרייך; טשעכאסלאוואקיע, פוילען, סאוועט
רוסלאנד און ענגלאנד.

שליסט זיך אן אין אונזערע פאלגענדע עקסקורשאָנס:

### קאָנטע דע סאַוואָיאַ
דזשון דעם 9טען

| ראמא | רעקס |
|---|---|
| דזשון 30, אויגוסט 24 | דזשון 23, דזשולי 21 |

ספּעציעלע פרייזען פאר ראונד־טריפּס זײַנען:

| וואַרשע | בוקאַרעסט | פּראג | וויען |
|---|---|---|---|
| $183.50 | $187.00 | $181.50 | $188.50 |

דירעקט קיין ארץ ישראל —$229.50

פריי פּוילישע וויזעס און פּאספּארטען
ריענטרי פּערמיטס שנעל באַזארגט

געלט און טארגסין ארדערס
שנעל און פּינקטליך איבערגעשיקט

ווענדעט זיך צו:

GUSTAVE EISNER POPULAR PRICED TOURIST AGENCY
1123 BROADWAY N.Y. Cor 25th St Tel CHelsea 3-5000



ORIOM PRESS, INC.
42 WEST 18th STREET - NEW YORK
Telephone CHelsea 3-8164-5

Printers of this Journal

## Attention Lodzer Countrymen

Meet Your Landsleit of Lodz at the

# LASH HOTEL

Where Health, Sport and Happiness Are Predominant



LASH HOTEL, PARKSVILLE, N. Y.

That eternal question, "Where shall I spend my vacation?" predominates the mind with the approach of the summer season. Let the **LASH HOTEL** solve your problem and ease your mind. In our many years in the world of Hoteldom, we have turned away thousands upon thousands of satisfied visitors and you also will become an everlasting friend.

Your Lodzer friend,

Mrs. JENNIE LASH
LASH HOTEL
Parksville, Sull. Co.
New York.

DANIEL LASH
Lodzer Lodge No. 609

Compliments of the

# EMPLOYEES

## of BENJAMIN TROY

266 WEST 37th STREET

NEW YORK CITY

---

SPECTACULAR STUPENDOUS

## Lodzer Excursions to the World's Fair

Very low priced excursions to the World's Fair are being organized for which all the Lodzer are making preparations.

These excursions, under my personal leadership, will leave New York June 16th and June 30th.

We are also offering special conducted tours to the World's Fair and Yellowstone National Park, which will leave July 8th and August 19th.

For reservations and further information see us.

ERIE
RAILROAD SYSTEM

## GUSTAVE EISNER

**Popular Priced Travel Bureau**

*Member, See America Council*

1123 Broadway, N. Y. C. Phone CHelsea 3-5080

# IMPERIAL GARDEN

Catering for

Weddings, Banquets, Confirmations, etc.

1209 COLGATE AVENUE

Corner Westchester Avenue BRONX, N. Y.

---

TRAVEL TO EUROPE
via Havre and Paris
on fast and modern Steamers of the

# FRENCH LINE

ILE DE FRANCE PARIS
CHAMPLAIN LAFAYETTE

Famous French Cuisine — Excellent Service — Splendid Accommodations in All Classes to Suit Every Purse.

CONVENIENCE — SPEED — COMFORT

Weekly Sailings from New York

See any of our authorized agents for particulars

French Line

19 STATE STREET NEW YORK CITY
BOwling Green 9 - 7500

איר קענט איצט פאָרן מיט די עקספרעס־שיפן
פון דער וועלט-בארימטער ענגלישער שיפס-געזעלשאפט קונארד לאין
„בערענגאריא“ 52.100 טאָן „אקוויטאניא“ 45.647 טאָן
דורך שערבורג אָדער סאוטהעמפטאָן
קיין
ארץ ישראל, פוילן, רומעניע, רוסלאַנד
און אנדערע לענדער



כ ש ר ע ס ן בהשגחת הרבנים
סערווירט דורך אידישע סטואַרדס

איר קענט איצט קויפן אייער טיקעט
אויפ'ן אינסטאָלמענט פלאַן

אלע אינפאָרמאציעס וועגן די רייזע—אויך די פרייזן
פון שיפסקארטן קענט איר באקומען ביי אונזער אגענט

CUNARD LINE

25 BROADWAY NEW YORK



Compliments of

# PHILIP SINITZER

Advertising Department of "The Day"

183 EAST BROADWAY

NEW YORK CITY


Try it today!
STUHMER'S
BREAD
"THE PUMPERNICKEL YOU'LL LIKE"


NEW
MANISCHEWITZ
tasty
NOT FOR PASSOVER USE
MATZO
WAFERS
.... different
The perfect wafer at last! Delightful and pleasing for all occasions! Try a box to-day.
MANISCHEWITZ
tasty MATZO
WAFERS

Unanimously the members of the Lodzer Young Men's Benevolent Society greet and congratulate you upon your envious achievements.

Our society, which was organized in 1902, knows and appreciates the trials and tribulations of an organization during twenty-five years existence. Your joy, therefore, should be complete.

## LODZER YOUNG MEN'S BENEVOLENT SOCIETY

HERMAN B. OBERMAN
HERMAN FISHER

---

PUlaski 5-2280
2281

# SHLUKER

Wholesale and Retail Baker

# GRAHAM

MODERN BAKERY, Inc.

855 DeKALB AVENUE

BROOKLYN, N. Y.

COMPLIMENTS

OF

Mr. & Mrs. MEYER ROSEN



18 NESTOR STREET

FRANKLIN, NEW JERSEY

DO YOU NEED
MONEY?

WE LEND UP TO
$5,000

For one year or less to be repaid in Weekly or Monthly installments

NO RED TAPE

•

IF YOU HAVE MONEY

We pay you interest at the rate of 3% per annum.

MODERN

INVESTMENT AND LOAN CORP.

Industrial Banking

*Under Supervision of New York State Banking Department*

116 FIFTH AVENUE NEW YORK

New York Brooklyn Bronx

PRINTING is not just Ink, Paper, Type, Engraving and Presses—

THERE IS THAT INTANGIBLE

SERVICE

To assist and to be on the job in the visualizing stages of the job; to anticipate the needs and requirements of the printing buyer; to carefully and accurately handle the details. . . . . . .

*That's the Personal Service of*

I. M. HIRSCH

The H. & T. PRINTING COMPANY

240 WEST 40th STREET NEW YORK CITY

Phone PEnnsylvania 6—0186

*COMPLIMENTS OF*

LAWENDA'S

Bakery & Vegetarian

RESTAURANT

1365 BOSTON ROAD

BRONX, N. Y.

Phone Kilpatrick 5—6078

## דער לאָדזשער בר. 342 א. ר.

באגריסט אייך צו אייער 25 יאָריקן יובילײ און װינשט אײך װײטערדיקן דערפאָלג אין אײער ארבעט.

לואיס פעפער, סעק.

---

## הערש מאהל פּודלאָװסקי

באגריסט דעם לאָדזשער ברענטש 324 א. ר. און אלע זײנע מיטגלידער און װינשט נאך פיל יאָרן פון ניצלאכע ארבעט פאר א בעסערער און גערעכטערער געזעלשאפטלאכער אָרדנונג

זאל לעבן די ארבעטער אײנהײט!

---

## די לאָדזשער סיק בענ. סאָסײעטי

פון פּעטערסאָן, ניו דזשערזי

באגריסט דעם לאָדזשער ברענטש 324 א. ר. צו זײן 25 יאָריקן יובילײ און װינשט אים ערפאָלג אין זײן צוקונפט.

כ. שיראצקי סעק.

---

געבענטשט די הענט װאָס האָבן געטאָן אזא װיכטיקע היסטאָרײשע ארבעט װי ארױס־געבן דעם „לאָדזשער אלמאנאך“.

## י. אײזנבערג

---

## דזשײקאָב שענקער

כשר'ע דעליקאטעסן סערװירט צו באנקעטן און פּארטיס

1406 װילקינס עװע. בראנקס, נ. י.

---

## דזשאָזעף פלײשער'ס בעקערײ

ברויט, זעמעל, פּאמפּערניקל און קעיקס

965 פרימאן סטריט בראנקס, נ. י.

---

## פרענק העכט

קעיקס, זעמעל, ברויט און פּאמפּערניקל

763 איסט 152טע סט. בראנקס, נ. י.

---

## לאָדזשער פרויען בר. 342 ב. א. ר.

אונזער הארציקע באגריסונג צום 25 יאָריקן יובילײ פון אײער ברענטש.

ס. בערעזער, פּרעזידענט

נ. ראװסקי, סעקרעטאר

---

זײט הארציק געגריסט לאָדזשער לאנדסלײט צו אײער 25 יאָריקן יובילײ.

## מאקס און פּאָלינע סאװיצקי

זובארדו און פאולינע

---

L. HARTSTEIN

423 Milford St. Brooklyn, N. Y.

A friend of yours and a former political prisoner at the Maniesh in Lodz extends his heartiest greetings on your 25th Anniversary and best wishes for further success in your work.

*Greetings from*

BENNY KAPLAN
MOE GROSSMAN
CHARLES STEIN
ROSENBLATT
EDKIN

Friends of BENNY TROY

H. SUSSMAN

318 HAMILTON AVE. PATERSON, N. J.

SAMUEL D. WOLKOW
Musical Director

411 Kingston Ave. Brooklyn, N. Y.

Phone SLocum 6-6753

A FRIEND

## LODZER SHOEMAKER

First Class Workmanship Done While-U-Wait

# I. BROSOFF

## Expert Shoe Repairing

1024 KELLY STREET

Bet. 165th and 167th Sts. BRONX, N. Y.

---

Phone TOmpkins Square 6-6600
Kingsbridge 6—6694



## JACOB BERMAN

INSURANCE

*Lodzer Landsleit Receive Special Attention*

949 BROADWAY NEW YORK CITY

---

## Mr. & Mrs. FELIX BAER

590 WASHINGTON AVE.
NEW YORK CITY

---

## HERBERT PANSY

(CHAMEL PANSKI)

69 TAFT AVENUE PROVIDENCE, R. I.

---

## SIMON PANSY

(SIMCHE PRIKAZTCHIK)

77 OVERHILL ROAD PROVIDENCE, R. I.

MORRIS LUMBER COMPANY

2262-70 WEBSTER AVE. BRONX, N. Y.

---

EAGER ROSE GARDEN, Inc.
Modern High Class Summer Resort

BUSHVILLE, SULLIVAN COUNTY, N. Y.

---

BOULEVARD MATTRESS CO.
Manufacturers of Mattresses
Box Springs, Quilts and Bedding

1314 SOUTHERN BLVD. BRONX, N. Y.

---

Mr. and Mrs. ISIDORE LAKS

768 BRADY AVENUE BRONX, N. Y.

---

LOUIS ROSENBLATT

Fancy Groceries, Appetizing
And Dairy Products

1344 LYMAN PLACE BRONX, N. Y.

---

SAM ORLAND

2751 WALLACE AVE. BRONX, N. Y.

---

ABARHAM FEFER

808 ADEE AVENUE BRONX, N. Y.

---

NEW AMERICAN COAT CORP.

247 WEST 37th STREET NEW YORK

---

LOUIS WARSAW

590—8th AVENUE NEW YORK

---

JOE COHEN

I. S. HIRSCH

240 W. 40th STREET NEW YORK CITY

MORRIS SENDES

268 HUPPES STREET BROOKLYN, N. Y.

Tel. ORchard 4-3151
Hours: 10-8

SAMUEL GREENBERG, D. D. S.

103 DELANCEY STREET NEW YORK

GORDON V. LYONS, Inc.

COATS

Lefcourt-Marlboro Bldg.
BROADWAY AT 36th ST. NEW YORK

Tel. Kilpatrick 5—8052

BENJAMIN STEINBERG

Prospect Paint & Hardware Store

Agent for Edison Mazda Lamps

1371 PROSPECT AVE. BRONX, N. Y.

BLOOM, KLINGER & WEBER
Incorporated

Manufacturers of Coats

266 WEST 37th STREET NEW YORK

DR. J. S. ANZEL

Surgeon Dentist

919 FREEMAN STREET BRONX, N. Y.

COMPLIMENTS OF

MR. & MRS. JOSEPH L. KANTROWITZ

7714 21st AVE. BROOKLYN, N. Y.

GEORGE ALPERT

MR. & MRS. PHILIP JACOBS

1373 WASHINGTON AVE. BRONX, N. Y.

Tel. LUdlow 4-0576

COUNTRY CLUB CATERERS

874 EAST 149th STREET BRONX, N. Y.

ADOLPH WEG
MORRIS UNGOR
MAX SIEGEL

Tel. UNderhill 3-2224

G. & M. GARDEN BAKERY, Inc.

1523 WESTCHESTER AVE. BRONX, N. Y.

REV. A. FEUER

Marriages Performed

1171 MORRISON AVE. BRONX, N. Y.

ISIDORE FELDMAN

Ladies' Tailor

11 WEST 56th STREET NEW YORK

IRWIN BRIMBERG, Inc.

Manufacturers of Coats

266 WEST 37th STREET NEW YORK

THE SHOTLAND CO.

Manufacturers of Coat-Suits

244 WEST 39th STREET NEW YORK

*Greetings from the*

## LODZER YOUNG LADIES AID SOCIETY, Inc.

## WELL-MADE CLOAK & SUIT CO., Inc.

*Manufacturers of*
Coats and Suits

138-144 W. 25th STREET NEW YORK CITY

Phone WAtkins 9—3531

## E. & L. CLOAK CO.

320 W. 37th STREET NEW YORK CITY

Phone MEdallion 3—4621

## TANENBAUM CLOAK CO., Inc.

*Manufacturers of*
Misses and Ladies Coats

266 W. 37th STREET NEW YORK CITY

Phone LAckawanna 4—1895

## MORRIS GABEL

*Manufacturer of*
Coats and Suits

257 W. 39th STREET NEW YORK CITY

Phone PEnnsylvania 6—8979

## GRANED CLOAK CO.

*Manufacturers of*
Cloaks and Suits

225 W. 37th STREET NEW YORK CITY

IRVING'S CUT RATE
Grocery & Appetizing
Orders Promptly Attended to

767 E. 182nd STREET BRONX, N. Y.

---

Tel. PEnnsylvania 6-1745

ALBERT J. COOPERMAN
Interior Decorator

570 SEVENTH AVE. NEW YORK

---

Tel. BEekman 3-3835

HERMAN WEINKRANTZ
Counselor at Law

123 WILLIAM STREET NEW YORK

---

Tel. INtervale 9—4210

SUPERFINE
STEAM LAUNDRY SERVICE, Inc.

1322 GARRISON AVE. BRONX, N. Y.
Cor. Longfellow Ave.

---

Mr. and Mrs. PHILIP GOLD

1525 EAST 26th ST. BROOKLYN, N. Y.

---

Mr. and Mrs. SAMUEL MANDEL

8405 BAY PARKWAY BROOKLYN, N. Y.

---

SAMUEL FELDMAN
Representing New York Life Insurance Co.

860 BRYANT AVENUE BRONX, N. Y.

---

Tel. MEdallion 3-1227

HECHT & FOX, Inc.
Mfrs. of Coats and Suits

553-555—3th AVENUE NEW YORK

J. NOBLE
362 EAST 24th STREET PATERSON, N. J.

I. GOLD
260 HAMILTON AVE. PATERSON, N. J.

S. DEMBINSKY
265 GRAHAM AVE. PATERSON, N. J.

B. FRIEDMAN
220 GOVERNEUR ST. PATERSON, N. J.

A. HOROWITZ
106 KENSINGTON TERRACE PASSAIC, N. J.

M. JOSEPH
345 FAIR STREET PATERSON, N. J.

S. SUSSMAN
714 20th AVENUE PATERSON N. J.

A. KIRSHBAUM
714 20th AVENUE PATERSON, N. J.

H. WORMAN
401 EAST 28th STREET PATERSON, N. J.

N. PLATT
328 12th AVENUE PATERSON, N. Y.

S. BORNSTEIN
202 HARRISON ST. PATERSON, N. J.

M. SANDERS
215 BURGESS PLACE PASSAIC, N. J.

R. LIEBERMAN
42 ELBION AVENUE PATERSON, N. J.

H. GREENFARB
146 HARRISON ST. PATERSON, N. J.

S. LUSHINSKY
345 EAST 23rd STREET PATERSON, N. J.

M. BORNSTEIN
402 MADISON AVE. PATERSON, N. J.

N. FRIEDMAN
324 HAMILTON AVE. PATERSON, N. J.

L. KUTNER
77 BRIDGE STREET PATERSON, N. J.

W. FINKELSTEIN
349 FAIR STREET PATERSON, N. J.

I. WOLF
49 BENSON STREET PATERSON, N. J.

I. MILGROM
216 GOVERNOR ST. PATERSON, N. J.

J. KIVAIKO
221 LAWRENCE PLACE PATERSON, N. J.

M. BLANK
34—12th AVENUE PATERSON, N. J.

S. TUCH
341 EAST 28th STREET PATERSON, N. J.

J. WEINTRAUB
380 EAST 29th STREET PATERSON, N. J.

H. EISNEN
500 EAST 23rd STREET PATERSON, N. J.

J. ARBUS
484 EAST 24th STREET PATERSON, N. J.

M. FOX
40 BENSON STREET PATERSON, N. J.

SHMULOWITZ
409 10th AVENUE PATERSON, N. J.

J. MILGRAM
216 GOVERNOR STREET PATERSON, N. J.

*-- Compliments of Our Members --*

I. KIVAIKO
221 LAWRENCE PLACE PATERSON, N. J.

M. BLANK
34 — 12th AVENUE PATERSON, N. J.

S. TUCH
341 EAST 28th STREET PATERSON, N. J.

J. WEINTRAUB
380 EAST 29th STREET PATERSON, N. J.

H. EISEN
500 EAST 23rd STREET PATERSON, N. J.

J. ARBUS
484 EAST 24th STREET PATERSON, N. J.

S. LUSHINSKY
345 EAST 23rd STREET PATERSON, N. J.

N. FRIEDMAN
324 HAMILTON AVE. PATERSON, N. J.

N. BORNSTEIN
402 MADISON AVE. PATERSON, N. J.

L. KUTNER
77 BRIDGE STREET PATERSON, N. J.

W. FINKELSTEIN
349 FAIR STREET PATERSON, N. J.

L. WOLF
49 BENSON STREET PATERSON, N. J.

A. KIRSHBAUM
714—20th AVENUE PATERSON, N. J.

H. WARMAN
401 EAST 28th STREET PATERSON, N. J.

MR. FOX
40 BENSON STREET PATERSON, N. J.

MR. SHMULOWITZ
409 — 10th AVENUE PATERSON, N. J.

S. SZWEIG
431 EAST 18th STREET PATERSON, N. J.

J. JOSEPHSON
365 VAN HOUTEN ST. PATERSON, N. J.

P. RICH
10 GODWIN AVENUE PATERSON, N. J.

A. SCHANHAUT
400 EAST 46th STREET PATERSON, N. J.

J. NOBLE
362 EAST 24th STREET PATERSON, N. J.

I. GOLD
2[illegible]0 HAMILTON AVE. PATERSON, N. J.

S. DEMBINSKY
265 GRAHAM AVE. PATERSON, N. J.

B. FRIEDMAN
220 GOVERNOR STREET PATERSON, N. J.

A. HOROWITZ
106 KENSINGTON TER. PATERSON, N. J.

M. JOSEPH
345 FAIR STREET PATERSON, N. J.

S. SUSSMAN
714 — 20th AVENUE PATERSON, N. J.

N. PLATT
328 12th AVENUE PATERSON, N. J.

S. BORNSTEIN
202 HARRISON ST. PATERSON, N. J.

M. SANDERS
215 BURGESS PLACE PATERSON, N. J.

R. LIEBERMAN
42 ELBIAN AVENUE PATERSON, N. J.

H. GREENFARB
146 HARRISON STREET PATERSON, N. J.

| NAME | ADDRESS |
|---|---|
| ABRAMOVITZ, SAMUEL | 2749 Wallace Avenue, N. Y. C. |
| ABRAMSON, ESTHER | 1700 Longfellow Avenue, N. Y. C. |
| BAKER, LOUIS | 1483 Hoe Avenue, N. Y. C. |
| BASSIN, LOUIS | 492 Avenue A, Bayonne, N. J. |
| BECKER, LAZARUS | 1250 Morris Avenue, N. Y. C. |
| BERCHMAN, MEYER | 1871 Walton Avenue, N. Y. C. |
| BERCHMAN, ROSIE | 1871 Walton Avenue, N. Y. C. |
| BERGER, JAKE | 1458 Wilkins Avenue, N. Y. C. |
| BERZINSKY, ISRAEL | 2089 Vyse Avenue, N. Y. C. |
| BERZINSKY, MORRIS | 980 East 179th Street, N. Y. C. |
| BRAUNER, JOE | 168 Norfolk Street, N. Y. C. |
| BRECHER, NATHAN | 1317 Fteley Avenue, N. Y. C. |
| BRESSOW, ISAAC | 1034 Kelly Street, N. Y .C. |
| BROYDEE, MORRIS | 1004 Eastern Parkway, B'klyn, N. Y. |
| BRUNER, HYMAN, | 982 East 178th Street, N. Y. C. |
| BULLER, LITTMAN | 333 East 100th Street, N. Y. C. |
| BUSHINSKY, SAUL | 820 East 168th Street, N. Y. C. |
| BERZINSKY, IDA | 2704 Wallace Avenue, N. Y. C. |
| CHIBKA, JOSEPH | 2440 Radcliff Avenue, N. Y. C. |
| CHIBKA GOLDIE | 2440 Radcliff Avenue, N. Y. C. |
| COOPER, HARRY | 338 East 65th Street, N. Y. C. |
| EISNER, GUSTAVE | 1123 Broadway, N. Y. C. |
| EISENMAN, ISIDOR | 1412 Franklin Avenue, N. Y. C. |
| FAJANS, MICHAEL | 2440 Bronx Park East, N. Y. C. |
| FEDERMAN, JOSEPH | 1235 43rd Street, Brooklyn, N. Y. |
| FEDERMAN, SAM | 1235 43rd Street, Brooklyn, N. Y. |
| FEINMAN, FISCHEL | 1174 Sheridan Avenue, N. Y. C. |
| FELDEN, JACOB | 449 Bristol Street, Brooklyn, N. Y. |
| FINKEL, LOUIS | 860 East 172nd Street, N. Y. C. |
| FINKELSTEIN, HARRY | 979 Rogers Place, N. Y. C. |
| FISHER, SAMUEL | 1495 Madison Avenue, N. Y. C. |
| FISHMAN, JACOB | 2184 Barnes Avenue, N. Y. C. |
| FISHMAN, SONIA | 2184 Barnes Avenue, N. Y. C. |
| FROST, PHILIP | 123 East 102nd Street, N. Y. C. |
| GANSKY, GEDALIA | 1228 East 89th Street, Brooklyn, N. Y. |
| GEBER, SAMUEL | 1101 Prospect Avenue, N. Y. C. |
| GOLDWEBER, FRANK | 922 Leggett Avenue, N. Y. C. |
| GREENBERG, FRANK | 765 Garden Street, N. Y. C |
| GREENBERG, BACKY | 765 Garden Street, N. Y. C. |
| GREENWALD, SOLOMON | 152 Harrison Street, Paterson, N. J. |
| GOLDSTEIN, DAVID | 638 Kelly Street, N. Y. C. |
| GUSOW, SAM | 543 Claremont Parkway, N. Y. C. |
| HELFER, SAM | 1505 Shakespeare Avenue, N. Y. C. |
| HILLER, DORA | 2529 Mathews Avenue, N. Y. C. |
| HOCHMAN, SAM | 51 East 98th Street, N. Y. C. |
| HOCHMAN, SARAH | 51 East 98th Street, N. Y. C. |
| HOPENGARTEN, JACOB | 701 West 180th Street, N. Y. C. |

| NAME | ADDRESS |
|---|---|
| HORN, SAM | 1464 Seabury Place, N. Y. C. |
| HAFT, MICHAEL | 2545 Ollinville Avenue, N. Y. C. |
| ISRAEL, SAMUEL | 1447 Boston Road, N. Y. C. |
| ISRAELEVITZ, PEREZ | 636 Pearl Street, Elizabeth, N. J. |
| JACOBSON, ISAAC | 2082 Davidson Avenue, N. Y. C. |
| JAMBINSKY, MORRIS | 626 East 141st Street N. Y. C. |
| KAHAN, CARL | 829 Beck Street, N. Y. C. |
| KAPLAN, DAVID | 2074 Daly Avenue, N. Y. C. |
| KARP, JOE | 2086 Creston Avenue, N. Y. C. |
| KLUGMAN, MORRIS | 2041 Pacific Street, Brooklyn, N. Y. |
| KOPELMAN, LOUIS | 966 Southern Boulevard, N. Y. C. |
| KOSKYE, SIDNEY | 3261 Westchester Avenue, N. Y. C. |
| KOVENSKY, HARRY | 1005 East 174th Street, N. Y. C. |
| KRAKOV, JACOB | 2504 Bronx Park East, N. Y. C. |
| KRAKOV, GERTIE | 2504 Bronx Park East, N. Y. C. |
| KUPERMAN, MORRIS J. | 1862 64th Street, Brooklyn, N. Y. |
| KURNENTZ, SAM | 232 South 3rd Street, Brooklyn, N. Y. |
| KUSS, KALMAN, | 1379 Teller Avenue, N .Y. C. |
| LAND, ROSE | 1905 Douglas Street, Brooklyn, N. Y. |
| LANDAU, SARAH | 875 East 163rd Street, N. Y. C. |
| LANGA, MAX | 2276 84th Street, Brooklyn ,N. Y. |
| LANGE, LEON | 1979 Walton Avenue, N. Y. C. |
| LENCH, ASHER | 235 Reid Avenue, Brooklyn, N. Y. |
| LESKY, LOUIS | 217 Quentin Road Brooklyn, N. Y. |
| LESKY, HELLEN | 217 Quentin Road Brooklyn N. Y. |
| LEVENBERG, ISIDOR | 1670 Longfellow Avenue, N. Y. C |
| LINDER, SIGMUND | 142 Orchard Street N. Y. C. |
| LIPSHITZ, NATHAN | 2072 Davidson Avenue N. Y. C. |
| LIPSHITZ, ROSE | 2074 Davidson Avenue, N. Y. C. |
| LIPSHITZ, GEORGE | 1886 Harrison Avenue N. Y. C. |
| LEFKOVITZ, ABE | 992 Fox Street, N. Y. C. |
| MAREN, ISAAC | 1807 Clinton Street, Linden, N. J. |
| MICHALINSKY, JACOB | 254 Boerum Street, Brooklyn, N. Y. |
| MICHALINSKY, DORA | 254 Boerum Street, Brooklyn, N. Y. |
| MERNICK, SAMUEL | 674 Snediker Avenue Brooklyn, N. Y. |
| MUITERPEARL, ABRAHAM | 914 Simpson Street, N. Y. C. |
| MALLOCK, JESSIE | 66 Post Avenue, N. Y. C. |
| NACHMANOVITZ, NATHAN | 393 Hewes Street, Brooklyn, N. Y. |
| NACHT, ROSE | 1926 72nd Street, Brooklyn, N. Y. |
| NEIDENBERG, MORRIS | 891 Fox Street, N. Y. |
| OLSTEIN, LOUIS | 1988 Newbold Avenue, N. Y. C. |
| OSTRINSKY, BARNETT | 1461 Hoe Aveune, N. Y. C. |
| PARIS, LEE | 4711 Avenue D, Brooklyn, N. Y. |
| PERLMAN, MAX | 1149 Fteley Avenue N. Y. C. |
| PITTEL, BERNARD MAX | 1770 East 172nd Street, N. Y. C. |
| PITTEL, DORA | 1770 East 172nd Street, N. Y. C. |

| NAME | ADDRESSS |
|---|---|
| POSNER, MORRIS L. | 1898 Longfellow Avenue, N. Y. C. |
| PADLOVSKY, HARRY | 1973 Vyse Avenue, N. Y. C. |
| PADLOVSKY MARY | 1973 Vyse Avenue, N. Y. C. |
| RAPHAEL, ISRAEL, | 870 Riverside Drive, N. Y. C. |
| RAPHAEL, GLIKA | 870 Rivesride Drive, N. Y. C. |
| RAPPOPORT, HYMAN | 815 Fox Street, N. Y. C. |
| RAPPOPORT, MAX | 91 Stockholm Street, Brooklyn, N. Y. |
| ROCKET, ABE | 1975 Creston Avenue, N. Y. C. |
| ROCKOVSKY, SAM | 1555 Minford Place, N. Y. C. |
| ROSENBLATT, CHARLES | 1920 Walton Avenue, N. Y. C. |
| ROSENZWEIG, SIGMUND | 3094 Darby Street, Brighton Beach, N. Y. |
| ROTTENBERG, DAVID | 324 Logan Street, Brooklyn, N. Y. |
| ROTTENBERG, PETER | Mohegan Colony, Peekskill, N. Y. |
| REICHER, JACOB | 874 East 180th Street, N. Y. C. |
| SADT, HARRY | 310 East 102nd Street, N. Y. C. |
| SAGMAN, MARCUS | 346 East 173rd Street, N. Y. C. |
| SAMPOLINSKY, BACKIE | 595 Tinton Avenue, N. Y. C. |
| SANDER, MAX | 830 E. 163rd Street, N. Y. C. |
| SCHAEFER, PHILIP | 483 East 170th Street, N. Y. C. |
| SCHAEFER, ANNIE | 483 East 170th Street, N. Y. C. |
| SCHNEIDER, FRITZ | 340 E. Houston Street, N. Y. C. |
| SCHWARTZ, PINCUS | 8758 Bay Parkway, Brooklyn, N. Y. |
| SHAIN, JACOB | 496 Manhattan Avenue, N. Y. C. |
| SHAIN, MARY | 496 Manhattan Avenue, N. Y. C. |
| SHALLY, SAUL | 2175 Morris Avenue, N. Y. C. |
| SHLAMOVITZ, MORRIS | 1746 Andrews Avenue N. Y. C. |
| SILBERBBERG, BINEM | 911 Simpson Street, N. Y. C. |
| SILVER, ABRAHAM | 2766 Barnes Avenue, N. Y. C. |
| SINGER NATHAN | 835 Walton Avenue, N. Y. C. |
| SISHOLTZ, PHILIP | 561 East 93rd Street Brooklyn, N. Y. |
| SMOKLER, SALLY | 2355 62nd Street, Brooklyn, N. Y. |
| SMOKLER, YETTA | 2355 62nd Street, Brooklyn, N. Y. |
| SOBEL, MORRIS | 915 East 179th Street, N. Y. C. |
| STEINBERG, BENJAMIN | 1371 Prospect Avenue, N. Y. C. |
| STERN, CHARLES | 1344 Lyman Place, N. Y. C. |
| SUGAR, NATHAN | 2228 Mermaid Avenue, Coney Island, N. Y. |
| SARNER, IRVING | 2911 Barnes Avenue, N. Y. C. |
| TIEFENBACH, SOLOMON | 1975 Grand Avenue, N. Y. C. |
| TROY, BENNY | 2440 Bronx Park East, N. Y. C. |
| TROY, MOLLIE | 2440 Bronx Park East, N. Y. C. |
| TURK, SAM | 1079 Hall Place, N. Y. C. |
| WARSHAFSKY, ISIDOR | 1118 Kelly Street, N. Y. C. |
| WASSERMAN, ISRAEL | 743 East 5th Street, N. Y. C. |
| WEINBERG, MAX | 2911 Barnes Avenue, N. Y. C. |
| WEINBLUM ABE | 122 Sutter Avenue, Brooklyn, N. Y. |
| WEISSMAN, JACK | 1134 Stratford Street, N. Y. C. |

| NAME | ADDRESSS |
|---|---|
| WICHNOVITZ, HYMAN | 250 Nassau Avenue, Brooklyn, N. Y. |
| WINSKY, BENNIE | 228 Mermaid Avenue, Coney Island, N. Y. |
| WISSOTSKY, CHARLES | 1230 Spofford Avenue, N. Y. C. |
| WOLF, MAX | 1442 Vyse Avenue, N. Y. C. |
| WOLF, PHILIP | 2700 Bronx Park East, N. Y. C. |
| YAMPOLSKY, JACK | 140 Wyckoff Avenue, Brooklyn, N. Y. |
| ZOLLER, PAUL | 1150 Vyse Avenue, N. Y. C. |
| ZWEIBON, WILHELM | 1378 Teller Avenue, N. Y. C. |

M. DAVES
129 RIVER ROAD FAIR LAWN, N. J.

J. COHN
734 EAST 9th STREET NEW YORK

E. COHN
734 EAST 9th STREET NEW YORK

B. SILVERBERG
2749 WALLACE AVENUE BRONX, N. Y.

D. NOVACK
2180 HOLLAND AVE. BRONX, N. Y.

S. LIPSHITZ
NEW YORK CITY

J. JACOBS
1356 WALTON AVE. BRONX N. Y.

M. RIES
1192 FOX STREET NEW YORK

S. GLICK
115 MARCY PLACE BRONX, N. Y.

MR. BARSKY
1475 GRAND CONCOURSE BRONX, N. Y.

M. SERADSKY
PATERSON N. J.

SAM POLAK
767 EAST 182nd STREET BRONX N. Y.

Mr. and Mrs. SHERESHEFSKY
765 E. 182nd STREET BRONX, N. Y.

Mr. and Mrs. SOL PLOTINSKY
765 EAST 182nd STREET BRONX, N. Y.

LOUIS M. GREENBERG
RADIOS
3891 THIRD AVENUE NEW YORK

A. SULZBERGER
475 GRAND CONCOURSE BRONX N. Y.

MORRIS PINKUS
2720 GRAND CONCOURSE BRONX

MAX MADVIN
1768 BRYANT AVENUE BRONX, N. Y.

Mr. and Mrs. MORRIS FISHLEWITZ
3520 DeKALB AVENUE BRONX, N. Y

MORRIS SANDER
268 HOOPER STREET BROOKLYN N. Y.

JOE COHEN
734 EAST 9th STREET

MAX HILLER
28 PENNANT COURT
BRIGHTON BEACH BROOKLYN, N. Y.

A. BERMAN
1983 BRYANT AVENUE BRONX, N. Y.

J. LEDERMAN
1970 WALTON AVE. BRONX, N. Y.

MORRIS STERN
902 EAST 176th STREET BRONX, N. Y.

HERMAN B. OBERMAN
1440 BROADWAY NEW YORK

S. ZWEIG
431 EAST 18th STREET PATERSON, N. J.

J. JOSEPHSON
365 VAN HOUTEN ST. PATERSON, N. J.

P. RICH
10 GODWIN AVENUE PATERSON, N. J.

A. SCHONHAUT
400 EAST 46th ST. PATERSON, N. J.

## מיר טרויען דעם פארלוסט פון אונזערע פאַרשטאָרבענע מיטגלידער

מאקס וואלקאנו — — — — — — — — — — 19טן דעצעמבער 1919

הערי וויינקראנץ — — — — — — — — — — 14טן סעפטעמבער 1922

דזשייקאב בערלינער — — — — — — — — — — 18טן מערץ 1924

סאל הוימאן — — — — — — — — — — — 21טן אויגוסט 1924

הערי ראפּאפּשיק — — — — — — — — — — 20טן אקטאבער 1925

אייבראהאם אלסטיין — — — — — — — — — 29טן מאי 1927

הערי סיגעל — — — — — — — — — — 30טן סעפטעמבער 1927

יאזעף קאהען — — — — — — — — — — 1טן נאוועמבער 1929

אייבראם צוקער — — — — — — — — — 4טן דעצעמבער 1929

אלעקס געלבארט — — — — — — — — — — 1טן יולי 1931

מארים ברעבער — — — — — — — — — — 26טן נאָוועמבער 1931

סעם הילער — — — — — — — — — — — 23טן דעצעמבער 1931

דייוויד סיניאק — — — — — — — — — — 1טן מערץ 1932

מארים לאנדוי — — — — — — — — — — — 13טן מאי 1932

שמואל ליבערמאן — — — — — — — — — — 28טן יוני 1932

מאקס דזשייקאבס — — — — — — — — — — 28טן יולי 1932

איזידאר וואלמאן — — — — — — — — — — 6טן סעפטעמבער 1932

הערי לעוויט — — — — — — — — — — — 19טן יוני 1933

הערי קאמפּאלינסקי — — — — — — — — — — 4טן יאנואר 1934



WEINBLUM, ABE ........................ 1134 Sh...

WEISSMAN, JACK ........................

Date Due

| | | | |
|---|---|---|---|
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |

PRINTED IN U.S.A.